STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02101

DER TEROR GEGEN SOTSYALISTEN IN RUSLAND UN IN GRUZ

Jewish Socialist Verband

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער טעראָר געגען סאָציאַליסטען
אין רוסלאַנד און אין גרוזיע

ארויסגעגעבען אויף אידיש פון דעם

אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד

אין אויפטראַג פון דעם

סאָציאַליסטישען-אַרבייטער אינטערנאַציאָנאַל

ניו יאָרק, מערץ, 1925.

די גאַנצע איינאַהמע פון דיזען בוך געהט פאַר דעם פאָנד צו העלפען די אַרעסטירטע און פאַר־שיקטע סאָציאַליסטען אין סאָוועט־רוסלאַנד.

פון די אַרויסגעבער.

אויף דער זיצונג פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון סאָציאַליסטישען אַרבייטער־אינטערנאַציאָנאַל אין לוקסעמבורג אין יאַנואַר, 1924, איז באַשלאָסען געוואָרען, לויט דעם פאָרשלאַג פון גענאָסע עמיל וואַנדערוועלדע, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל אַרויסגעבען אַ באַזונדערע בראָשורע אין אַלע אייראָפּעאישע הויפּט־שפּראַכען וועגען דעם טעראָר, וואָס ווערט געפיהרט אין רוסלאַנד און אין גרוזיען געגען די סאָציאַליסטישע פאַרטייען. אויספיהרענדיג דעם באַשלוס, האָט דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט באַשטימט אַ קאָמיסיע פון די גענאָסען ר. אַבראַמאָוויטש, ו. סוכאָמלין און י. צערעטעלי, וועלכע האָבען איבערגענומען צוזאַמענצוקלייבען דעם נויטיגען מאַטעריאַל און צוזאַמענשטעלען די בראָשורע.

דער פאָרליגענדער בוך אנטהאַלט אין זיך דעם רעזולטאַט פון אָט דער אַרבייט פון די דערמאָנטע גענאָסען. צוזאַמענשטעלענדיג דעם ווערק, האָבען די פאַרפאַסער זיך אָפּגעזאָגט פון געבען אַן אויסשעפּענדען בילד פון דעם טעראָר, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין רוסלאַנד אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג. די שילדערונג פון דער עפּאָכע פון דעם אַזוי גערופענעם „רויטען טעראָר" וואָלט ניט געווען מעגליך אָהן אַ שילדערונג פון די אורזאַכען און דער אַנטוויקלונג פון דער בירגער־מלחמה, ווי אויך פון דעם „ווייסען טעראָר" פאַר די יאָהרען 1918—1921. און דאָס איז ניט געווען די אויפגאַבע פון דער דערמאָנטער קאָמיסיע.

כאַראַקטעריזירענדיג דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישען צושטאַנד אין היינטיגען רוסלאַנד און די סיסטעם פון פאַרפאָלגונגען, וואָס ווערט אָנגעפיהרט אין סאָוועט־רוסלאַנד געגען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, דאָס הייסט אויך געגען יענע טיילען פון פאָלק, געגען יענע עלעמענטען פונ'ם אַרבייטער־קלאַס, פּויערים־קלאַס און סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, וועלכע דיזע פּאַרטייען רעפּרעזענטירען — ווילען די מחברים ניט זאָגען, אַז די באָלשעוויסטישע דעספּאָטיע פאַרפאָלגט ניט אויך אַנדערע פּאָליטישע שטרעמונגען, גרופּען און ריכטונגען, אָבער אויב מען זאָל נעמען די סטאַטיסטיק פון דער אונפּריווילעגירטער באַפעלקערונג פון די רוסישע טורמעס און פאַרשיקונגס־ערטער, וועלען מיר זעהן, אַז אָנהויבענדיג פון דער איינפיהרונג פון דער „נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק" און דעם שלום פון דער בירגער־מלחמה,

באשטעהט זי **כמעט אויסשליסליך** פון פארטרעטער פון סאָציאַליסטישע שטרעמונגען און ריכטונגען, וועלכע נעמען ארום ניט נאָר אַלע פראַקציעס פון דעם רוסישען סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם, נאָר אויך אַ טייל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גופא (אַזוי גערופענע „ארבייטער אָפּאָזיציע“).

אין דעם בוך האָבען די מחברים געברויכט אויסשליסליך אַזעלכע מאַטעריאַלען און פאַקטען, וועלכע זיינען דאָקומענטאריש און אָהן שום צווייפעל פעסטגעשטעלט געוואָרען אַלס פאַקטען. זיי האָבען זיך אָפּגעזאָגט אריינצונעמען אַ גאַנצע רייהע בולט'ע און העכסט כאַראַקטעריסטישע ערשיינונגען, ווען עס איז ניט געווען קיין פאָלשטענדיגע מעגליכקייט צו קאָנטראָלירען זייער זיכערקייט.

דער בוך ווערט אַרויסגעגעבען אין אויפטראַג פון סאָציאַליסטישען ארבייטער־אינטערנאַציאָנאַל אין דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. די אידישע אויסגאַבע איז דורכגעזעהן געוואָרען דורך גענ. ר. אבראַמאָוויטש, וועמען עס געהערען אויך די רעדאקציאָנערע אָנמערקונגען אין טעקסט.

ניו יארק, 6טער מערץ, 1925.

דער טעראָר געגען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד.

ווענען די פארפאָלגונגען, וועלכע ס'שטעהען אויס די סאָציאַליסטען אין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָט מען אין אויסלאַנד — אפילו אין די סאָציאַליסטישע קרייזען — ניט קיין ריכטיגע פאָרשטעלונג. געוויינליך מיינט מען, אַז די דאָזיגע פארפאָלגונגען זיינען פונ'ם זעלבען כאָרט, ווי זיי ווערען פון צייט צו צייט פּראַקטיצירט אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער געגען די קאָמוניסטען. דאָס אָבער איז אַ פאַלשע מיינונג. די סיסטעם פון טעראָר, וועלכע הערשט אין רוסלאַנד, האָט ניט איהר גלייכען אין דער גאַנצער וועלט. פון אזא ערשיינונג ווייסט ניט נאָר די געשיכטע פון מערב־אייראָפּא, נאָר אפילו די געשיכטע פון דער צאַרישער רוסלאַנד. די סיסטעם איז ענג פאַרבונדען מיט דעם *אַלגעמיינעם פּאָליטישען רעזשים*, וועלכען די באָלשעוויקעס האָבען איינגעפיהרט אין רוסלאנד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917.

1. דער פּאָליטישער רעזשים אין סאָוועט־רוסלאַנד.

ווייט איז דער וועג, וועלכען די באָלשעוויקעס האָבען דורכגעמאַכט, זינט זיי האָבען אָנגענומען די „סאָוויעטען־סיסטעם" און פאַרוואָרפען די פּרינציפּען פון „פאָרמעלער דעמאָקראַטיע".

דער געדאַנק וועגען *צייטווייליג* אָפּנעהמען פּאָליטישע רעכט ביי די *קאַפּיטאַליסטען* כדי ערפאָלגרייך דורכצופיהרען אַ קאָמוניסטיש־פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און קענען בעסער פאַרטיידיגען די רעוואָלוציע אינ'ם בירגער־קריג — אָט דער געדאַנק האָט זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדעלט אין אַ סיסטעם פון *דויערנדער* פּאָליטישער און בירגערליכער רעכטלאָזיגקייט פון *אַלע געזעלשאַפטליכע קלאַסען אין רוסלאַנד*, — אין די אינטערעסען פון אַן אומבאַשרענקטער דעספּאָטישער הערשאַפט פון דער *באָלשעוויסטישער פּאַרטיי*.

מיר קענען זיך דאָ גענוי ניט אָפּשטעלען אויף דער פולשטענדי־

גער פאַרניכטונג פון דער סאָוויעטען־סיסטעם, אויף דעם פאַקטישען אָפּשטאַרבען פון די סאָוויעטען און די פולשטענדיגע אָפּשאַפונג פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע פון 1917. מיר ווילען זיך דאָ ניט פאַרנעהמען אויך מיט די אַלע ענדערונגען און שטרייטונגען, וואָס האָבען זיך אָפּגעשפּילט אין די טיפענישען פון דער הערשענדער פּאַרטיי גופא און וועלכע האָבען זיך אַזוי בולט אַרויסגעוויזען אין דער „פּאַרטיי־דיסקוסיע” און אין דער „מעשה־טראָצקי”. מיר ווילען דאָ נאָר אין אַלגעמיינע שטריכען כאַראַקטעריזירען די פּאָליטישע אומגעבונג ,אין וועלכער ס'לעבען און קעמפען די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען, איז די ג אַ נ צ ע באַפעלקערונג פון רוסלאַנד, אָהן אונטערשייד פון קלאַסען, באַרויבט געוואָרען פון די עלעמענטאַרע פּאָליטישע רעכט. די בירגער פון'ם „פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע סאָוויעט־רעפּובליקען” — אריינגערעכענט אויך די אַ ר ב י י ט ע ר, די פּויערים און אָנגעשטעלטע — האָבען ניט קיין רעכט שריפטליך אָדער מינדליך אַרויסצוזאָגען זייער מיינונג וועגען וועלכער ס'איז געזעלשאַפטליכער, פּאָליטישער, רעליגיעזער פראַגע. זיי טאָרען ניט צענויפרופען פאַרזאַמלונגען, אַרויסגעבען צייטונגען, אָרגאַניזירען זיך אין פאַראיינען סיי פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע, קאָאָפּעראַטיווע, אָדער אַפילו ליטעראַרישע, וויסענשאַפטליכע און אַזוי ווייטער. אַרויסגעבען צייטונגען און ביכער, צענויפרופען פאַרזאַמלונגען, אָרגאַניזירען פאַראיינען, אויסגעקליבען ווערען אין וועלכער ס'איז סאָוויעטישער איינריכטונג (אין די ראַטען, געווערקשאַפטען, קאָאָפּעראַטיוועז) קאָנען נאָר די פּערזאָנען, וועלכע געהערען צו דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (ר. ק. פּ.). י ע ד ע פ ר י י ע ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י כ ע טעטיגקייט אויף וועלכען ניט איז געביט, סיי ריין ליטעראַרישע, סיי וויסענשאַפטליכע, רעליגיעזע א. ד. גל., איז — פ אַ ר ב אָ ט ע ן. אין רוסלאַנד איז קיין סימן ניטאָ פון וועלכער ס'איז פרייהייט; קיין פרייהייט פון ריידען און פּרעסע, קיין פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען און פאַראייניגען זיך, קיין פרייער שול־אונטעררכט און, זעלבסטפאַרשטענדליך, קיין פרייהייט פון דער פּערזאָן און אומבאַרירקייט פון דער היים*). אַזוי אַרום זעהען מיר, אַז ניט נאָר די פולשטענדיגע פּאָליטישע מאַכט, נאָר אויך

---

*) מיר האָבען אין אונזערע הענט אַ צירקולאַר, אונטערגעשריבען פון לעניג'ס אלמנה (נ. קרופּסקאַיאַ), אין וועלכען ס'ווערט פאָרגעשריבען צו באַזייטיגען פון אַלע ביבליאָטעקען אַלע „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע און ניט־קינסטלערישע” ווערק. אויף דער „שוואַרצער ליסטע” זיינען פאַרצייכענט געוואָרען, למשל, אַזוינע ביכער, ווי: די ביבעל, דער קאָראַן, דער תלמוד, און אַלע אַנדערע ווערק מיט אַ רעליגיעזען אינהאַלט; אַ אויסנאַהם איז

וועלכע ס'איז מעגליכקייט פון פּאָליטישער טעטיגקייט אין סאָוויעט־
רוסלאַנד איז די אויסשליסליכע מאָנאָפּאָליע
פ; א האַלבען מיליאָן מיטגלידער פון דער רעגירונגס פּאַר־
טיי.

כדי איינצוהאַלטען און פאַרפעסטיגען די מאַכט פון דער הערשענ־
דער פּאַרטיי איז געשאַפען געוואָרען א געוואַלדיג שטאַרקער, פאַר־
צווייגטער אַפּאַראַט פון פּאָליטישען שפּיאָנאַזש. חוץ דער באַרימטער,
אַלמעכטיגער געהיים־פּאָליציי („טשעקאַ"), וועלכע באַזיצט אַן אומ־
באַגרעניצטע מאַכט, וועלכע האָט אין איהר רשות באַזונדערע מילי־
טערישע אָפּטיילונגען פון אַלע מינים וואַפען („וואָכראַ", „טשאָן"),
מיט אייגענער קאַוואַלעריע און אַרטילעריע, מיט צענדליגער טויזענטער
געהיימע אַגענטען און שפּיאָנען, איז פאַראַן באַזונדער ספּעציעלע
אָרגאַניזאַציעס פאַר שפּיאָנאַזש, די אַזוי־גערופענע „קאָמוניסטישע קע־
מערלאַך", וועלכע קאָנטראָלירען אַלע פאַבריקען, זאַוואָדען, וואַרשטאַ־
טען, קאַנצעליאַריעס, לעהר־אַנשטאַלטען א. ד. גל.. אין דער לעצטער
צייט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען אפילו אין אַלע פּריוואַטע
הייזער, וועלכע זיינען לויט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע
דאָס אייגענטום פון די אָרטיגע סאָוויעטען, אָדער פון דער מלוכה,
באַזונדערע „הויז־קאָמיטעטען" פון קאָמוניסטען, וועמענס וויכטיגסטע
אויפגאַבע איז צו קאָנטראָלירען דעם פּריוואַטען לעבען פון דער באַ־
פעלקערונג. באַזונדערס שווער איז די לאַגע פון די אַרבייטער און

געמאַכט געוואָרען נאָר פאַר די באָלשעוויסטישע אַנטי־רעליגיעזע „שאַפונ־
גען". אויף זער ליסטע זיינען פאַרצייכענט געוואָרען די פילאָזאָפישע און
פּסיכאָלאָגישע ווערק פון: קאַנט, דעקאַרט, פּלאַטאָן, ספּענסער, שאָפּענהאַו־
ער, מאַך, דזשוימס, העפדינג, ווידיענסקי, און אַנדערע. וויטער זיינען
פאַרבאָטען געוואָרען: קאַרלאַיל, קראָפּאָטקין, מעטערלינג, ניטשע, פּ. לאַנגע,
וול. סאָלאָוויאָוו, ל. טאָלסטאָי, מיט אַן אויסנאַהמע פאַר זיינע ראָמאַנען,
מירבאָ, מאַרגעריט, אַ סך רוסישע בעלעטריסטען; אַלע קינדער־זשורנאַלען
חוץ די באָלשעוויסטישע, אַלע פּאָליטישע שריפטען, וועלכע באַקעמפען דעם
באָלשעוויזם אָדער פּראָפּאַגאַנדירען די דעמאָקראַטישע רעפּובליק, די פּאָליטישע
פרייהייטען, דעם אַלגעמיינעם וואַהל־רעכט, א. אז. .

אַלע באַזייטיגטע שריפטען מוזען פאַרניכטעט ווערען. נאָר אין די
גרויסע אַקאַדעמישע ביבליאָטעקען קענען פאַרבלייבען צו איין עקזעמפּליאַר
פון אַזעלכע ווערק, ווי די עוואַנגעליום, קאַנט'ס ווערק און אַנדערע שריפטען
פון אַ וועלט־היסטאָרישער באַדייטונג.

פון די פאָלקס־ביבליאָטעקען מוזען גלייך באַזייטיגט ווערען אפילו די
אַלע באָלשעוויסטישע „ביכער און בראָשורען און סאָוויעטישע ציר־
קוליאַרען (1918-1920) וועגען די פראַגען, וועלכע ווערען איצט דורך

דער סאָוויעטישער מאַכט אַנדערש געלייזט, ווי אמאָל. (אַגראַר־פּראַגע,

אָנגעשטעלטע, וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין דער אינדוסטריע אָדער אין די רעגירונגס־איינריכטונגען. זיי געפינען זיך אונטער דעם שווערען יאָך פון דער הערשענדער רעגירונגס־פּאַרטיי, ווייל כמעט אַלע ווירטשאַפטליכע און פּראָדוקטיווע מעגליכקייטען געפינען זיך אין איהרע הענט. די הערשענדע פּאַרטיי קאָן טאָן מיט יעדען רוסישען בירגער מיט יעדען אָנגעשטעלטען און אַרבייטער, וואָס איהר געפעלט. דער אַרבייטער קען יעדען אויגענבליק אַרויסגעוואָרפען ווערען פון פאַבריק, פון וואַרשטאַט; דער אָנגעשטעלטער קען פאַרלירען זיין שטעלע און צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אַרויסגעטריבען ווערען אויפ'ן גאַס, אויף הונגער, עלענט און נויט. ביי דער שרעקליכער אַרבייטסלאָזיגקייט, וועלכע הערשט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, (אָנהויב 1925 — 1.400.000) איז דער ווירטשאַפטליכער דרוק פון דער הערשענדער־פּאַרטיי איינע פון די שאַרפסטע מיטלען געגען איהרע געגנער, אמאָל נאָך מעהר ווירקזאַם, ווי אַלע מאַכט־מיטלען פון פּאָליצייאישען און פּאָליטישען כאַראַקטער.

אזוי זעהען אויס די באַדינגונגען אין סאָוויעט־רוסלאַנד, דאָס איז די פּאָליטישע אומגעבונג, ביי וועלכער ס'קומט פאר די טעטיגקייט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַלע אַנדערע ניט־קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

מיר רעדען שוין ניט פון די אזוי־גערופענע „בירגערליכע" פּאַר־

שטייערען־סיסטעם, האַנדעלס־פריהייט, געזעלשאַפטליכע פאַרזאָרגונג א. אז. וו. צירקוליאַר 3 §).

און דער דאָזיגער צירקוליאר איז ניט פארבליבען נאָר אויפ'ן פּאַפּיר.

אין וויאַטקע, צום ביישפּיל, זיינען צוגעקומען צו די פאַרבאָטענע ביכער די ווערק פון: העגרי דזשאָרדזש, מעקדאָנאַלד, קאַאוטסקי, פּלעכאַנאָוו, אין דער ביבליאָטעק פון אַן אויעזדנער שטאָט זיינען באַזייטיגט געוואָרען די ווערק פון לאַפאַרג. די אַלע פאַרבאָטענע און באַזייטיגטע ביכער האָט מען צוגעשלעפּט אין פּאָליט־ביוראָ (טשע־קא). אין וויאַטקער גובערניע האָט מען צו די פאַרבאָטענע ביכער צוגעגעבען אַלע ווערק פון הערצען, וועלכע זי נען עפענטליך פאַרברענט געוואָרען.

די לעצטע קאָנפערענץ פון די ביבליאָטעקען־פאַרוואַלטער (אין מאָסקווע, פעבּרואַר 1924) האָט נאָך מעהר פאַרגרעסערט די שוואַרצע ליסטע מיט איניגע ווערק פון טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי, (אַנאַ קאַרעגינאַ, וואָסקרעסעניע), גאָנטשאַראָוו, ל. אַנדרעיעוו, און אַנדערע.

גלייכצייטיג האָבען זיך אָנגעהויבען שרעקליכע פאַרפאָלגונגען געגען אַלע סטודענטען ניט־קאָמוניסטען. אין זומער פון 24 זיינען פון די אוניווערזיטעטען באַזייטיגט געוואָרען צענדליגע טויזענטער סטודענטען, גאַנץ אָפט אַזוינע, וועלכע האָבען שוין געהאַלטען ביים פאַרענדיגען דעם אוניווערזיטעט.

טייען. זייער טעטיגקייט איז פאַרמעל פאַרבאָטען, און די דאָ־
זיגע פּאַרטייען גופא, וועלכע שטיצען זיך אויף יענע שיכטען פון דער
באַפעלקערונג, וועלכע האָבען ניט קיין פּאָליטישע רעכט לויט דער
סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע, זיינען געשטעלט גע־
וואָרען אויסער געזעץ. רעכטלאָז זיינען אין דער
ווירקליכקייט אויך אַלע נאַציאָנאַלע ניט־קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַ־
ציעס, (די אוקראַינישע, גרוזינישע, אַרמענישע, אידישע א. ד. גל.).
ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס לויט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטו־
ציע ווערט גאַראַנטירט די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע פרייהייט.
זעלבסטפאַרשטענדליך זיינען אין סאָוויעט־רוסלאַנד פאַרבאָטען אויך
אַלע פרייע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכער ניט איז רעליגיאָן
— פּראַוואָסלאַווע קאַטוילישע, פּראָטעסטאַנטישע אדער אידישע
די זעלבע סיסטעם פון ברוטאַלען טעראָר און פּאָליטישער רעכט־
לאָזיגקייט דריקט מיט איהר גאַנצען קראַפט אויף די אַרבייטענדיגע
שיכטען פון דער באַפעלקערונג, וועלכע דאַרפען לויט דער סוווויעטישער
קאָנסטיטוציע גענייסען אַלע פּאָליטישע רעכט.
אָפיציעל זיינען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קיינמאָל ניט
פאַרבאָטען געוואָרען דורך אַן אָפיציעלען געזעץ פון דער סאָוויעטישער
רעגירונג *) פּאַקטיש אָבער איז אַ דאַנק דער סיסטעם פון
פּאָליטישען טעראָר אוממעגליך געוואָרען זייער עקזיסטענץ. אָנהויי־
בענדיג פון 1921 אָן, איז ענדגילטיג אוממעגליך געוואָרען וועלכע ניט־
איז אַקטיווע טעטיגקייט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די קלובען
און אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס פון די פּאַרטייען זיינען צוגעמאַכט גע־
וואָרען, די מעהר אָדער ווייניגער אַקטיווע טוערס זיינען אַרעסטירט
געוואָרען. יעדער פאַרזוך פון אַרבייטער און פויערים, וואָס געהערען
צו די דאָזיגע פּאַרטייען, אויסצודריקען עפענטליך זייערע סימפּאַטיע,
איז ברוטאַל אונטערדריקט געוואָרען. די פאָרשטעהער פון די סאָ־
ציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען מיט געוואַלד באַזייטיגט געוואָרען פון
די סאָוויעטען און מעהר צו די וואַהלען ניט צוגעלאָזען געוואָרען. די
מיטגלידער פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען פון די געווערקשאַפ־
טען און קאָאָפּעראַטיווען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען, באַזייטיגט גע־
וואָרען פון די פאַבריקען, וואַרשטאַטען און פון אַלע סאָוויעטישע איינ־
ריכטונגען. ניט נאָר וועלכע ניט איז אַקטיווע טעטיגקייט אינ׳ם
גייסט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, נאָר אַפילו דער מינדעסטער
פאַרזוך אונטערצושטיצען אומדירעקט די פּאַרטייען, ווערט פאַררע־
כענט אלס אַ פאַרברעכען געגען דער רעגירונג און ווערט

*) דער באַפעהל אויסצושליסען פון די סאָוויעטען די פאָרשטעהער
פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, אַרויסגעגעבען אין זומער 1918, איז
צוריקגעצויגען געוואָרען אין ווינטער פון דעם זעלבען יאָהר.

באַשטראָפט אויפ'ן שווערסטען אופן. דער קלענסטער פאַרדאַכט, אַז דער אָדער יענער מענש **סימפּאַטיזירט** מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָדער **קען אפשר** נוצליך זיין פאַר איהר, איז שוין גענוג, אַז אויף דעם אומגליקליכען זאָל זיך אויפהויבען דער גרויזאַמער שווערד פון דער סאָוויעטישער יוסטיציע.

זייט 1921 איז אין סאָוויעט־רוסלאַנד ניטאָ **קיין איינציגע לעגאַלע צייטונג** פון וועלכער ניט־איז סאָציאַליסטישער אָדער אַנדערער ניט־קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פון דאַמאָלט־אָן קען אין סאָוויעט־רוסלאַנד ניט צענויפגערופען ווערען קיין קאָנגרעס אָדער קאָנפערענץ פון די דאָזיגע פּאַרטייען; עס איז אוממעגליך געוואָרען וועלכע ניט־איז עפענטליכע אַרויסטרעטונג. אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אָהן אַן אויסנאַהם (סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אָדער ווי זיי הייסען אין רוסלאַנד, „מענשעוויקעס", סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, לינקע סאָציאַלסיטען־רעוואָלוציאָנערען, מאַקסימאַליסטען, אַנאַרכיסטען, נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די פאַרשיידענע פעלקער: אוקראַאינישע, אַרמענישע, גרוזינישע א. אז. וו. ציוניסטען, ציוניסטען־סאָציאַליסטען) אַלע זיינען געוואָרען **אומלעגאַל**. זיי זיינען געצוואונגען צו פיהרען אַן אומלעגאַלע טעטיגקייט, זיינען אַוועק אונטער דער „ערד", און מוזען אין זייער אַרבייט באַנוצען זיך מיט די אַלטע קאָנספּיראַטיווע מיטלען, מיט וועלכע מען האָט געאַרבייט אין געהיימע אָרגאַניזאַציעס אַמאָל אין די פינסטערע צייטען פון צאַריזם. פּונקט אַזוי, ווי אין דער שוואַרצער עפּאָכע פון דער רעאַקציע אין די אַכציגסטע און נייאנציגסטע יאָהרען פונ'ם פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט, אַזוי אויך איצט זיינען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען גע־

---

*) מיר קענען דאָ ברענגען אַ פּאָר ביישפּילען פון אָפיציעלע קוועלען, וועלכע וועלען אונז קלאָר באַווייזען פאַר וועלכע מין „פאַרברעכענס" אַרבייטער און סאָציאַליסטען ווערען שטרענג באַשטראָפט אין דער סאָוויעטישער רעפּובליק פון „אַרבייטער און פּויערים".

אַן אַרבייטער פון דער כעמישער פאַבריק אין קראַסנאָדאַר, פּלאַסקין, איז אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון דער פאַבריק און איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון פּראָפעסיאָנעלען פאַראיין, דערפאַר, וואָס ער האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די פאַבריק־אַרבייטער זיך אָנערקענט אַלס אַ מענשעוויק („דער אַרבייטער כעמיקער" — צענטראַל אָרגאַן פון כעמיקער פאַרבאַנד, פון 26טען דעצעמבער, 1922). די צייטונג איז זעהר באַשיידען און זאָגט אונז ניט אויס, וואָס די „טשעקאַ" האָט געטאָן מיט דעם דאָזיגען „פאַרברעכער".

אויף דער אָפיציעלער ליסטע נומער איינס פון „פּאָליטישע פאַרברעכער" איז פאַרצייכענט דער אַנטלאָפענער אַרבייטער, י. ל. אַנדראָנאָוו, געגען וועלכען עס איז פאַרפיהרט געוואָרען אַ משפּט, דעם 5טען מאַי, 1922, דערפאַר, וואָס ער האָט זיך... באַטייליגט אין אַ סטרייק אויף די קוילען־גרובען.

צוואונגען איינצושליסען זיך אין ענגע גוט דורכגעזיפּטע קרייזלאַך, זיי מוזען אָנווענדען די קאָמפּליצירטע מיטלען פון מאַסקירען זיך, כדי אויסצובאַהאַלטען זיך פון דער שאַרפער אויג — שוין ניט פון די צאַריסטישע, נאָר פון באָלשעוויסטישע שפּור־הינט, אַגענטען, שפּיאָנען, טשעקיסטען. ווילט איהר אויפ'ן פאַבריק אָדער אין אַ וואַרשטאַט זיך דורכשמועסען מיט אַ באַקאַנטען ארבייטער, אַזוי גלייך שפּירט איהר שוין די שטעכיגע אויגעלאַך פון אַ שפּיאָן, אָדער פון אַ מיטגליד פון דעם קאָמוניסטישען „קעמערל". נאָר אויף אַ געהיימען אופן קענט איהר זיך צוזאַמענקומען מיט ארבייטער, אַפילו אַרבייטער פון איינער און דערזעלבער פאַבריק קענען באַהאַנדלען פּאָליטישע פראַגען נאָר געהיים, און דאָס אין גאָר קליינע גרופּען. קיינער וועט ניט דערוועגען זיך איצט אין רוסלאַנד צו רעדען מיט אַן אומבאַקאַנטען מענשען אָפען וועגען פּאָליטישע פראַגען: ווער ווייס, אפשר איז דער אומבאַקאַנטער אַן אַגענט פון דער „טשעקאַ"? מיט אַגענטען און שפּיאָנען שווימעלט און גריבעלט עס אין אַלע געזעלשאַפטליכע קלאַסען פון דער איצטיגער רוסלאַנד. סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציעס, בראָשורען אָדער וועלכע ניט איז אַנדערע פּאַרטיי־אויסגאַבען ווערען איצט, ווי אין די אַלטע „גוטע" צייטען, געדרוקט אין געהיימע דרוקערייען, גאַנץ אָפט אויף אַ העקטאָגראַף אָדער ראָטאַטאָר; אַ קליינע האַנד־דרוקמאַשין איז ביי די איצטיגע אומשטענדען די גרעסטע טעכנישע דערגרייכונג, און די חברים, וועלכע אַרבייטען אין די געהיימע דרוקערייען, שטעלען זיך איין אין דער גרעסטער געפאַהר, ברענגען די גרעסטע קרבנות.

נאָך מיט אַ גרעסערע געפאַהר איז פאַרבונדען דאָס פאַרשפּרייטען פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור. פּראָקלאַמאַציעס און פלוג־בלעטער ווערען געהיים ביינאַכט פאַרשפּרייט אין די אַרבייטער־קוואַרטאַלען אָדער צעקלעפּט אויף די ווענד. ביי דער באָלשעוויסטישער סיסטעם פון שפּיאָנאַזש איז די אַרבייט פאַרבונדען מיט גרויסער געפאַהר. דעם 12טען מערץ, 1924, זיינען אין פּעטערבורג אַרעסטירט געוואָרען דריי סטודענטען סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע מען האָט באַשולדיגט אין קלעפּען אויף די ווענד פּראָקלאַמאַציעס פון פּעטערבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישען קאָמיטעט וועגען דעם יאָהרצייט פון דער „מערץ־רעוואָלוציע". די דריי סטודענטען זיינען אויסגעשפּירט געוואָרען פון מיטגלידער פון'ם קאָמוניסטישען יוגענט־פאַרבאַנד און זיינען פאַרשיקט געוואָרען אין סיביר.

אין כאַרקאָוו האָבען זיך שוין די סאָוויעטישע באַאַמטע ניט פאַרלאָזען אויף די שפּיאָנישע טאַלאַנטען פון לענינ'ס יונגע תלמידים. דאָרטען האָט מען אויסגעשפּירט פאַרשפּרייטער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָקלאַמאַציעס מיט דער הילף פון ... פּיערפּיסיגע פּאָליציי־הינט.

אָבער ניט נאָר די אַקטיווע פאַרשפּרייטער פון דער פאַרבאָטענער ליטעראַטור, נאָר אויך די איינפאַכע ל ע ז ע ר פון דער ליטעראַטור זיינען אין געפאַהר. געפינט מען ביי אימיצען אַ סאָציאַליסטישע בראָשור, אַ פּראָקלאַמאַציע, וועט דער „פאַרברעכער" זיך אָפּוואַלגערן אַ היבש־ביסעל צייט אין טורמע און נאָכדעם וועט ער פאַרשיקט ווערען אין די גאַנץ ווייטע געגענדען.

2. די עוואָלוציע און די וואָרצלען פון טעראָר.

ווען די באָלשעוויקעס האָבען אין אָנהויב 1918 גענומען אָנווענדען טעראָר געגען זייערע געגנער, פלעגען זיי שטענדיג אָנווייזען אויף דער אומפאַרמיידליכקייט פון אַ רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור אין דער צייט פון אַ בירגער־קריג. און פלעגען דערביי שטענדיג אונטערשטרייכען דעם צ י י ט ו ו י י ל י ג ע ן כאַראַקטער פון די טעראָריסטישע מיטלען*). די מערב־אייראָפּעאישע סאָציאַליסטען האָבען זיי געגלויבט און פלעגען פאַרענטפערען די אַנטי־דעמאָקראַטישע און טעראָריסטישע טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס מיט דער פאַרצווייפעלטער לאַגע פון דער סאָוויעטישער מאַכט אין 1918-1919, מיט דעם בירגער־קריג, דעם אָנגריף פון דער אינערליכער און אויסערליכער רעאַקציע, די פרעמדע אינטערווענציע און די בלאָקאַדע. **)

*) אַרויסגעבענדיג דעם 27טען אָקטאָבער, 1917, זיין „דעקרעט" מיט וועלכען עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרען די פרייהייט פון פרעסע, האָט לענין געשריבען: „ווי נאָר די נייע אָרדנונג וועט זיך באַפעסטיגען... וועט פאַר דער פרעסע איינגעפיהרט ווערען אַ פולשטענדיגע פרייהייט אין די גרעניצען פון אַ גערישטליכער פאַראַנטוואָרטליכקייט לויט דעם סאַמען ברייטען און פּראָגרעסיווען געזעץ".

**) אין דער ווירקליכקייט זיינען כמעט אַלע פויערים און אַרבייטער אויפשטאַנדען פון יענער צייט, דער ווידערשטאַנד פון דער רוסישער אינטעליגענץ געגען ־ער באָלשעוויסטישער רעגירונג א. אַז. וו. אַרויסגערופען געוואָרען פון דער רעגירונג גופא מיט דעם, וואָס זי האָט גלייך פונ'ם ערשטען טאָג אָן גענומען טרעטען מיט די פיס די דעמאָקראַטיע און די פרייהייט (דאָס צעטרייבען פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלינג, א. ד. גל.) גענומען אָנווענדען דעם גרויזאַמען טעראָר (דאָס שיסען אין אַ פרידליכער מאַניפעסטאַציע אינ'ם טאָג, ווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך צונויפגעקליבען, דאָס אַרעסטירען פון דער באַרימטער „אַרבייטער־קאָנפערענץ", אויפלייזען די סאָוויעטען מיט אַ סאָציאַליסטישער מערהייט, ערקלערען אויסערען געזעץ אַלע בורזשואַזע פאַרטייען, א. אַז. וו.). ווי מיר דערוויסען זיך איצט פון טראָצקי'ס ערזינערונגען איז לענין פון אָנהויב אָן געווען אַ הייסער אָנהענגער פון טעראָר און איהם איז געלונגען צו איבערצייגען די וואַקעלדיגע חברים זיינע.

די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד און זייערע פריינד אין אויסלאַנד האָבען פאַרזיכערט, אַז ווי נאָר די לאַגע פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט וועט זיך פאַרפעסטיגען, וועט דער טעראָר גלייך אויפהערען. אַזוי וועט מען קומען „דורך דיקטאַטור — צו דעמאָקראַטיע“ (קלאַראַ צעטקין אין 9118). די פ אַ ק ט ע ן אָבער באַווייזען אונז, אַז דער אמת׳ער כאַראַקטער פונ׳ם באָלשעוויסטישען טעראָר האָט זיך אַנטוויקעלט גאַנץ אַנדערש. נאָכדעם, ווי דער בירגער־קריג האָט זיך פאַרענדיגט און די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פאַרפעסטיגט האָט דער טעראָר ניט נאָר ניט אויפגעהערט, נאָר פאַרקערט, ער האָט זיך נאָך מעהר פאַרשטאַרקט און האָט זיך געווענדעט הויפּטזעכליך, געגען די פאַרהאַסטע סאָציאַליסטען. אין 1918, אין דער צייט פון „רויטען־טעראָר“, ווען טויזענטער און טויזענטער זיינען דערשאָסען, בעסטיאַליש ערמאָרדעט געוואָרען, זיינען אָ פ י צ י ע ל די פאַרפאָלגונגען געווענדעט געווען געגען די א ק ט י ו ו ע מ י ט ג ל י ד ע ר פון יענע פּאַרטייען, וועלע זיינען געשטאַנען אין אַן אָפענעם קאַמף געגען דער סאָוויעטען־מאַכט, אָדער ריכטיגער געזאָגט, זיינען געשטויסען גע־וואָרען פון די באָלשעוויקעס צום בירגער־קריג, ווייל אַלע לעגאַלע וועגען פון קאַמף זיינען פאַר זיי פאַרצאַמט געוואָרען.

מען דאַרף, פאַרשטעהט זיך, ניט מיינען, אַז אַלע אַנדערע עלע־מענטען האָבען ווירקליך געהאַט אַ מעגליכקייט פון פרייער טעטיגקייט. אין קיין פאַל ניט. אויסער דעם, וואָס די בלוטיגע גרויזאַמקייט האָט אין וואָרצעל דערשטיקט די געזעלשאַפטליכע ענערגיע, האָבען אויך שוין דאַמאָלסט די שאַרפע רעדער פון דער באָלשעוויסטישער טעראָר־מאַשין צעשמעטערט אויך די עלעמענטען, וועלכע האָבען קיין שום שייכות ניט געהאַט צום בירגער־קריג. אַזוי איז אין זומער פון 1918, ווען עס האָט גענומען בושעווען דער רויטער טעראָר, מיט גוואַלד צעטריבען געוואָרען די אומפּאַרטייאישע אַלרוסישע אַרבייטער־קאָנפע־רענץ, וועלכע עס האָבען צוזאַמענגערופען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און אַלע איהרע אַנטיילנעמער זיינען אַרעסטירט געוואָרען. אין אָנהויב פונ׳ם רויטען טעראָר זיינען דערשאָסען געוואָרען מערערע ס אָ צ י אַ ל־ד ע מ אָ ק ר אַ ט ע ן־א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט ע ן (דער אַרבייטער ק ר אַ ק אָ ו ו ס ק י אין פּעטערבורג), אינטערנאַציאָ־נאַליסטיש געשטימטע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען (צום ביישפּיל: קאַגאַן־בערנשטיין) א. א. אין 1920 זיינען פאָרגעקומען אַרעסטען פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טוערס אין פּעטערבורג, כאַרקאָוו, קיעוו, און די פּאַרטיי־קאָנפערענצען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי זיינען צעטריבען געוואָרען. די אַרעסטירטע זיינען טיילווייז איינגע־שפּאַרט געוואָרען אין קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערען, טיילווייז אַרויסגע־שיקט געוואָרען אין אויסלאַנד, ד. ה. אין גרוזיע, וועלכע איז נאָך דאַמאָלסט געווען אַ פרייע זעלבסשטענדיגע רעפּובליק.

דאָך האָבען דאַמאָלסט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין א געוויסער מאָס געהאַט אַ מעגליכקייט פון אָפענער טעטיגקייט. מען האָט זיי נאָך אַביסעל טאָלערירט: די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבען גענומען אַן אָנטייל אין די וואַהלען צו די סאָוויעטען און ניט קוקענדיג אויף אַלע פאַרפאָלגונגען, האָבען זיי געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג; זיי זיינען געווען טעטיג אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַרבייטער־קאָאָפּעראַטיווען, האָבען אַרויסגעגעבען ליטעראַטור, א. אַז. וו.

אין אָנהויב פון 1919, ווען דער בירגער־קריג האָט געהאַלטען אין רעכטען ברען, איז די לאַגע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זאָגאַר בעסער געוואָרען ווי ענדע 1918. ניט אַכטענדיג אויף דער אַקטיווער באַטייליגונג פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען אין בירגער־קריג, איז דיזע פּאַרטיי לעגאַליזירט געוואָרען און איהרע פאָרשטעהער האָבען זיך צוריקגעקערט אין די סאָוויעטען. *) עס איז ערלויבט געוואָרען אַרויסצוגעבען אין מאָסקווע צוויי טעגליכע צייטונגען פון די צוויי גרויסע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. אמת, די „ליבעראַלע שטימונג" האָט לאַנג ניט געדויערט. אין עטליכע וואָכען אַרום האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען די פאַרפאָלגונגען און אַרעסטען פון די אַקטיווע פּאַרטייטוערס. דאָך אָבער האָבען די דאָזיגע פּאַרטייען אין פאַרלויף פון 1919־1920, ווי עס איז עקזיסטירט און פאָרטגעזעצט זייער טעטיגקייט לעגאַל. אין זומער פון 1920, ווען די ענגלישע אַרבייטער־דעלעגאַציע האָט באַזוכט רוסלאַנד, זיינען אין מאָסקווע און אין אַנדערע שטעט געווען אין די סאָוויעטען באַדייטענדע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראַקציעס (די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען צו יענע־ צייט

---

*) די פּאַרטיי פון סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָט אין פריהלינג פון 1918, נאָכדעם ווי די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז מיט געוואַלד צעטריבען געוואָרען, פילע פּראָווינציעלע סאָוויעטען מיט א סאָציאַליסטישער מעהרהייט זיינען אויפגעלייזט געוואָרען, און ס'איז אוממעגליך געוואָרען וועלכע ניט־איז עפענטליכע אָפּאָזיציאָנעלע טעטיגקייט, באַשלאָסען צו אָרגאַניזירען אַ פאָלקס־אויפשטאַנד געגען דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, אָבער נאָכדעם ווי די רעאַקציאָנערע רעגירונגען אין דרום און אין מזרח, אונטערשטיצט פון דער פרעמדער אינטערווענציע, פריהער פון די דייטשען און שפּעטער פון די עלאַיס, האָבען גענומען פיהרען אַ פאַרביטערטען קאַמף געגען דער סאָוויעטישער רעגירונג, האָבען די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען געענדערט זייער טאַקטיק און באַשלאָסען אין אָנהויב פון 1919 אויפצוגעבען דעם באַוואָפענטען קאַמף געגען די באָלשעוויקעס און אַרויסצוטרעטען געגען קאָלטשאַק'ן, גלייכצייטיג אָרגאַניזירענדיג די אַרבייטענדיגע פאָלקס־מאַסען אין סאָוויעט־רוסלאַנד צום פּאָליטישען קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

שוין ווידער געצוואונגען געווען צו פיהרען אַ אומלעגאַלע אַרבייט). אין מאָסקווער סאָוועט האָט דער פאַרטרעטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, ר. אַבראַמאָוויטש עפענטליך באַגריסט די געסט. און אַפילו דער פאָרשטעהער פון דער דאַמאָלסט שוין אומלעגאַלער פאַרטיי פון סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען וו. טשערנאָוו, וועלכען די „טשעקאַ“ האָט שטאַרק געזוכט, האָט דאָך געהאַט די געלעגענהייט אַרויסצוטרעטען אויף אַ גרויסער פאַר־זאַמלונג, וועלכע איז לעגאַל צענויפגערופען געוואָרען פון דעם דאַמאָלסט נאָך סאָציאַל־דעמאָקראַטישען מאָסקווער פּראָפעסיאָנעלען פאַראיין פון דרוקער־אַרבייטער.

און דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די סאָוויעטישע רעגירונג האָט געפיהרט אַ שווערען קאַמף מיט פוילען, ווען אין דרום איז זי אַטאַקירט געוואָרען פון דעניקין און שפּעטער פון וורַאנגעל.

ערשט אין 1921טען יאהר, גלייכצייטיג מיט׳ן אָנהויב פון „נעפּ“ (נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק), נאָכדעם ווי דער קריג איז פאַרענדיגט געוואָרען; דער בירגער־קריג איז אינגאַנצען איינגעשטילט געוואָרען; די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך פאַרפעסטיגט; מיט פוילען און די אַנדערע ניי אויפגעקומענע קליינע מלוכה׳לאַך איז געשלאָסען געוואָרען אַ פרידענס־אָפּמאַך; נאָכדעם ווי מיט ענגלאַנד זיינען באַנייט געוואָרען די האַנדעלס באַציהונגען און די בלאָקאַדע האָט אינגאַנצען אויפגעהערט, — ערשט אין דער צייט פון אינערליכער און אויסערליכער פאַרפעסטיגונג פון דער סאָוויעטישער מאַכט — הויבט זיך אָן די פּלאַנמעסיגע, בלוטיגע אויסראָטונגס פּאָליטיק געגען די רוסישע סאָציאַליסטען. עס זיינען אינגאַנצען פאַרניכטעט געוואָרען די לעצטע רעשטען פון וועלכער ניט איז לעגאַלער טעטיגקייט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, עס איז ענדגילטיג פאַרשלאָסען געוואָרען דער צוטריט צו די סאָוויעטען, די יעצטיגע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אַרבייטער קאָאָפּעראַטיוען, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון די סאָציאַליסטען, זיינען מיט געוואַלד צובראָכען געוואָרען און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען די צייט פון בלוטיגע פאַרפאָלגונגען, אַרעסטען, אַרויסשיקונגען, וואָס נעמט אָן אַלץ שאַרפערע און שאַרפערע פאָרמען ביז צו היינטיגען טאָג.

* * *

ווען מען רעדט מיט די באָלשעוויקעס וועגען דעם טעראָר, וועלכען זיי ווענדען אָן, הויפּטזעכליך געגען די סאָציאַליסטען, וואָס דאָס ווידערשפּרעכט דאָך אַזוי שטאַרק דעם געדאַנק פון „פאַראייניגטען פראָנט“, וועלכען זיי אַליין פּראָפּאַגאַנדירען, — ענטפערען זיי דערויף מיט פאַרשיידענע אַרגומענטען, וואָס בייטען זיך יעדען מאָל.

אין 1919 יאָהר, ווען דער „קריג־קאָמוניזם" האָט דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה, איז דאָס גרעסטע „פארברעכען" פון די סאָציאַליסטען געווען דאָס, וואָס זיי האָבען זיך ערלויבט צו צווייפלען אין דער מעגליכקייט פון א „באַלדיגען קאָמוניזם", וועלכען די באָלשעוויקעס האָבען געוואָלט פארווירקליכען אין רוסלאַנד. די דאָזיגע קריטיק איז דאמאָלס פארשריען געוואָרען אלס א „פארטיידיגונג פון קאפּיטאַליזם". און לענין האָט דעמאָלט דערקלערט: „די סאָוועטישע רעפּובליק פיהרט א קריג מיט'ן קאפּיטאַליזם. דער קאפּיטאַליזם איז אונזער שונא. ווער עס פארטיידיגט איהם, באגעהט א פאַרברעכען געגען דער סאָוועטישער רעפּובליק".

נאָך אין דעצעמבער פון 1920 יאָהר, עטליכע וואָכען איידער מ'האָט איינגעפיהרט די „נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק", זיינען די רוסישע סאָציאַליסטען פארפאָלגט געוואָרען פאר דער קריטיק פון דער „אַלטער" (קאָמוניסטישער) עקאָנאָמישער פּאָליטיק. ווי צום ביישפּיל, דער סאָציאַל־דעמאָקראַט ד. דאַלין, וואָס איז ארויסגעטראָטען אויפ'ן קאָנגרעס פון די סאָוועטען אין יאנואר 1921.

און אזוי איז שוין די לאָגיק פונ'ם באָלשעוויסטישען טעראָר, אז אפילו דער איבערגאנג צום „נעפּ", דער פאקט, אז דאָס לעבען אַליין האָט זיי געצוואונגען צו ענדערען די עקאָנאָמישע פּאָליטיק, און איינפיהרען דאָס וואָס די סאָציאַליסטען האָבען שוין פון לאַנג אָן געפאָדערט, האָט נאָך מעהר... פארשטאַרקט די פארפאָלגונגען געגען די סאָציאַליסטען!

די „נייע פּאָליטיק" פון די באָלשעוויקעס באשטעהט אין דעם, אז „נאָכגעבענדיג" אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט, „קאָמפּענסירען" זיי דאָס מיט נאָך מעהר שארפקייט אויפ'ן פּאָליטישען געביט, מיט א פארשטאַרקטען רעזשים פון דיקטאַטור. און דעריבער, איינפיהרענדיג דעם „נעפּ" האָט לענין גלייכצייטיג ערקלערט, אז „די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען וועלען מיר פאַרזיכטיג האלטען איינגעשפּארט אין די טורמעס". אָבער איצט שוין ניט דערפאַר, וואָס זיי פאָדערען דעם „נעפּ", נאָר דערפאַר וואָס זיי . . . טרעטען כלומרשט ארויס געגען דעם „נעפּ"! דאָס הייסט דערפאַר, וואָס אין זייער קריטיק ווייזען זיי אָן, אז בלויז ווירטשאפטליכע רעפאָרמען וועלען ניט העלפען, אז מ'מוז מאכען אויך פּאָליטישע הנחות, איינפיהרען א דעמאָקראַטישע אָרדנונג.

אָבער אויסער „פּרינציפּיעלע" ארגומענטען, וועלכע זיינען, ווייזט אויס, ניט גענוג צו פארענטפערען דעם ברוטאַלען טעראָר געגען די סאָציאַליסטען, גיבען אָן די באָלשעוויקעס א גאנצע רייהע אנדערע פארשיידענאַרטיגע ארגומענטען.

אין 1920 יאָהר, ווען דער בירגער־קריג האָט געפלאַקערט און ס'האָט זיך אָנגעהויבען דער רוסיש־פּוילישער קריג, ווען די באָלשע־

וויקעס האָבען צום ערשטען מאָל גענומען אויפרייצען די נאַציאָנאַליסטישע געפיהלען פון די מאַסען, האָבען מיר יעדען טאָג געקאָנט לייענען אין די באָלשעוויסטישע צייטונגען אין שרייענדיגע „קעפּלאך“, אַז די רוסישע סאָציאַליסטען צוזאַמען מיט פּוילישע מיליטערשפּיאָנען האָבען אויפגעריסען בריקען און פּולווער־מאַגאַזינען און אַז זיי האָבען אונטערגעצונדען די וועלדער ארום מאָסקווע; באַלד האָבען מיר ווידער געלייענט אין אַנדערע באָלשעוויסטישע צייטונגען אַזאַ סענסאַציאָנעלע נייעס: די סאָציאַליסטען האָבען אונטערגעצונדען אין פּעטערבורג די טעלעפאָן־געביידע און האָבען געוואָלט אויפרייסען די וואַסער־לייטונג! און דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד אָהן אַן אויסנאַהם האָבען פאַרנומען אַ קלאָרע שטעלונג געגען די אימפּעריאַליסטישע פּלענער פון פּוילען, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די בונדיסטען האָבען לויט'ן באַשלוס פון דער פּאַרטיי פרייוויליג געשטעלט זיך צו מיליטער־דינסט, ווען די באָלשעוויסטישע פיהרער אַליין האָבען בעסער פאַר אַלעמען געוואוסט די געמיינהייט און נידערטרעכטיגקייט פון אַזעלכע נאַרישע ליגענס און פאַרלוימדונגען.

אין יאָהר 1921, ווען ס'האָט פּלוצלונג אויפגעפלאַקערט דער קראָנשטאַדטער אויפשטאַנד, וועלכער איז באַלד בלוטיג דערשטיקט געוואָרען, איז איינער פון די באַליבטע אַרגומענטען געגען די סאָציאַליסטען געווען בלומרשט זייער באַטייליגונג אינ'ם אויפשטאַנד. עס איז שוין געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נאָר דורך אַ צופאַל זיינען אַ גאַנצע רייהע סאָציאַליסטען מיט'ן פיהרער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פ. דאַן אין דער שפּיץ געראַטעוועט געוואָרען פון דערשיסונג. מ'האָט זיי אַרעסטירט עטליכע טעג פאַר'ן אויפשטאַנד. פון דער אונטערזוכונגס־טורמע האָט מען זיי שפּעטער אַוועקגעפיהרט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, וואו מ'האָט זיי געוואָלט שיסען. די באָלשעוויקעס האָבען אויסגעצייכענט געוואוסט, און ניט איין מאָל וועגען דעם געשריבען, אַז אין קראָנשטאַדט איז פאָרגעקומען אַ באַוואָפענטער אויפשטאַנד פון אַ טייל קאָמוניסטען־מאַטראָסען געגען די איבעריגע און אַז קיין איין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און קיין איינציגער סאָציאַליסט האָט ניט גענומען קיין אַנטייל אין דעם אויפשטאַנד, זיכער ניט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וועלכע איז אַן אַנטשיידענע געגנערין פון אויפשטאַנדען און בונטען און וועלכע האָט אויסער דעם ניט געהאַט דאַמאָלס אין קראָנשטאַדט, דעם נעסט פון אַנאַרכיסטען און קאָמוניסטען, קיין איינציגען מיטגליד!

אין יאָהר 1923, ווען די סאָוועטישע רעגירונג האָט געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען וועגען קאָנ־

צעסיעס אויף די נאפט־קוואלען אין באקו, האט מען באשולדיגט די ארטיגע גרופע סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען אין וועלען אונטער־צינדען די נאפט־קוואלען. אין דערזעלבער צייט האט מען באשול־דיגט די סאציאליסטען אין מיליטערישען און „ווירטשאפטליכען" שפיאנאזש.

געגען די לינקע סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען, וועלכע זיינען נאהענט צו די מאקסימאליסטען און אנארכיסטען, זיינען די באל־שעוויקעס ארויס מיט דער באשולדיגונג אין באנדיטיזם און אנדערע קרימינעלע פארברעכענס.

נאכדעם ווי ס'האט זיך פארענדיגט דער סאציאליסטישער קאנ־גרעס אין האמבורג, זיינען די רוסישע סאציאל־דעמאקראטען בא־שולדיגט געווארען אין דעם, אז זיי זיינען אויף דער רעדנער־טריבונע אין קאנגרעס ארויסגעטראטען אונטער דעם אלטען צארישען פלאג, אז זיי האבען אויפגעפאדערט קוירזאנ'ען צו א באוואפענטער אינטערווענציע געגען סאוועט־רוסלאנד. נאך דער לוקסעמבורגער קאנפערענץ פון דער עקזעקוטיווע פונ'ם סאציאליסטישען ארבייטער־אינטערנאציאנאל, אין פעברואר 1924, האט די סאוועטישע פרעסע אויפגעהויבען א טומעל און באשולדיגט די רוסישע סאציאליסטען, אז זיי קעמפפען געגען דער אנערקענונג פון סאוועט־רוסלאנד דורך די אייראפעאישע מלוכות.

אין קיין איינציגען פאל האבען די באלשעוויקעס ניט געקאנט דערוויזען די ריכטיגקייט פון זייערע פאלשע באשולדיגונגען און פארלוימדונגען געגען די רוסישע סאציאליסטען. זיי האבען אפילו זיך קיין איין מאל ניט באמיהט צו ברענגען באווייזען. צוויי־דריי וואכען נאכאנאנד פלעגען די דאזיגע פאלשע און געמיינע ליגענס „באצירען" די שפאלטען פון די באלשעוויסטישע צייטונגען, כדי נאכדעם פארשוואונדען צו ווערען אהן יעדען שפור. בלויז זעלטען פלעגען אזוינע בייזוויליגע באשולדיגונגען פיהרען צו פראצעסען, ווי דער פראצעס פון די צוויי און צוואנציג סאציאליסטען־רעוואָ־לוציאנערען, וועלכער איז אינסצענירט געווארען אין פריהלינג פון יאהר 1922. געוועהנליך פלעגט עס אפילו צו א משפט ניט קומען.

דער ציל פון די באלשעוויקעס איז געווען אן אנדערער. די אלע געמיינע ליגענס און פאלשע באשולדיגונגען האבען זיי געגעבען א מעגליכקייט וואכענלאנג צו פיהרען א גיפטיגע אטאקע געגען די רוסישע סאציאליסטען, פארווארפען זיי מיט שמוץ, אויפרייצען געגען זיי די אומבאוואוסטזיניגע מאסען און אפנארען די עפענטליכע מיינונג אין אויסלאנד. אין רוסלאנד גופא קומט זיי אן די ארבייט ניט שווער: ביי די געגנער זיינען די הענט געבונדען און זיי האבען ניט קיין שום מעגליכקייט עפענטליך אפצולייקענען די אלע נידער־

טרעכטיגע ליגענס און באַשולדיגונגען. אָבער אויך די אויסלענדישע סאָציאַליסטען האָבען זיך אָפּטמאָל געלאָזט אָפּנאַרען.

אמת, ביי א נעהענטערער באַקאַנטשאַפט צופאַלען זיך די אַלע אויסגעטראַכטע „באַשולדיגונגען“ ווי א קאָרטען־הייזעל. דיזעלבע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע האָבען „צוזאַמען מיט פּוילישע שפּיאָנען אויפגעריסען פּולווער־מאַגאַזינען און בריקען“, זיינען אין דערזעלבער צייט איינגעלאַדען געוואָרען אַלס עהרען־געסט צו דעם סאָוועטישען קאָנגרעס, וואו מ'האָט זיי עפענטליך געדאַנקט פאַר דער מאָראַלישער אונטערשטיצונג אין'ם קאַמף געגען די פּוילישע אימפּעריאַליסטען. (טראָצקי'ס רעדע צו מאַרטאָוו'ן אין 1920). דאָסזעלבע איז אויך מיט דער באַשולדיגונג געגען די באַקוער סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, אַז זיי האָבען אונטערגעצונדען די נאַפט־קוואַלען. אויף דער עפענטליכער פאַרהאַנדלונג אין'ם משפּט האָט דער באָלשעוויסטישער פּראָקוראָר געמוזט אַליין צוריקנעהמען דיזע „באַשולדיגונג“.*)

אָבער אונזערע באָלשעוויקעס נעהמען זיך אַזעלכע זאַכען וועניג צום האַרצען. דער יעזואיטישער געזעץ „דאָס ציל הייליגט אַלע מיטלען“ איז ביי זיי שוין פון לאַנג אָן געוואָרען א כלל און דעריבער קאַרגען זיי ניט מיט קיין פאַרלוימדונגען. האָט דען ניט זייער רבי, לענין אליין, געשריבען צום פּאַרטיי־געריכט, וועלכער האָט איהם גערופען צו פאַראַנטוואָרטליכקייט אין יאָהר 1907 פאַר די נידערטרעכטיגע פאַרלוימדונגען פון די מענשעוויסטישע גענאָסען, אַז אין קאַמף געגען פּאָליטישע געגנער זיינען אַלע מיטלען כשר? „מיר זיינען באַרעכטיגט צו באַנוצען זיך באַוואוסטזיניג מיט אַזוינע אַרגומענטען און אויסדרוקען, וועלכע קענען אַרויסרופען געגען אונזערע געגנער דעם סאַמע ערגסטען חשד“ — האָט לענין געשריבען צום פּאַרטיי־געריכט.

אַז די סיסטעם פון פאַרלוימדונגען, רכילות און ליגענס איז א באַוואוסטזיניג דורכגעפיהרטער פּלאַן, זעהען מיר אויך, למשל, פון דער געהיימער אינסטרוקציע פון דער אַלרוסישער „טשעקאַ“ (נומער פינף פון דעם ערשטען יוני 1920).

אין אָט דער געהיימער אינסטרוקציע ווערען די טשעקאַ־אָפּטיילונגען אָנגעוויזען צוצוציהען סאָציאַליסטען צו פאַראַנטוואָרטליכקייט ניט צוליב זייער פּאָליטישער טעטיגקייט, נאָר באַשולדיגען זיי אין קרימינעלע פאַרברעכענס און אַלס „אַגענטען פון די עלאַים“ (אַנטאַנט), כדי אויף אַזאַ אופן צו קאָמפּראָמענ־

---

*) „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָסיאַ“, אָרגאַן פון דער אויסלענדישער דעלעגאַציע פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, נומער 11.

טירען זיי אין די אויגען פון די ארבייטער. *)

אָבער אַפילו „עהרליכע“ און „אייראָפּעאיזירטע“ באָלשעוויקעס, ווען זיי ווילען פאַרענטפערען פאַר דער וועלט דעם גרויזאַמען טעראָר געגען די רוסישע סאָציאַליסטען, ווייזען זיי געוועהנליך אָן אויף דעם, אַז די סאָציאַליסטען שטרעבען מיט געוואַלד אומצוואַרפען די סאָוועטישע רעגירונג, אַז זיי אָרגאַניזירען אויפשטאַנדען און בונטען און דעריבער איז די סאָוועט־רעגירונג, ווי יעדע רעגירונג, ווילענדיג נישט־ווילענדיג, געצוואונגען אָנצונעמען אַלע מיטלען פון זעלבסטשוץ.

מיר ווילען שוין ניט רעדען וועגען דעם, וואס מיט דיזעלביגע ארגומענטען וואָלט מען דאָך קענען באַרעכטיגען די גרויזאַמסטע פאַרפאָלגונגען געגען קאָמוניסטען און סאָציאַליסטען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, — מיר מוזען אין די אינטערעסען פון אמת

---

*) די דאָזיגע סיסטעם פון פעלשונגען און פאַרלוימדונגען האָט געלאָזען טיפע וואָרצלען אין די באָלשעוויסטישע קרייזען און ווערט אָנגעווענדעט פון די פיהרערס פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי אַפילו געגען זייערע אייגענע גענאָסען קאָמוניסטען. דאָס זעהען מיר פון דער פאָלגענדער ערקלערונג פון טראָצקי, פּיאַטאַקאָוו און ראַדעק, וועלכע איז דאָ ניט לאַנג פאַרעפענטליכט געוואָרען אין דער אויסלענדישער פרעסע. די אויבענדערמאָנטע שרייבען: „עס איז פאַר יעדערען קלאָר, אַז אויב די סיסטעם פון פעלשונגען, וועלכע הערשט אין דער פּאַרטיי־אַפּטיילונג פון דער „פּראַוודא“, וועט גלייך ניט באַזייטיגט ווערען, קען עס ברענגען צו א אומגעהייער גרויסען שאָדען... אומזיסט רעדען מיר וועגען דעמאָקראַטיע אין דער פאַרטיי אין דער צייט, ווען באוואוסטזיניגע פעלשונגען ווערען אומבאַשטראָפט באַנוצט אַלס פאַרטיי־אינפאָרמאַציע“. (פונ'ם בריף צו דער פּאָליטביוראָ, ענדע דעצעמבער, 1923).

און קויבישעוו, דער פאָרזיצענדער פון דער „צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע“ פון דער פאַרטיי, דער העכסטער היטער פון דער פאַרטייאישער כאַראַל, האָט אַפילו דעם צענטראַלען קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי אַרויפגעפיהרט אויפ'ן וועג פון פעלשונגען און ליגענס. און געגען וועמען? געגען דעם פאַרגעטערטען לעהרער פון דער פאַרטיי, געגען לענינ'ען אַליין. די „פּראַוודאַ“ האָט ניט געוואָלט פאַרעפענטליכען לענינ'ס אַ צוגעשיקטען אַרטיקעל. זי האָט זיך אָבער ניט געקענט באַשליסען אָפען צו זאָגען דאָס לענינ'ען. האָט קויבישעוו פאָרגעשלאָגען אָפּצודרוקען דעם נומער פון דער „פּראַוודאַ“ מיט לענינ'ס אַרטיקעל אין איין עקזעמפּליאַר... און צושיקען דיזען עקזעמפּליאַר לענינ'ען, וועלכער איז שוין דאַמאָלסט געלעגען א קראַנקער, און וואָלט ניט קענען אויסגעפינען דעם שווינדעל. דאָס דערצעהלט טראָצקי אין זיין בריף צום צ. ק.

פעסטשטעלן, אַז אין קיין קולטורעלען לאַנד פון אייראָפּע, אפילו דאָרטען, וואו ס'הערשען די ערגסטע רעאַקציאָנערע רעגירונגען, קומט ניט פאָר אַזאַ סיסטעמאַטישער גרויזאַמער טעראָר, ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד. אפילו געגען די פּאַרטייען, וועלכע טרעטען ארויס אָפען אַלס פּאַרטייען פון אויפשטאַנד, ווי למשל די קאָמוניסטען אין דייטשלאַנד אין 1921 אָדער 1923, — ווערען ניט באַגאַנגען אַזעלכע גרויזאַמקייטען, ווי דאָס טוט די „ערשטע ארבייטער־רעגירונג אין דער וועלט“ געגען דער פרידליכער אָפּאָזיציע. אין דעם הינזיכט קאָן מען נאָר אפשר די אונגאַרישע רעגירונג פון האָרטי פאַרגלייכען מיט דער סאָוועט־רעגירונג. *)

אָבער די נידערטרעכטיגקייט און געמיינהייט פון דער ביליגער באָלשעוויסטישער אַרגומענטאַציע ווערט פאַר אונז נאָך קלאָרער דאַן, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט דאָס, וואָס אין דער לעצטער צייט איז די גרויזאַמקייט פון באָלשעוויסטישען טעראָר געריכטעט, הויפּט־זעכליך, געגען דער סאָציאַליסטישער („מענשעוויסטישער“) פּאַרטיי, וועלכע האָט שטענדיג, פון 1917טען יאָהר ביז היינטיגען טאָג — ווי דאָס איז אַלעמען באַקאַנט — אָפּגעוואָרפען די טאַקטיק פון באַוואָפענטע אויפשטאַנדען און געוואַלדיגען אומוואַרפען פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט.**)

אָבער ניט נאָר די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, נאָר אויך אַלע איבעריגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון רוסלאַנד האָבען ניט איין מאָל דערקלערט (מיר דערמאָנען דאָ די ערקלערונג, וועלכע א. גאָץ האָט געמאַכט אין נאָמען פון אַלע באַשולדיגטע אין'ם באַ־ריהמטען פּראָצעס פון די צוויי און צוואַנציג סאָציאַליסטען־רעוואָ־לוציאָנערען אין יאָהר 1922), אַז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי זיינען ניט איינשטימיג מיט די גרונט־יסודות פון דער מלוכה־אָרד־נונג, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבען איינגעפיהרט, זיינען זיי גרייט

---

*) דעמזעלבען ענטפער האָט אויך געגעבען מוסאָליני צו די סאָציאַ־ליסטען, וועלכע האָבען איהם פאָרגעוואָרפען, אַז ער האָט באַרויבט די פריוו־הייט פון איטאַליענישען פאָלק. ער האָט געזאָגט, אַז איטאַליע איז נאָך הונ־דערט מאָל פרייער, ווי די „פּראָלעטאַרישע סאָוויעטישע רעפּובליק“. און די טראַגעדיע פון דעם איטאַליענישען און רוסישען סאָציאַליזם באַשטעהט טאַקע אין דעם, וואָס מוסאָליני'ס באַהויפּטונג איז דורכאויס ריכטיג.

**) די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען גלויבען, אַז אַן אויפשטאַנד געגען די באָלשעוויקעס, וואָס וואָלט ביי דער איצטיגער פאַרהעלטעניש פון די כוחות, מעהר ניט צופלאַקערען דעם בירגער־קריג אין די רייהען פון'ם אַ ר ב י י ־ ט ע ר ק ל אַ ס, וואָלט נישט געבראַכט צו אַ דעמאָקראַטישער פאַרענדיגונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר וואָלט געקענט ברענגען צו אַ זיג פון דער רעאַקציע.

צו אַרבייטען אויפ׳ן באָדען פון די עקזיסטירענדע געזעצען און שטרעבען צו אַן אויסבעסערונג פון דער מלוכה־אָרדנונג אין די ראַמען פון די דאָזיגע געזעצען אַזוי ווי עס טוען די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אויב די באָלשעוויקעס וועלען איינפיהרען כאָטש יענע מינימאַלע פּאָליטישע פרייהייטען אָהן וועלכע עס איז אוממעגליך וועלכער ס׳איז געזעלשאַפטליכער לעבען און פּאָליטישע טעטיגקייט פון פּאַרטייען.*)

אָבער די באָלשעוויקעס האָבען ניט איינגעשטימט אויף דעם. די קאָנסטיטוציע, וועלכע זיי האָבען אַזוי פייערליך פּראָקלאַמירט אין 1918 — די פּאַפּירענע קאָנסטיטוציע לויט וועלכער „אַרבייטענדיגע“ מאַסען געניסען אַלע ברייטעסטע רעכט, איז קיינמאָל ניט פאַרווירקליכט געוואָרען אין לעבען. אין סאָוועטישען רוסלאַנד איז בכלל ניטאָ אין לעבען קיין באַשטימטע געזעצליכקייט, וועלכע די רעגירונג זאָל אָפּהיטען און באַשיצען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קאָנען דער סאָוועטישער רעגירונג וואַרפען אין געזיכט דיזעלבע באַשולדיגונג, וועלכע בעבעל האָט אַמאָל געוואָרפען אין געזיכט דער רעאַקציע פון ביסמאַרק: „איהר האָט מורא פאַר אייערע אייגענע געזעצען. אייער לעגאַליטעט טויטעט אייך!“

אין דער ווירקליכקייט אָבער פאַרפאָלגען די באָלשעוויקעס אַזוי גרויזאַם די סאָציאַליסטען ניט פאַר די כלומרשט׳ע „אויפשטאַנדען“ און „פאַרשוועררונגען“.

די אורזאַכען פון טעראָר ליגען גאָר ערגעץ אַנדערש:

פון איין זייט — אין דער אינערליכער שוואַכקייט און נישטיגקייט פון באָלשעוויזם, אין די אינערליכע ווידערשפּרוכען. די באָלשעוויקעס קאָנען ניט וואַגען אויף אַ עהרליכען אידעען־קאַמף מיט די סאָציאַליסטען מיט וועלכע עס איז אויסזיכטען אויף אַן ערפאָלג; פון דער צווייטער זייט — אין דער לאָגיק פון דער באָלשע-

---

*) אינטערעסאַנט איז דער פאָרשלאַג, וועלכען עס האָט געמאַכט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין גרוזיען צו די באָלשעוויקעס וועגען אַ רעפערענדום צווישען דעם גרוזינישען פאָלק. דערביי האָט זיך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פאַרפּליכטעט אויפצוגעבען יעדע פּאָליטישע טעטיגקייט, אויב נאָר אַ דריטעל פון דער אַרבייטענדער באַפעלקערונג (דאָס הייסט, אַ דריטעל פון די, וואָס האָבען וואַהל־רעכט לויט דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע!) וועלען שטימען פאַר דער סאָוועטישער מאַכט. די באָלשעוויקעס זיינען ניט איינגעגאַנגען אויף דעם פאָרשלאַג.

וויסטישער דיקטאטור, וועלכע שטרעבט צו אן אומבאגרענעצטער, אויסשליסליכער הערשאפט.

איינהאלטען די אבסאלוטע מאנאפאליע אויף פאליטישע רעכט אין די הענד פון דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי — דאס איז די איינציגע טרייב־קראפט פון דער גאנצער פאליטיק פון די באלשעוויקעס אין רוסלאנד. און דעריבער איז יעדע קריטיק פון דער קאמוניסטישער פאליטיק, יעדע פאלעמיק געגען דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי א מאיעסטעט־באליידיגונג, דאס גרעסטע פארברעכען וואס עס קען נאר געבען. און דעריבער איז די הוילע עקזיסטענץ פון אנדערע פאליטישע גרופירונגען שוין א פארברעכען געגען דער סאוועטישער מאכט, א פארברעכען, וואס מוז שטרענג באשטראפט ווערען.

אויסער דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי טאר זיך ניט געפינען אין לאנד קיין שום אנדערע געזעלשאפטליכע אדער פאליטישע ארגאניזאציעס. אויסראטען יעדען שפור פון ארגאניזירטער געזעלשאפטליכקייט, אטאמיזירען, צושטויבען אויף איינצעלנע קערענדלאך די גאנצע באפעלקערונג — דאס איז די אידעע פון די באלשעוויקעס.

אבער די מורא פאר קריטיק און די אומטאלעראנץ געגען פרעמדע מיינונגען איז כאראקטעריסטיש פאר די באלשעוויקעס ניט נאר אין זייער באציהונג צו אנדערע פאליטישע פארטייען, נאר אויך צו זייערע אייגענע פארטייאישע קרייזען.

די נאטירליכע אנטוויקלונג פון דער באלשעוויסטישער דיקטאטור האט געפיהרט צו דעם, אז די גאנצע אומבאגרענעצטע מאכט האט זיך קאנצענטרירט אין די הענד פון עטליכע פיהרערס, אין דעם דינעם אויבערשטען שיכט פון דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי, וועלכער אונטערדריקט יעדע קריטיק אפילו אין די רייהען פון די קאמוניסטען גופא.

שוין אין 1921 האט דער אוראלער ארבייטער מיאסניקאוו, אן אלטער אנגעזעהענער מיטגליד פון דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי, געשריבען אין א בריף צו לענינ׳ען, וועלכער איז פארעפענטליכט געווארען אין דער אויסלענדישער פרעסע:

„די פרייהייט פון קריטיק ווערט אין דער קאמוניסטישער פארטיי אויפ׳ן שענדליכסטען אופן אונטערדריקט... ווען איינער וואגט צו האבען זיין אייגענע מיינונג, ווערט ער באהאנדעלט אלס א פארברעכער... יעדער פרואוו ארויסצוברענגען א קריטישע מיינונג ווערט געשטעמפעלט אלס „מענשעוויזם“, אלס „סאציאל־רעוואלוציאנערע גיפט“...

אויף דער זיצונג פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל אין מערץ, 1922, האט א דעלעגאציע, וועלכע איז באשטאנען פון 22 אפ־

געזועהענע קאָמוניסטישע טוערס, מיט דעם געוועזענעם פאָלקס־קאָמיסאַר שליאַפּניקאָוו און דער פרוי קאָלאָנטאַי, דער איצטיגער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטעהערין פון סאָוועט־רוסלאַנד אין נאָרוועגיע, אין דער שפּיץ, דערקלערט:

„אין אונזער פּאַרטיי פיהרען די צענטראַלע הויפּט־אינסטאַנצען אַ פאַרביטערטען קאַמף געגען אַלעמען (און פריהער פאַר אַלץ געגען פּראָלעטאַריער), וואָס וואַגען צו האָבען אַן אייגענע מיינונג. וואַגט עמיצער דאָך אָפען ארויסצוזאָגען אַן אייגענע מיינונג, מוז ער אויסשטעהן די גרעסטע פאַרפאָלגונגען“...

אין מעמאָראַנדום, וועלכען טראָצקי האָט אין אָקטאָבער, 1923, איבערגעגעבען דעם צענטראַלען קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, שרייבט ער פאָלגענדעס:

„די מיטארבייט פון די מאַסען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי אין דעם אויפבוי פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער... מיר זיינען איצט אַ סך ווייטער פון אַרבייטער־דעמאָקראַטיע, ווי אין די ערגסטע צייטען פון מיליטערישען קאָמוניזם... ס׳איז ניטאָ קיין שפּור פון וועלכער ניט איז פרייהייט פון מיינונגען איבער די ברענענדסטע פּאַרטיי־פראַגען“.

און ענדליך זיינען די קאָמוניסטען, מיטגלידער פון דער הערשענדער פּאַרטיי, געצוואונגען געוואָרען גאַר אַזוי ווי די פאַרפאָלגטע סאָציאַליסטען, וועלכע שטעהען אויסערען „געזעץ“ אין סאָוועט־רוסלאַנד, צו נעהמען זיך פאַר אומלעגאַלער קאָנספּיראַטיווער אַרבייט.

זיי פאַרבלייבען ווייטער אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָרגאַניזירען זיך אָבער אין געהיימע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּעס, גרינדען געהיימע דרוקערייען, גיבען אַרויס אומלעגאַלע ליטעראַטור, פּראָקלאַמאַציעס, בראָשורען און סוף כל סוף פאַלען זיי אריין אין די נעצען פון אגענטען און שפּיאָנען און אייגענע פּאַרטיי־גענאָסען, וועלכע אַרבייטען פאַר דער „טשעקאַ“.*)

די רוסישע סאָציאַליסטען פלעגען מיט עטליכע יאָהר צוריק אָפט טרעפען זיך אין די סאָוועטישע טורמעס מיט באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען באַשולדיגט געוואָרען אין פאַרשידענע קרימינעלע

---

*) ווי טראָצקי דערצעהלט, האָבען די אומלעגאַלע גרופּעס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גופא אַזוי שטאַרק זיך צעוואַקסען, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געצוואונגען געווען צו ווענדען זיך מיט אַ ספּעציעלען צירקולאַר צו אַלע מיטגלידער פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פאַרפליכטען זיי צו מעלדען צו די געהעריגע פּאַרטיי־אינסטאַנצען און צו דער פּאָליציי וועגען אַלע אָפּאָזיציאָנעלע געהיימע קאָמוניסטישע גרופּעס.

פארברעכענס; איצט טרעפען זיי זיך גאַנץ אָפט מיט באָלשעוויקעס, דערהויפט אַרבייטער, וועלכע זיינען אַריינגעזעצט געוואָרען אין טורמע פאר זייער אידעאישען פּאָליטישען קאמף אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּארטיי.

פון די מעהר באַקאַנטע באָלשעוויקעס געפינען זיך שוין אַ לענגערע צייט אין די טורמעס מיאסניקאָוו, וועלכער האָט נאָך אַ 14־טאָגיגען הונגער סטרייק געוואָלט באַגעהן זעלבסטמאָרד. אַרעסטירט איז אויך דער אַרבייטער נאָוויקאָוו, וועמענס אינטערעסאנטע בראָשורע האָט דאָ ניט לאַנג פאַראינטערעסירט די גאַנצע סאָציאַליסטישע פרעסע אין אויסלאַנד.

3. די פאָרמען פון טעראָר.

ווען לענין האָט אין פריהלינג, 1921, פּראָקלאַמירט דעם „נייעם קורס" פון עקאָנאָמישער פּאָליטיק אין רוסלאַנד, האָט ער גלייכצייטיג ערקלערט אין זיין באַקאַנטער רעדע, אַז אַלס אַ דערגענצונג צום נייעם קורס וועט דורכגעפיהרט ווערען אַ פלאַנמעסיגע סיסטעם פון טעראָר געגען די סאָציאַליסטען. „די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען וועלען מיר גאַנץ פאָרזיכטיג האַלטען אין די טורמעס". אָבער דאָס האַלטען די רוסישע סאָציאַליסטען אין די באָלשעוויסטישע טורמעס כדי פּאָליטיש צו איזאָלירען זיי פון לעבען, האָט מיט דער צייט אָנגענומען גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. איצט באַנוגענען זיי זיך שוין ניט בלויז מיט באַזייטיגען זייערע סאָציאַליסטישע געגנער פון פּאָליטישען לעבען. ניין, זיי האָבען אינט זיך געשטעלט גאָר אַן אַנדער אויפגאַבע: זיי ווילען זיי ניט נאָר פּאָליטיש באַזייטיגען, ניט נאָר אוממעגליך מאַכען פאר זיי וועלכע ניט איז פּאָליטישע טעטיגקייט, זיי שטרעבען צו דיסאָרגאַניזירען און דעמאָראַליזירען זיי, און ווי ווייט מעגליך אויסצוראָטען זיי פיזיש. מיר וועלען זיך דאָ באַמיהען אויפ'ן גרונד פון פאַקטען צו באַווייזען, אַז אונזער כאַראַקטעריסטיק פונ'ם באָלשעוויסטישען טעראָר געגען די רוסישע סאָציאַליסטען איז ניט איבערגעטריבען.

די פלאַנמעסיגע סיסטעם פון דיסאָרגאַניזירען און דעמאָראַליזירען געפינט איהר קלאָרען אויסדרוק אין די אומאויפהערליכע אַרעסטען און הויז־זוכונגען.

א) מאַסען־אַרעסטען און הויז־זוכונגען.

אַזעלכע „אָפּעראַציעס" ווערען דורכגעפיהרט אין גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד יעדע צוויי־דריי מאָנאַטען, אָבער ווען ס'דערנעהענטערען זיך געוויסע טעג פון אַ באַזונדערער פּאָליטישער באַדייטונג, דאַן ווערען די פאַרפאָלגונגען געוואַלדיג גרויזאַם. אין 1923 זיינען דורכגעפיהרט

געוואָרען מאַסען הויז־זוכונגען אין מאַרטש, צום פינף־און־צוואַנציג־
יעהריגען יובילעאום פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי; דאַן
פאַר דעם ע ר ש ט ע ן מאַי; פאַר די אָקטאָבער־פייערליכקייטען
און דאָס גלייכען. פאַר דעם ערשטען מאַי, 1923, למשל, זיינען פאַר־
געקומען מאַסען הויז־זוכונגען און אַרעסטען אין מאָסקווע, וואו ס'זיי־
נען אַרעסטירט געוואָרען איבער טויזענד פּערזאָן, אין פּעטערבורג,
טווער, קאָסטראָמאַ, בריאַנסק, טולאַ, ניזשני־נאָווגאָראָד, קינעשמאַ,
קראַסנאָדאַר, קאַזאַן, אופאַ, ריאַזאַן, פּערם, וואָראָנעזש, וויטעבסק, קאַ־
לוגאַ, טאַמבאָוו, קיעוו, אָדעסאַ, כאַרקאָוו, ראָסטאָוו וויאַטקאַ (וואו אַלע
פּאָליטישע זיינען גלייך איינגעשפּאַרט געוואָרען אין טורמע), טיומען
(הויז־זוכונגען ביי די פּאַרשיקטע), יאַלוטאָראָווסק, מאָהילעוו, האָמעל,
בערדיטשעוו. דאָסזעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין נאָוועמבער פון
דעמזעלבען יאָהר. אָבער צווישען אָט־די צוויי הויפּט־אַקציעס האָט די
„טשעקאַ" אויך ניט געשלאָפען, אין פאַרשידענע שטעדט זיינען פאַר־
געקומען הויז־זוכונגען און אַרעסטען — אין יולי מאָנאַט אין כאַרקאָוו
און באַקו, אין סעפּטעמבער — אין קיעוו און דאָנעצער קוילען־ראַיאָן.
אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן 1טען מאַי, 1924, זיינען פאָרגעקומען געוואַל־
דיג גרויסע אַרעסטען איבער'ן גאַנצען לאַנד. פאַר אָט דעם גרויסען
פּראָלעטאַרישען יום־טוב האָבען זיך די באָלשעוויקעס גוט צוגעגרייט און
די „טשעקאַ" האָט שוין געזאָרגט פאַר דעם, אַז די אַלע סאָציאַליסטישע
פּאַרטייען זאָלען, חלילה, ניט פאַרשטערען דעם גרויסען יום־טוב.

די פולמאַכט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי אין סאָוועט־רוסלאַנד
איז אומבאַגרענעצט. אַרעסטען און הויז־זוכונגען ווערען דורכגע־
פיהרט אָהן קיין שום רעכטליכען גרונד. דער קלענסטער פאַרדאַכט
איז גענוג אַריינצוּוואַרפען אַ מענשען אין טורמע. ס'איז גענוג אַז
אַ שפּיאָן זאָל אָנווייזען, אַז דער אָדער יענער אַרבייטער אָדער אָנגע־
שטעלטער איז פּאָליטיש ניט כשר; ס'איז גענוג דער פאַקט אַליין,
אַז עמיצער איז אין 1917 אָדער אַפילו אין 1905 (!) געווען אַ מיט־
גליד פון איינער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען! עס זיינען געווען
פאַלען, ווען ס'זיינען געמאַכט געוואָרען הויז־זוכונגען לויט די ליסטען
פון „פּאָליטיש ניט כשר'ע" פּערזאָנען, וועלכע איז געפונען געוואָרען
אין די פּאַפּירען פון דער צ אַ ר י ש ע ר ז ש אַ נ ד אַ ר מ ע ר י ע!
עס איז גענוג, אַז אַן אַרבייטער זאָל אַנטייל נעהמען אין אַ סטרייק,
זאָל זיך צעווערטלען מיט אַ וויכטיגען קאָמוניסט, זאָל זיין אַ באַקאַנטער
אָדער אַ קרוב פון אַ סאָציאַליסט, וועלכען די „טשעקאַ" זוכט אַרום,
און דער אומגליקליכער וועט שוין פאַרזוכען דעם טעם פון דער באָל־
שעוויסטישער גערעכטיגקייט.

מיט הויז־זוכונגען אַליין פאַרענדיגט זיך ניט די זאַך. געוועהנליך,
הויבט זיך אָן נאָך די הויז־זוכונגען אַ סדרה פון אַרעסטען און הונ־
דערטער, אָפטמאָל טויזענטער מענשען ווערען אַוועקגעריסען פון זייער

פאַמיליע, פון זייער באַשעפטיגונג און אַריינגעוואָרפען אויף וואָכען און מאָנאַטען אין די פינסטערע און שמוציגע טורמעס פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט. און דאָרט ערשט הויבט זיך אָן די אינקוויזיטאָרשע אַרבייט פון די טשעקיסטישע הענקער, דאָרטען ערשט ווערען פאַרגיפטעט און דעמאָראַליזירט די נשמות פון די אומגליקליכע קרבנות. מ׳קלייבט זיך אויס צווישען די אַרעסטירטע אַ פּאַסיגען קרבן און מ׳לעגט איהם פאָר אַריינצוטרעטען אין דער „טשעקאַ“ אַלס געהיימער אַגענט. מיט וואָס פאַר אַן ענערגיע די טשעקיסטישע הענקער טוען זייער הייליגע אַרבייט זעהען מיר פון דעם גרויסען פּראָצענט אומגליקליכע, וואָס פאַלען אַריין אין זייערע נעצען. די מאַטעריעלע נויט, די זאָרג פאַר׳ן מאָרגענדיגען טאָג, די סטראַשונקעס פון די אויספאָרשער ווירקען פריהער ווי אַלץ אויף די אינגערע, שוואַכערע, ניט־ערפאַהרענע מענשען. און אַז מ׳פאַלט שוין אַריין, איז שווער אַרויסצוקריכען פון דעם זומפּ. אַ סך פון די, וואָס האָבען ניט געהאַט גענוג מוט ווידערשטעלען זיך געגען די באָלשעוויסטישע אינקוויזיטאָרען, פאַרענדיגען זייער לעבען מיט זעלבסט־מאָרד.

אַלע איבעריגע אַרעסטירטע ווערט פאָרגעשלאָגען אָן אַנדער זאַך: אָנצושרייבען „אַ בריף אין דער רעדאַקציע“. דער דאָזיגער „אומשולדיגער בריף ווייזט זיך אַרויס אַלס אַ פאָרמעלער אָפּזאָג פון דער פּאַרטיי, צו וועלכער דער אַרעסטירטער האָט ווען עס איז געהערט אָדער געהערט נאָך איצט אויך. דער טעקסט פון אַזאַ „בריף אין דער רעדאַקציע“ ליגט שוין צוגעגרייט ביים „געריכטס־אויספאָרשער“ אויפ׳ן טיש; מ׳דאַרף מעהר ניט, ווי אונטערשרייבען דעם נאָמען. געוועהנליך ווערט אין דעם „בריף“ דערקלערט, אַז דער אונטערגעשריבענער האָט זיך איבערצייגט, אַז נאָר די רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די אמת׳ע פאַרטרעטערין פון די אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט און פון דער רעוואָלוציע, און אַז די פּאַרטיי, צו וועלכער ער האָט פריהער געהערט, האָט „פאַרראַטען דעם סאָציאַליזם“, אָדער האָט זיך פאַרקויפט צו דער בורזשואַזיע, וכדומה.

דער אויספאָרשנג־ריכטער דערלאַנגט דעם אַרעסטירטען אַזאַ מין „בריף“ און זאָגט: „שרייבט אונטער, אַניט וועט איהר אין פיר טעג אַרום אַרויסגעשיקט ווערען אין די ווייטע געגענדען“. („סאָצ. וועסטניק“, בריף פון כאַרקאָוו, דעם 11טען יולי, 1923). געוועהנליך איז די גרעסטע צאָהל פון די אַרעסטירטע מענשען, וועלכע האָבען ניט קיין דירעקטע שייכות צו דער פּאַרטיי, אָדער סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען שוין לאַנג אַוועק פון פּאָליטישען לעבען. דאָס אַרויסשיקען איז פאַר זיי אַן אומגליק (פאַר אַ קראַנקען מענשען איז דאָס ממש אַ געפאַהר), אַ פולשטענדיגער מאַטעריעלער חורבן, הונגער און נויט פאַר זייער פאַמיליע. אין די הערצער פון די אומגליקליכע קרבנות קומט פאָר אַ קאַמף צווישען געפיהל פון פּאָליטישער אָנשטענדיגקייט

און די לעבענס־אינטערעסען. א סך פון זיי האלטען ניט אויס דעם פארצווייפעלטען קאמף, און ס׳טוען זיך א שאָט צעהנדליגער „בריף אין דער רעדאקציע״. די טשעקיסטען האָבען דערגרייכט זייער ציל. די בריף־שרייבער געהען ארויס אויף דער „פרייהייט״ מאָראליש צו־בראָכענע, דערשלאָגענע, און אויף דעם זייטיגען לעזער מאכט עס דעם געהעריגען איינדרוק. זיי ווייסען דאָך ניט, וואָס דאָ איז פאר־געקומען. זיי גלויבען, אז די סאָציאַליסטישע פארטייען „צופאַלען״ זיך און אז די די קאָמוניסטישע פארטיי ווערט אַלץ שטאַרקער*). די פערזאָנען, וועלכע זאָגען זיך אָפּ אונטערצושרייבען די בריף — און גאַנץ אָפט זיינען עס ניט קיין אקטיווע פארטיי־מיטגלידער! — ווערען אין די הונדערטער אריינגעוואָרפען אין די טורמעס, פארשיקט אָדער פארשפארט אין די קאָנצענטראציאָנס־לאַגערען. און דאָס אַלץ ווערט אָפּגעטאָן אָהן יעדען משפט, נאָר לויט׳ן ווילקיר פון די אָרטיגע אָדער צענטראלע פיהרערס פון דער „טשעקא״. ניט ריכטיג איז די מיינונג, אז דער גרויזאמער טעראָר פון דער „טשעקא״ איז געווענדעט הויפּטזעכליך געגען די אזוי־גערופענע בורזשואַזע עלעמענ־טען. פארקעהרט, מעהר פון אַלעמען ליידען פון דעם גראַדע די שיכ־טען פון דער באַפעלקערונג, וועמענס פּאָליטישע אַקטיוויטעט און סימ־פּאַטיע געהערען צו די סאָציאַליסטישע פארטייען, און דאָס זיינען די מעהר אַנטוויקעלטע שיכטען פון די אַרבייטער מאַסען און די פויערים. מיר קענען אונזער מיינונג באַשטעטיגען מיט אַ פּאָר פאַקטען, וועלכע שטאַמען פון די באָלשעוויקעס גופא: פון א געהיימען באריכט פון דער אָדעסער „טשעקאַ״, וואָס איז פארעפענטליכט געוואָרען אין דעם „סאָציאַליסטישען וועסטניק״ איז צו זעהן, אז פאר דער צייט פון דעם 8טען פעברואר, 1920, ביז דעם 8טען פעברואר, 1921, זיינען פון די 3675 ארעסטירטע אין אָדעסער „טשעקא״ — 51.4 פּראָצענט גע־ווען ארבייטער, אָנגעשטעלטע און פויערים, און מ׳דאַרף נעהמען אין אַכט דאָס, וואָס צו יענער צייט האָט דער מיליטערישער קאָמוניזם געהאַלטען אין רעכטיצן ברען, און די טורמעס זיינען פול געווען מיט סוחרים, הענדלער, בעלי־מלאכות, פאַבריקאנטען, וועלכע זיינען באַ־

*) מיט דער הילף פון איניגע סאָציאַליסטישע רענעגאַטען האָבען די באָלשעוויקעס פּרובירט שאַפען אַ גאַנצע „באַוועגונג״ פון די „געוועזענע״. אונטער דער פיהרערשאַפט פון דער „טשעקאַ״ ווערען אָרגאַניזירט „קאָנפער־רענצען״ און „קאָנגרעסען״ פון געוועזענע סאָציאַליסטען־רעוואָלו־ציאָנערען און מענשעוויקעס, וועלכע זיינען איבערגעגאנגען צו דער קאָמו־ניסטישער פארטיי. אויף די דאָזיגע „קאָנפערענצען״ ווערט נאַטירליך איינ־שטימיג „באַשלאָסען״ אויפצולייזען די אָרטיגע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס. אָבער דיזע „קאָנגרעסען״ זיינען געווען אַזאַ דורכפאַל, אַז מען האָט זיך שפּעטער פון דעם אָפּגעזאָגט.

שולדיגט געווען אין ספּעקולאַציע. זינט אָבער ס׳האָט זיך אָנגעהוי־
בען דער נייער קורס פון עקאָנאָמישער פּאָליטיק זיינען אין די סאָ־
וועטישע טורמעס כמעט ניטאָ די פאָרשטעהער פון די קאַפּיטאַ־
ליסטישע קלאַסען און איצט דערגרייכט דער פּראָצענט פון ארבייטער,
פּויערים און אָנגעשטעלטע, וועלכע ווערען באַשולדיגט אין סימפּאַטיע
צו די אידעען פון דעמאָקראַטישען סאָציאַליזם, ביז 80־90.*) מ׳קאָן
מיט פולער זיכערהייט זאָגען, אַז פון די צעהנדליגער טויזענטער
סאַציאַליסטען אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז קיין איינציגער ניט גע־
בליבען אויף דער פרייהייט, וועמעס נאָמען עס איז באַקאַנט דער
„טשעקא״. עס העלפט ניט די „פּראָלעטאַרישע אָפּשטאַמונג״, ניט די
לאַנג־יעהריגע רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט, ניט די גרעסטע פאַרדינ־
סטען פאַר׳ן אַרבייטער־קלאַס. די אויסלענדישע גענאָסען ווייסען גע־
ווים פון די באַריכטען וועגען דעם באַקאַנטען פּראָצעס געגען די 22
סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען אין 1922. ו ו ע ר ס׳זיינען גע־
ווען די אָנגעקלאָגטע, ווער ס׳זיינען גאָץ, טימאָפעיעוו, ווערעניאַפּין,
מאָראָזאָוו, ראַטנער. דאָס זיינען מענשען, וואָס האָבען לאַנגע יאָה־
רען פאַרבראַכט אין די צאַרישע טורמעס און אויף קאַטאָרגע און
ארויסגעוויזען דעם העכסטען העלדענמוט אין קאַמף געגען צאַריזם.
מיר קאָנען נאָך אָנווייזען אויף די נעמען פון הונדערטע באַוואוסטע
סאָציאַל־דעמאָקראַטען, סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, לינקע סאָ־
ציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, אַנאַרכיסטען, וועלכע האָבען צעהנדלי־
גער יאָהרען געקעמפּט פאַר די אינטערעסען פון אַרבייטער־קלאַס און
איצט שמאַכטען זיי אין די טורמעס פון סאָוועט־רוסלאַנד. אָט איז
מ א ר ק ל י ב ע ר, אַן אָנגעזעהענער פיהרער פון „בונד״ און
סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לידער זינט 1896. ער האָט געשפּילט אַ
גרויסע ראָליע אין די סאָוועטען איידער די באָלשעוויקעס האָבען פאַר־
כאַפּט די מאַכט. יאָהרען לאַנג האָט מען איהם געמאַטערט אין די
באָלשעוויסטישע טורמעס, פריהער אין סאַראַטאָוו, דערנאָך אין
מאָסקווע און סוזדאַל; איצט איז ער פאַרשיקט, אַ קראַנקער, אין
ס ע מ י פּ א ל א ט י נ ס ק, אין צענטראַל אַזיע. אָט איז די באַ־
ריהמטע ס פּ י ר י ד אָ נ אָ ו ו אַ, וועלכע האָט יאָהרען לאַנג
פאַרבראַכט אין דער צאַרישער קאַטאָרגע. אין אָקטאָבער, 1917, איז
זי געגאַנגען צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, זי האָט אַפילו פאַרנומען
דעם וויכטיגען אַמט פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר, און איצט זיצט זי אַ
גייסטיג־קראַנקע פאַרשפּאַרט צוערשט אין אַ באָלשעוויסטישער טור־
מע, איצט אין אַ שפּיטאָל פאַר פּסיכיש־קראַנקע. קיין בעסערען מזל

*) פון די 112 סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, וועלכע זיינען אין פריה־
לינג, 1923, געווען אין פּעטערבורגער טורמע, אויף דער שפּאַלערנער גאַס,
זיינען 102 געווען אַרבייטער און אָנגעשטעלטע.

האָבען אויך ניט די „עכטע פאָרשטעהער" פון פּראָלעטאריאַט. דעם 4טען נאָוועמבער, 1923, זיינען ארעסטירט געוואָרען אין ראָסטאָוו די עלטעסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען־ארבייטער, צווישען זיי אָרלאָוו, פּאָרזיצער פון ארבייטער־ראַט אין יעקאַטערינאָסלאַוו אין 1905. אָט איז ס. י. דאָוונאַראָוויטש, מיטגליד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּארטיי זינט 1892, פּאָרזיצער פון סאָוועט אין 1917. פיר יאָהר האָבען זיי איהם ארומגעשלעפּט איבער די טורמעס, שפּעטער האָט מען איהם ארויפגעשטעלט אויף דער „שווארצער ליסטע" און דאָ ניט לאַנג איז דער אַלטער מאַן געשטאָרבען אין דער גרעסטער נויט. אָט איז ענדליך דער אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַט וואָראָניצין, אָרגאַניזאַטאָר און אָנפיהרער פון דעם באַקאַנטען אויפשטאַנד אין סעוואסטאָפּאָל אין 1905 צוזאמען מיט'ן לייטענאַנט שמידט. דער צאַרישער געריכט האָט איהם פאַר'משפּט פריהער צום טויט, שפּעטער איז דער טויט־אורטייל פּאַרביטען געוואָרען אויף אייביגע קאַטאָרגע אין שליסעלבורגער פעסטונג, וואו ער האָט פאַרבראַכט צוועלף יאָהר און איז כמעט בלינד געווארען. א הילפלאָזען און אַ קראַנקען שלעפּט מען איהם איצט אַרום איבער די סאָוועטישע טורמעס.

ב) די באָלשעוויסטישע טורמע.

דער ערשטער טויער, דורך וועלכען ס'געהען דורך די קרבנות פון'ם באָלשעוויסטישען טעראָר, זיינען די ארעסט־הייזער אין די טורמעס. די רוסישע טורמעס זיינען שוין פאַר דעם קריג באַקאַנט געווען אלס זעהר ניט קיין אנגענעהמע אַנשטאַלטען. די מלחמה און די רעוואָלוציע האָבען זיי ניט געמאַכט באַקוועמער. דער אלגעמיינער עקאָנאָמישער חורבן און נויט, די מאַטעריעלע און גייסטיגע צופאַלונג פון'ם לאַנד, די אומזיניגע באָלשעוויסטישע באַלעבאַטישקייט האָבען זעהר שטאַרק פאַרערגערט די באַדינגונגען נישט נאָר אין לאַנד, נאָר אויך אין די באָלשעוויסטישע טורמעס. דער היגיענישער צושטאַנד, דאָס פאַרזאָרגען פון די ארעסטירטע מיט שפּייז און אַנדערע זאַכען זיינען פיל ערגער געוואָרען. די באָלשעוויסטישע טורמעס זיינען פאַרפּעסטעטע, שמוציגע, שרעקליך פאַרלאָזענע געביידעס, נעסטען פון די געפעהרליכסטע עפּידעמישע קראַנקהייטען. אז מען געפינט זיך דאָרט אַפילו אַ קורצע צייט, איז דאָס שוין אַ גרויסע סכנה פאַר'ן געזונד און פאַר'ן לעבען פון די אַרעסטירטע. באַזונדערס שרעקליך זיינען, נאַטירליך, די פּראָווינציעלע און עטאַפּנע טורמעס.

אָט איז, צום ביישפּיל, די טורמע אין יאַראָסלאַוול, וואו מען האָט געהאַלטען הונדערטער פּאָליטישע אַרעסטירטע אין קאַלטע, שמוציגע, פייכטע קאַמערען; נישטאָ קיין באַלייכטונג, אוי־

סער קליינע נאַפט־לעמפּעלאַך, וואָס פאַרשפּרייטען אַ שטיקענדען ריח; קיין געקאָכטע וואַסער צום טיי איז ניטאָ; דאָס קאַלטע וואַסער צום טרינקען באַקומט מען פון אַן אַלטען פאַרלאָזענעם ברונים, וואָס ליגט האַרט ביי די אַלגעמיינע טואַלעטס.

אָט איז די טורמע אין וויטעבסק, וואו ס'האָבען זיך אין זומער, 1923, אויפגעהאַלטען אַ גאַנצע רייהע געפאַנגענע; אין קאַמערען, וואָס האַלטען 8 טריט אין דער לענג און 6 אין דער ברייט, געפינען זיך פון 20 ביז 25 פּאָליטישע צוזאַמען מיט קרימינעלע. איינגאַנצען זיינען פאַראַן 12 הילצערנע נאַרעס, אַ טייל פון די אַרעסטירטע שלאָפט אויף דער פּאָדלאָגע; לייז און וואַנצען קאָן מען צונויפשאַרען מיט לאָפּעטעס, אַזוי געדיכט איז עס; ריזיגע פּאַצוקעס (מייז) דרעהען זיך אַרום הין און הער; די לופט איז אַ שרעקליכע און די אַרעסטירטע ליידען אויף קאָפּ־שמערצען. אָנשטאָט אַ טואַלעט — אַ הילצערנע כלי אין קאַמער (אַ „פּאַראַשע“). די אויפזעהער שילטען, זידלען, אָפט איז מען מכבד מיט קלעפּ און אַנטיסעמיטישע ווערטלאַך; וואָכענלאַנג זיצט מען אַזוי פאַרשפּאַרט, ניט וויסענדיג אפילו פאַרוואָס מ'האָט אייך אַרעסטירט. („סאָציאַליסטישער וועסטניק“, דעם 12טען יוני, 1923).

אָט איז די טורמע אין טשעליאַבינסק, וואוהין מ'שלעפּט צונויף פון פאַרשידענע געגענדען סאָציאַליסטען, וואָס זיינען „פאַר'משפּט'ט“ געוואָרען אויף אַ לענגערער צייט. דאָרט הערשט אַ רעזשים, וואָס רופט אַרויס שטענדיגע קאָנפליקטען צווישען די אַרעסטירטע און דער אַדמיניסטראַציע; די אויפזעהער זיינען בייז און פאַרצאָרענט, דער קאָמאַנדאַנט רייסט זיך אָפט אַריין אין די קאַמערען אַ שיכור'ער, אַ ווילדער; דאָס עסען וואָס מ'באַקומט, איז ווייניג און פון דרויסען קאָן מען גאָרנישט באַקומען; קיינע באַזוכען ווערען ניט ערלויבט, און אַלס אַ רעזולטאַט — איין הונגערסטרייק נאָכ'ן אַנדערען — דער איינציגער פּראָטעסט־מיטעל פון די געפאַנגענע.

אָט איז ווידער די טורמע אין נאָוואָ־ניקאָלאַיעווסק, אַן עטאַפּען־פּונקט פאַר די אַרויסגעשיקטע. די טורמע איז אַ נעסט פון טיפוס. הונדערטער קרבנות האָט זי שוין צוגענומען, אַזוי, אַז די „גוטהאַרציגע“ באָלשעוויסטישע מאַכט גופא האָט געמוזט צייטוויליג אָפּהאַלטען דאָס צושיקען אַהין נייע אַרעסטירטע.

און דאָ קומט סוזדאַל, אַ טורמע, וואו די באָלשעוויקעס האָבען געוואָלט איינאָרדנען אַ „אידעאַלען איזאָלירונגס־פּונקט“, די געפאַנגענע סאָציאַליסטען זאָלען זיך דאָ פיהלען באַקוועם, זאָלען זיך פריי באַוועגען, אַרבייטען און פאַרווייליען זיך און „ניט שטערען די באָלשעוויקעס צו פאַרווירקליכען דעם קאָמוניזם אויף דער וועלט“. דער דאָזיגער „גן־עדן“ איז איינגעאָרדענט געוואָרען אין די אַלטע

קלויסטער מויערן, וואָס זיינען פאַרבליבען נאָך פון די צייטען פון די מאָסקווער צאַרען און וואוהין מ׳פלעגט אמאָל פאַרשיקען רעליגיעזע פאַרברעכער; מיט הונדערט יאָהר צוריק האָט ניקאָלאַי דער ערשטער דאָרטען פאַרשפאַרט א טייל פון די „דעקאַבריסטען“. אין די זעכציגער יאָהרען פון פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָט שוין די צאַרישע רעגירונג אויפגעהערט צו באַנוצען די סוזדאַלער „באַסטיליע“, ווייל זי איז ניט צוגעפאַסט פאַר א געפענגעניש. איצט שמאַכטען דאָרט א גאַנצע רייהע באַוואוסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טוער;*) א באַדייטענדער טייל פון די ג ר ו ז י נ י ש ע סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיינען דאָ פאַרשפאַרט. די אַלטע פאַרלאָזענע קאַמערען זיינען פייכט, אין די פאַרקלאַפטע פענסטער קומט ניט אַריין די שיין פון דער זון, מ׳זעהט ניט דעם הימעל און ניט די ערד. בייטאָג הערשט דאָרטען א פינסטערניש און ביינאַכט ווערט די קאַמער באַלויכטען מיט א קליין לעמפעלע. די געפאַנגענע אין דער סוזדאַלער באַסטיליע זיינען פאָלשטענדיג איזאָלירט. צוויי מאָל א טאָג פיהרט מען די אַרעסטירטע אין טואַלעט. קיין צייטונגען ווערען ניט צוגעלאָזט, קיין ביבליאָטעק איז ניטאָ. קלאַפען אין וואַנד און אַזוי אַרום דורכשמועסען זיך מיט די געפאַנגענע אין דער נאָהענטער קאַמער איז שטרענג פאַרבאָטען, שפאַצירען צוזאַמען טאָר מען ניט; די פאַרוואַלטונג פון דער טורמע היט אָפ שטרענג די מאָסקווער אינסטרוקציעס; וועגען דער קלענסטער זאַך מוז מען זיך אָנפרעגען אין מאָסקווע. אַזוי, צום ביישפיל, האָט איינער פון די אַרעסטירטע געבעטען, אַז מ׳זאָל פאַרקירצען זיין הילצערנעם באַנק, ווייל ער איז צו־הויך פאַר זיין טיש; פון דער טורמע פאַרוואַלטונג האָט מען געענטפערט, אַז מ׳מוז זיך פריהער אָנפרעגען אין מאָסקווע, באַקומען פון דאָרטען אַן ערלויבניש.

מיר וואָלטען באַדאַרפט א סך בויגענס פאַפיר אויף צו באַשרייבען די פראָווינציעלע טורמעס אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו ס׳הערשט א שרעקליכע לאַגע, ווי אין די ערגסטע צייטען פון צאַריזם, איידער ס׳זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען די רעפאָרמען פון די זעכציגער יאָהרען פון׳ם פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט. און דעריבער וועלען מיר זיך גענויער אָפשטעלען אויף די טורמעס אין די צוויי הויפט־שטעדט, וועלכע שיידען זיך אונטער פון די פראָווינציעלע און וועלכע די סאָוועטישע מאַכט שטעלט אַרויס אַלס מוסטערהאַפטע איינריכטונגען.

צוזאַמען מיט די צוויי פאַרהעלטניסמעסיג גוט־איינגעאָרדענטע טורמעס, אויף בוטירקי און אויף טאַגאַנקע, האָבען מיר דאָרטען די באַריהמטע „אינערליכע געפענגעניש“ פון דער „מלוכה׳שער פאָליטי־

*) וו. לעוויצקי (מאַרטאָוו׳ס ברודער), ב. וואַסיליעוו, אַננאַ קראַסניאַנסקאַיאַ א. א.

שער פֿאַרוואַלטונג" (גע פּע או — דער נייער נאָמען פֿון דער „טשעקאַ") און די טורמע אויף גאָראָכאָוואַיאַ אין פּעטערבורג. אין דער צייט ווען אין בוטירקי און טאַגאַנקע האָבען די סאָציאַליסטען דורך אַ האַרטנעקיגען קאַמף און הונגער־סטרייקען דערשלאָגען זיך צו מעהר אָדער וועניגער מענשליכע באַדינגונגען, איז דערפֿאַר אָבער די לאַגע אין די צוויי אויבענדערמאָנטע טורמעס אַזאַ שרעקליכע, די גרויזאַמע באַהאַנדלונג פֿון די אַרעסטירטע אַזוי אומדערטרעגליך, אַז אַפּילו פֿאַר סאָוועט־רוסלאַנד איז עס אַן אויסנאַהם. אין דער „אינערליכער טורמע", וועלכע איז פֿאַראייניגט מיט דער הויפּט־קוואַרטיר פֿון דער „טשעקאַ" אויף דער גרויסער לוביאַנקאַ, זיינען די קאַמערען אַזוי איינגעאָרדענט, אַז אַהין קומט ניט אַריין די זון, די אַרעסטירטע לאָזט מען ניט אויף אַ שפּאַציר, ס'איז פֿאַרבאָטען צו באַזוכען זיי. אין די קאַמערען ברענט דאָס ליכט טאָג און נאַכט; דער פֿאַרקעהר מיט דער אַדמיניסטראַציע פֿון דער טורמע קומט פֿאָר ביינאַכט און די אַרעסטירטע קאָנען ניט שלאָפֿען רוהיג: געוועהנליך נעהמט מען די אַרעסטירטע אויף אַ פֿאַרהער ביינאַכט, מ'ברענגט נייע און מ'שיקט אַרויס די געפֿאַנגענע אין אַנדערע טורמעס. שרייבען, לייענען, צונויפֿרעדען זיך מיט עמיצען פֿון די אַרעסטירטע, שפּילען שאַך, איז שטרענג פֿאַרבאָטען; אַ רעזשים פֿון דער שטרענגסטער איזאָלירונג ווערט דאָ פֿאָלקאָם דורכגעפֿיהרט. די אַרעסטירטע ווערען דאָ לעבעדיגערהייט באַגראָבען, פֿון זייערע נאָהענטע און פֿריינד זיינען זיי אינגאַנצען אָפּגעריסען, זיי טאָרען זיך ניט מיט קיין זאַך באַשעפֿטיגען; אַלע פֿאַראָרדנונגען פֿון דער טורמע־פֿאַרוואַלטונג האָבען נאָר דעם ציל צו פֿאַרניכטען די אַרעסטירטע פֿיזיש און גייסטיג, צעברעכען זייער ווידערשטאַנד און מאַכען פֿון זיי אַ געהאָרכזאַמע געצייג פֿון דער „טשעקאַ". אין דער טורמע האָבען זיך אויפֿגעהאַלטען אַ לענגערע צייט די 22 סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און אַ סך אַנדערע אַרעסטירטע סאָציאַליסטען.

דיזעלבע לאַגע הערשט אויך אין דער פּעטערבורגער „טשעקאַ", אויף דער באַקאַנטער גאָראָכאָוואַיאַ נומער צוויי, אין דערזעלביגער געביידע, וואו אַמאָל האָט געבושעוועט די צאַרישע פּאָליציי. אַן איינצעל־קאַמער (אָדינאָטשקע) אויף דער גאָראָכאָוואַיאַ, — האָבען אונז די אַרעסטירטע געשריבען, — איז אַ „הילצערנער קבר" — 2 מעטער (7 פֿוס) די לענג און אַ מעטער (3½ פֿוס) די ברייט, אַ העלפֿט פֿון דער קאַמער איז פֿאַרנומען מיט דער נאַרע, קיין שטראַל פֿון דער זון דרינגט ניט אַריין אַהין. נישטאָ קיין ווענטילאַציע, קיין שפּאַצירגאַנג; לייענען, שרייבען בריף, באַזוכען זיינען פֿאַרבאָטען. ווען די צאָהל פֿון די אַרעסטירטע איז גרויס, שפּאַרט מען אַריין אין אַזאַ איינצעל־קאַמער צוויי אָדער דריי מענשען. אָבער אין דער טורמע קומען פֿאָר נאָך ערגערע זאַכען. די מעהר „ווידערשפּעניגע"

אַרעסטירטע, וועלכע זיינען צוליב וועלכער ניט איז סיבה ניט גע־
פעלען געוואָרען דער טורמע־פאַרוואַלטונג, האָבען אויסצושטעהן נאָך
גרעסערע פאַרפאָלגונגען. די ערשטע שטראָף איז דאָס „ניט רעגי־
סטרירען“. דאָס הייסט, ער ווערט ניט פאַרצייכענט אויף דער ליסטע
פון די אַרעסטירטע, ער פאַרשווינדט פאַר זיינע נאָהענטע און פריינד.
וואוהין זיי זאָלען ניט קומען נאָכפרעגען זיך וועגען דעם אַרעסטיר־
טען, אין די טורמעס, אין אַרעסט־הייזער, באַקומען זיי דעמזעלבען
ענטפער. אַזאַ איז ביי אונז ניטאָ. מ׳קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען,
וואָס ס׳לעבען דורך די נאָהענטע און פריינד פון אַזאַ אומגליקליכען.
אַזאַ מין פלוצלינגער פאַרשווינדען אין פעטערבורג איז ניט קיין גע־
לעכטער. פון דער ביטערער ערפאַהרונג ווייס מען שוין, מיט וואָס
דאָס שמעקט אמאָל... און די אומגליקליכע פאַמיליע פון דעם אַרע־
סטירטען לויפט אַרום אַ פאַרצווייפעלטע, שלאָגט אָפּ די טירען פון די
פאַרשידענע באָלשעוויסטישע קאַנצעליאַריעס, זוכט און נישטערט.
אין דערזעלבער צייט זיצט דער אַרעסטירטער אויף גאָראָכאָוואַיאַ און
וואַרט אומזיסט אויף זיינע פריינד און נאָהענטע, טאָמער וועלען זיי
איהם ברענגען עפּעס עסען. אַן אַנדער „שטראָף־מיטעל“ פאַר אַזאַ
ווידערשפּעניגען איז דער פאַרבאָט צו באַקומען שפּייז פון דרויסען.
דער אַרעסטירטער איז דאָ אָנגעוויזען בלויז אויף דער טורמע־פּאָרציע,
וואָס באַשטעהט פון פיר הונדערט גראַם (1 פונט) שוואַרצע ברויט
און צוויי טעלער וואַסערדיגע זופּ אַ טאָג. אָבער דער שרעקליכסטער
שטראָף־מיטעל איז די „פ ר אָ ב ק ע־ק אַ מ ע ר“. דאָס איז אַ
קליין קאַמערל, די גרויס פון אַ טעלעפאָן־ביידעל, הערמעטיש צוגע־
מאַכט און אויסגעקליידט מיט פּראָבקע. אין דעם קאַסטען, וואו
מ׳קאָן זיך ניט אַ ריהר טאָן, מ׳קאָן זיך ניט לעגען, פאַרברענגען די
אומגליקליכע וואָכען און מאָנאַטען, אָהן באַוועגונג, אָהן לופט. דער
רעזולטאַט פון אַזאַ רעזשים איז אַ גרויסער צאָהל זעלבסטמאָרדען,
הונגער־סטרייקען און גייסטיגע קראַנקהייטען פון די אַרעסטירטע סאָ־
ציאַליסטען. („אַרבייטער־בלאַט“, אָרגאַן פון דעם פעטערבורגער סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטישען קאָמיטעט נומער 1).

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט גענוג. די פעטערבורגער טשע־
קיסטען פּ י י נ י ג ע ן ז י י ע ר ע ק ר ב נ ו ת אַמאָל אויך
פיזיש, ניט ערגער ווי אין די צייטען פון דער הייליגער אינקוויזיציע.
אַזעלכענע ידיעות זיינען אָפט געקומען. אַ נייער פאַקט איז די מעל־
דונג פון אַ גרופּע לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען צום רעוואָ־
לוציאָנערען טריבונאַל אין פעטערבורג. די דאָזיגע מעלדונג מיט די
אונטערשריפטען פון די געפּייניגטע איז פאַרעפענטליכט געוואָרען
אין דער אויסלענדישער פרעסע:

די אַרעסטירטע לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען (אינטערנאַציאָ־



די אונלעגאַלע צייטונגען וואָס די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי גיט איצט אַרויס אין רוסלאַנד. די צייטונגען ווערען געדרוקט אין געהיימע אונטער־ערדישע דרוקעריען, פּונקט ווי אין די אַמאָליגע צאַרישע צייטען.

נאַליסטען): א. בערעזנעף, ד. סאַפּער, א. סאָקאָלאָוואַ און גרוזדיעוואַ־ליט־וויגאָוואַ האָבען זיך געווענדעט מיט אַ מעלדונג צום רעוואָלוציאָנערען טרי־בונאַל אין פּעטערבורג, אין וועלכער זיי דערקלערען:

„פון די פילע געוואַלדטאַטען, וועלכע מיר האָבען צוגעזעהן אין טורמע, האַלטען מיר פאַר אונזער חוב ארויסצוברענגען אייניגע, וועל־כע באַווייזען קלאָר דעם אמת'ען פנים פון דער רוסישער קאָמוניסטי־שער פאַרטיי מיט איהר דיקטאַטור.

1. די אונטערזוכונג געגען אונז, לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָ־לוציאָנערען, ווי אויך געגען אַ סך אַנדערע סאָציאַליסטען און אַנאַר־כיסטען, אין וועלכער מיר ווערען באַשולדיגט אַלס קאָנטר־רעוואָלוציאָ־נערען, ווערט געפיהרט פון אַ געוויסען הערר אָרוויס, וועלכער האָט אין דער צאַרישער צייט פאַרנומען אַ הויכען פּאָס־טען אין יוסטיץ־מיניסטעריום.

2. זיין די באָלשעוויסטישע טורמעס ווערען אַרעסטירטע סאָציאַ־ליסטען געהאַלטען אין קייטען (באָרדאנאָף, סטעלמאקאָף און נאַד אַנדערע אַרבייטער פון טרובאָטשנעם זאַוואָד).

3. דער קאָמיסאַר פון דער פּעטערבורגער „טשעקאַ", קאָמאַ־רוויטש און אַנדערע האָבען אונזער חבר מיכאַאיל ני־קאָלאַיעוו געפּייניגט: מען האָט איהם געשלאַגען איבער די געשלעכטס־אָרגאַנען, די אויגען איינגעדריקט, געהאַקט מיט רעוואָלווער־הענטלאַך איבער די הענד און נאָכדעם האָט מען איהם אין אַ פראַבקע־קאַמער איינגע־שפּאַרט.

4. די חבר'טע גרוזדיעוואַ־ליטווינאָוואַ, אַן אַרבייטערין פון טרו־באָטשנעם זאַוואָד, איז געגען דעם ווילען פון דאָקטוירים, לויט'ן באַ־פעהל פון טריבונאַל, איינגעשפּאַרט געוואָרען אין משוגעים־הויז פון „דעם הייליגען ניקאָלאַי"; מ'האָט זי דאָרטען אָפּגעהאַלטען אַ מאַנאַט צייט, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די דאָקטוירים האָבען געוואַ־רענט, אַז מ'זאָל זי גלייך אוועקנעהמען, אַניט וועט זי פון זינען אַראָפּ".

עס איז אינטערעסאנט צו באַמערקען, אַז די אויבענדערמאָנטע פיר לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען פאַר'משפט געוואָ־רען צום טויט; אַ גאַנצען יאָהר האָבען זיי געוואַרט אויפ'ן טויט־אורטייל. ערשט דאָ ניט לאַנג האָט מען זיי „באַגנאַ־דיגט" און פאַרשיקט קיין סיביר.

ס'איז קיין וואונדער ניט, אַז ווען אַן אַרעסטירטער כאַפּט זיך ארויס פון דעם גיהנום און קומט אָן אין דער טורמע אויף שפּאַ־ליערנאַיאַ גאַס, מיינט ער, אַז דאָ איז דער אמת'ער גן־עדן.

אויפ'ן פּאַפּיר הערשט דאָ אַ ליבעראַלע אָרדנונג, וועלכע די

ארעסטירטע סאָציאַליסטען האָבען אויסגעקעמפּט מיט לאַנג־דויערנדע הונגער־סטרייקען. אָבער אין דער ווירקליכקייט איז דאָ אויך ניט איבעריגס פּרעהליך. נישט קוקענדיג אויפ'ן צוזאָג פון דער אדמיניסטראַציע ווערט דער גרעסטער טייל פון ארעסטירטע סאָציאַליסטען געהאַלטען צוזאַמען מיט קרימינעלע פאַרברעכער; דאָס באַזוכען פון פריינד און נאָהענטע ווערט שטאַרק באַגרעניצט; די אַרעסטירטע טאָרען זיך ניט באַווייזען ביים פענסטער, אַניט שיסען די וואַכלייט אין די פענסטער אריין. מען האָט צוגעזאָגט מעלדען די ארעסטירטע מיט צעהן טעג פרידער איידער מ'שיקט זיי ארויס קיין סיביר, אַז זיי זאָלען זיך קענען צוגרייטען, אָבער דאָס ווערט ניט אָפּגעהיט, און אז. וו. און וו. און ווען די ארעסטירטע ענטפערען אויף דעם מיט א הונגער־סטרייק, ווערען זיי אַריבערגעפיהרט אין דעם „עפּידעמישען האָספּיטאַל“, וואו מ'קאָרמעט זיי מיט געוואַלד. די טעמפּעראַטור אין דעם האָספּיטאַל איז אין דעם פאָריגען ווינטער געוועזען „נול“, די וואַרימע קליידער נעהמט מען צו, קיין קאָלדרעס איז ניטאָ.*)

אין אַזעלכע אומגעהייער שווערע באַדינגונגען פון טורמע־לעבען ווערט דאָס געזונד פון די אַרעסטירטע פאָלשטענדיג רואינירט, זיי זיינען שטענדיג געצוואונגען צו פיהרען א קאַמף געגען דעם ווילקיר, גרויזאַמקייט און אומוויסענהייט פון די טורמע־פאַרוואַלטונגען. ביי די טרויעריגע באַדינגונגען פון רוסישען לעבען, ווען ס'איז ניטאָ קיין פרייע פּרעסע, ווען די געזעלשאַפטליכע מיינונג איז דערשטיקט, מוז דער קאַמף אומפאַרמיידליך פאַרענדיגען זיך מיט הונגער־סטרייקען און זעלבסטמאָרדען פון די אַרעסטירטע. און די טורמע־פאַרוואַלטונגען ענטפערען מיט נאָך גרויזאַמערע געוואַלדטאַטען און מערדערייען. אַזוינע פאַסירונגען קומען פאָר אפילו אין דער באַריהמטער „אידעאַלער“ מאָסקווער טורמע, אויף בוטירקי. אין ווינטער פון 1920־1921 זיינען די אויפזעהער פון טורמע באַפאַלען די אַרעסטירטע און צושלאָגען זיי ביז בלוט, די אויסלענדישע פּרעסע האָט אויספיהרליך באַשריבען די געשעהענישען; אויך שפּעטער האָט מען אין מאָסקווע און אין אַנדערע שטעדט, ווי צום ביישפּיל, אין יאַראָסלאַוול, בלוטיג געשלאָגען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, צווישען זיי אויך פ ר ו י ע ן און קראַנקע. נאָך אין מאַי, 1923, האָט מען אין מאָסקווע, אין דערזעלבער בוטירקי, מערדערליך געשלאָגען צוויי פרויען, ביידע אַנאַרכיסטקעס. איינע פון זיי, א שוואַנגערע,

---

*) אין דער טורמע האָבען זיך אין פריהלינג, 1923, געפונען 112 סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, 57 אַרבייטער און 45 אָנגעשטעלטע. לויט די פּאַרטייען: סאָציאַל־דעמאָקראַטען 30%, סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען 25%, אַנאַרכיסטען 14%, לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען 4%, אומפּאַרטייאישע 17%.

האָט מפיל געווען און דאָך האָט מען זי, אַ קראַנקע, אוועקגעשיקט
אין אַ קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער. עס האָט ניט געהאָלפען דער דריי־
טאָגיגער הונגער־סטרייק פון אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע. אַזוי אַרום
זיינען די הונגער־סטרייקען געוואָרען אַ געוועהנליכע ערשיינונג אין
סאָוועט־רוסלאַנד. אין דער לעצטער צייט געהט ניט דורך קיין איין
וואָך אַז אין די געפענגענישען פון סאָוועט־רוסלאַנד זאָלען די אַרע־
סטירטע סאָציאַליסטען ניט ערקלערען אַ הונגער־סטרייק. אין דער
בוטירקער טורמע האָבען די פאַר'משפּט'ע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָ־
נערען פריהער דורכגעפיהרט אַ 7־טאָגיגען הונגער־סטרייק, זיי האָ־
בען געפאָדערט, אַז מ'זאָל פאַרלייכטערען זייער לאַגע, און אין נאָ־
וועמבער, 1923, האָבען זיי ווידער געהונגערט פערצעהן טעג.
ערשט ווען וועדעניאַפּין, בערג און מאָראַזאָוו האָבען גענומען שפּייען
מיט בלוט, האָט די „טשעקא“ נאָכגעגעבען און ערלויבט דעם גע־
מיינזאַמען שפּאַציר פון די אַרעסטירטע. אין מאָ־
סקווע האָבען אויך ערקלערט אַ הונגער־סטרייק די לינקע סאָציאַלי־
סטען־רעוואָלוציאָנערען, איינער פון זיי טרוטאָווסקי, דער
געוועזענער פאָלקס־קאָמיסאַר, האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו פאַרברענען
זיך לעבעדיגערהייט. אַ לאַנג־דויערענדען הונגער־סטרייק האָבען
דורכגעפיהרט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין כאַרקאָוו, צוויי מאָל האָ־
בען געהונגערט די עסערען אין טשעליאַבינסק, עס האָבען געהונגערט
אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין יאַראָסלאַוול, פּעטערבורג, אָריאָל
און אין אַ סך אַנדערע שטעדט. מיר ווילען דאָ נאָך דערמאָנען דעם
הונגער־סטרייק פון דעם אָפּאָזיציאָנעלען קאָמוניסט מיאַסני־
קאָוו אין דער „אינערליכער טורמע“ פון דער מאָסקווער „טשעקא“.

ג) די אַדמיניסטראַטיווע פאַרשיקונג.

נאָר אין זעלטענע פאַלען באַנוצען זיך די באָלשעוויקעס מיט'ן
געריכט (טריבונאַל) כדי אָפּצורעכענען זיך מיט זייערע סאָציאַליסטי־
שע געגנערס. פּונקט אַזוי ווי די צאַרישע רעגירונג, באַמיהט זיך
אויך די באָלשעוויסטישע מאַכט אויסצומיידען די לאַנגע פּראָצע־
דור פון געריכטס פאַרהאַנדלונגען און משפּטים. כאָטש דאָס געריכט
געפינט זיך אינגאַנצען אין זייערע הענד און וועט טאָן שטענדיג דאָס,
וואָס מ'וועט הייסען, דאָך באַנוצט זיך די „טשעקא“ אין קאַמף
געגען די פאַרהאַסטע סאָציאַליסטען מיט אַדמיניסטראַ־
טיווע שטראָפען, מיט דער סיסטעם פון אַרויסשיקען אָהן אַ
משפּט אין די ווייטע געגענדען, אַ סיסטעם, וואָס זי האָט איבערגע־
נומען פון די ערגסטע צייטען פון בלוטיגען צאַריזם. עס זיינען ווי־
דער אויפגעריכט געוואָרען די „עטאַפּען“ אין סיביר, אוראַל, אין ווייַ־
טען צפון, ביים ווייסען ים. עס זיינען אויסגעפונען געוואָרען אויך
נייע ערטער — דאָס איז שוין אַפּנים אַ קאָמוניסטישע ערפינדונג —

מ'פארשיקט איצט אין די זאמדיגע וויסטענישען פון טורקעסטאן און מיטעל־אזיע. יעדע וואך, אדער יעדע פערצעהן טעג, באוועגען זיך אין דער ריכטונג צו מזרח און צפון וואגאנעס אנגעפאקטע מיט **ארבייטער, פויערים און אינטעליגענטען**, יונגע און אלטע (אפט נאך קינדער), געזונדע און קראנקע (אפט טורבערקוליעזע אין א שוואכען צושטאנד), פרויען, אפט מיט קליינע קינדער אויף די הענד. **אונערווארטעט** שלעפט מען זיי ארויס פון די טורמעס, מ'גיט זיי קיין צייט ניט צוצוגרייטען זיך ווי געהעריג צו דעם ווייטען וועג, נעהמען מיט זיך די נויטוועדיגסטע זאכען, געזעגענען זיך מיט די נאהענטע און פריינד. פאר'ן אפגאנג פון צוג קלייבען זיך צונויף די קרובים, מ'וויינט און מ'יאמערט, די קאנוואי־סאלדאטען שרייען און זידלען, טרייבען אוועק פון די וואגאן־פענסטער די פארצווייפעלטע פריינד, טאטעס און מאמעס, ברידער און שוועסטער פון די פארשיקטע. די אומגליקליכע ווערען ניט אוועקגעשיקט דירעקט אויפ'ן באשטימטען ארט; זיי מוזען באזוכען א גאנצע רייהע פון קלענערע עטאפ־פונקטען, אויסוואלגערען זיך אין צעהנדליגער פארפעסטעטע טורמעס. **לאנגע וואכען און מאנאטען** געדויערט די רייזע. (אסטראוו, א מיטגליד פון צענטראל קאמיטעט פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי איז געשטארבען אונטערוועגנס, ער האט זיך אנגעשטעקט מיט פלעקטיפוס אין וואגאן). באזונדער שרעקליך איז געוועזען די לאגע פון א גרופע ארעסטירטע סאציאליסטען, וועלכע זיינען נאכדעם, ווי זיי האבען פארבראכט אין טורקעסטאן א פאר יאהר, ווידער פארשיקט געווארען אין ווייטען צפון. ארויסגעפאהרען פון טראפישען טורקעסטאן אין הערבסט, זיינען זיי אנגעקומען, נאך א דריי־מאנאטדיגער רייזע, אין ניקאלאיעווסק, ביי א דרייסיג־גראדיגען פראסט. די טורמע, וואו מ'האט זיי איינגעשפארט, איז געוועזען פארפעסטעט פון טיפוס, קיין ווארימע קליידער האט מען ניט געגעבען און מען האט דאך נאך באדארפט דורכמאכען א ווייטען עטאפען־וועג מיט'ן אייזענבאהן און צופוסענס...

ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען, האבען די באלשעוויקעס אין פעברואר, 1922, באנייט די אלטע „באריהמטע" ערטער פאר די פארשיקטע, געפעהרליכע געגענדען, וואו דאס לעבען פון די ארעסטירטע איז אין געפאהר: נארים, טוראכאנסק אין סיביר, די ווייטסטע געגענדען פון טורקעסטאן און די וויסטענישען אין צפון־אוראל (פעטשארא, בעריאזאוו א. א.). די ארעסטירטע מוזען זיך אויפהאלטען אין די זומפיגע, מאליאריע־געגענדען, אינגאנצען אפגעריסען פון דער וועלט, צוזאמען מיט דער האלב־ווילדער ארטיגער באפעלקערונג, וועלכע איז, הויפטזעכליך אין סיביר, פארפעסטעט מיט וועגערישע קראנקהייטען (סיפילים).

די אונלעגאַלע צייטונגען וואָס די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען גיבען איצט אַרויס אין סאָוועט־רוסלאַנד. די צייטונגען ווערען געדרוקט אין געהיימע אונטער־ערדישע דרוקערייען ווי אין די אַמאָליגע צאַרישע צייטען.

אומגעהייער שווער איז דאָס לעבען אין פ ע ט ש אָ ר אַ. אויפ'ן אָרט קאָן מען גאָרנישט באַקומען, אַלץ מוז מען ברענגען פון דערווייטענס. געלט האָט דאָרטען קיין ווערט ניט. אַ גאַנגבאַרער אַרטיקעל איז פיש און ווילדע פויגעל. די אַרעסטירטע מוזען זיך שאַפען אַליין דאָס נויטווענדיגסטע צום לעבען. „די נויט איז שרעקליך גרויס. אויב מ'וועט די אומגליקליכע ניט העלפען און די לאַגע וועט זיך ניט פאַרבעסערען, וועלען זיי דאָרטען אַלע אומקומען", — שרייבט מען פון דאָרט.

אָבער אויך אין פאַרשיקונג לאָזט מען ניט די סאָציאַליסטען צו־רוה. מ'רעדט שוין ניט פון דעם שטרענגען פּאָליציי־אויפזיכט און שפּיאָנאַזש, וועלכע נעהמט אָן דאָרטען באמת ווילדע פאָרמען. די פאַרשיקטע זיינען דאָרטען אָנגעוויזען אויפ'ן גענאָד פון די אָרטיגע באַאַמטע, וועלכע באַשטעהען פון אומוויסענדע, פאַרגרעבטע און אַמאָל פאַרברעכערישע עלעמענטען.

לויט'ן געזעץ איז די מלוכה מחויב צו פאַרזאָרגען די פאַרשיקטע מיט קליידער און אונטערשטיצען זיי. די „אונטערשטיצונג" איז אַזאַ נישטיגע, אַז דאָס קלעקט ניט אויף דאָס סאַמע נויטווענדיגסטע. אַזוי, צום ביישפּיל, האָבען באַקומען די פאַרשיקטע אין אָרענבורג אין ווינטער 1922-1923 צעהן מיליאָן פּאַפּירענע רובעל אַ מאָנאַט, לויט'ן דאַמאָלסדיגען קורס איז עס אָן ערך עטליכע סענט; די פאַרשיקטע אין נאַרים האָבען באַקומען אין 1923 פון איין ביז צוויי גאָלד־רובעל אויף עטליכע מאָנאַטען. איצט באַקומט מען אין מאַנכע געגענדען גאַנצע... 6 רובעל אַ חודש. דאָס קלעקט אויף אַ ציממער און טרוקענע ברויט פאַר א י י ן מענשען. אָבער אויך די נישטיגע שטיצע ווערט אויסגעצאָהלט ניט פּינקטליך, אָפטמאָל פאַרשפּעטיגט עם אויף עטליכע מאָנאַטען. קיין וואַרימע קליידער גיט מען ניט ארויס, און דערביי איז די פאַרשיקטע פאַרבאָטען יעדע באַשעפטיגונג. נאָר פאַכלייט, ווי דאָקטוירים און דאָסגלייכען, קאָנען באַקומען אַרבייט. אַלע איבעריגע פאַרשיקטע איז פאַרבאָטען צו פאַרנעהמען וועלכע ס'איז שטעלע, געבען לעקציעס, דאָס הייסט, גראָדע טאָן די אַרבייט, וועלכע וואָלט די אָרטיגע אומוויסענדע באַפעלקערונג אַ סך נוצען געבראַכט און די פאַרשיקטע וואָלט עס געראַטעוועט פון הונגער. אין טורקעסטאַן, צום ביישפּיל, טאָרען די פאַרשיקטע ניט פאַרנעהמען זיך מיט פּעדאַגאָגישער טעטיגקייט. ערשטענס, ווצלען דאָך די פאַרשיקטע לערער פאַרשפּרייטען די „קאָנטר־רעוואָלוציע" און, צווייטענס, טאָרען דאָך פּערזאָנען, וואָס געהערען ניט צום פּראָפעסיאָנעלען פאַראיין פון די לעהרער, ניט פאַרנעהמען זיך מיט לעהרעריי. אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אָבער ווצרען די פאַרשיקטע ניט צוגענומען, ווי מיר זעהען עס פון פאָלגענדען צירקולאַר:

אלרוסישער פּראָפעסיאָנעלער פאראיין פון פאָלקס־בילדונג ארבייטער, אוסאָלסקער אָפּטיילונג. דעם פיער און צוואנציגסטען דעצעמבער, 1922 יאָהר, נומער 213 d

צו דעם בירגער ....

„אַלס ענטפער אויף אייער פאָרשלאג אריינצוטרעטען אלס מיטגליעד אין פּראָפעסיאָנעלען פאראיין זייבען מיר אייך מודיע, אַז איהר קאָנט ניט אָנגענומען ווערען, ווייל אונזער פאראיין געהערט צום רויטען געווערקשאפטס אינטערנאַציאָנאל, וועלכער איז פאָלקאָם סאָלידאריש מיט'ן קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאל.

„איהר מוזט דעריבער, אַלס מיטגליעד פון דער סאָציאַלדע־מאָקראטישער פּארטיי, פריהער אָפּזאָגען זיך פון אייערע איבער־צייגונגען, וועלכע שטימען ניט מיט אונזערע.

פאָרזיצער:

סעקרעטער:

אונטערשריפטען.

אַן אַפּעלאַציע צו העכערע אינסטאַנצען פון די געווערקשאפטען האָט גאָרניט געהאָלפען.

די עקזעקוטיווע פון גובערניאַלען ראט פון די געווערקשאפטען אין פּערם האָט געענטפערט אויף דער אָנקלאגע פון פיר מיטגלידער פון אונזער פארטיי פאָלגענדעס:

„די עקזעקוטיווע פון גענעראַלען ראט פון די געווערקשאפטען האָט באַטראַכט דעם באשלוס פון אונזער אָרגאַניזאַציע אין אוסאָלסק און געפונען עס פאר ריכטיג צוליעב פאָלגענדע אורזאַכען: די מיטגלידער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבייטער פּארטיי אין רוסלאנד געפינען זיך אין די רייהען פון דעם צווייטען אָדער צוויי און האַלבען אינטערנאַציאָנאל, זיי פיהרען אַ קאמף געגען דעם „רויטען געווערקשאפטס אינטערנאַציאָנאל" און זיי פּראָטעסטירען ניט געגען דעם, וואָס פון די אייראָפּעאישע געווערקשאפטען ווערען אויסגעשלאָסען גאנצע פאראיינען, גרופען און איינצעלנע פּערזאָנען, ווייל זיי זיינען אָנגעשלאָסען אָן דעם „רויטען געווערקשאפטס אינטערנאַציאָנאל"...

דער ענטפער פון דער עקזעקוטיווע פון גובערניאַלען געווערק־שאַפטס ראט אין ט ר ו מ ע ן פון 27טען יאַנואר, 1923, פּראָטאָ־קאָל נומער 6, איז נאָך „אַנטשלאָסענער":

„אָנוועזענד געווען: בעזפּראָזוואַניק, ציווילישוו, קרילאָף. פאָרזי־צער: בעזפּראָזוואַניק; סעקרעטער: קרילאָף.

טאָג אָרדנונג:

די באציהונג פון די געווערקשאפטען צו די דורך דער ג. פּ. או. (טשעקא) פארשיקטע אין דער פראגע וועגען צולאָזען זיי צו ארבייט.

באשלאָסען:

1. אַזעלכע פערזאָנען מוזען אומבאדינגט פון דער מיטגלידערשאפט אויסגעשלאָסען ווערען, ווייל זיי שטעהען ניט אויף דער ליניע פון רעוואָלוציאָנערען קלאסענקאמף.

2. צו דער ארבייט קאָנען זיי צוגעלאָזען ווערען נאָר אין באַזונדערע פאַלען, יעדעס מאָל לויט אַ באזונדערען באשלוס פון דער פארוואלטונג פון דער גובערניאלער אָפּטיילונג פון דעם געהעריגען פראָפעסיאָנעלען פאראיין, דערביי מוז דער באשלוס באשטעטיגט ווערען דורך דער עקזעקוטיווע פון גובערניאלען געווערקשאפטס־ראט.

3. אויב די פערזאָנען שטערען מיט וואָס ס׳איז די טעטיגקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען מוזען זיי גלייך באזייטיגט ווערען פון דער ארבייט.

פאָרזיצער.

סעקרעטער.

אונטערשריפטען.

עס איז שוין געגאנגען אזוי ווייט, אַז אין א ו ר א ל, צום ביישפּיל, זיינען די פארשיקטע איינגעשפּארט געוואָרען אויף אַכט טעג אין טורמע (עסען האָט מען ניט געגעבען. „פרעסט וואָס איהר ווילט״), ווייל זיי האָבען אויסגעהאנגען א מעלדונג, אז זיי גיבען לעקציעס.

פארוואָרפען אין די וויסטע ווייטע געגענדען, אָפּגעריסען פונ׳ם קולטורעלען לעבען, אויסגעמידען פון דער אָרטיגער אומוויסענדער באַפעלקערונג, וועלכע האָט מורא אַפילו אַ צימער צו פארדינגען זיי, אָנגעוויזען אויפ׳ן גענאָד פון די פארגרעבטע אומוויסענדע באָלשעוויסטישע באאמטע, זיינען די פארשיקטע פאר׳משפּט צום פיזישען און גייסטיגען אונטערגאַנג.

די איינציגע רעטונג אין דער שרעקליכער לאַגע איז דאָס קאָלעקטיווע צוזאַמענלעבען פון די פארשיקטע. דאָס איז דער איינציגער מיטעל פון זייער גייסטיגער און מאַטעריעלער עקזיסטענץ. אָבער גראדע דאָס אָרגאַניזירען זיך פון די פארשיקטע אין „קאָלאָניעס״ ווילען די באָלשעוויסטישע באאמטע בשום אופן ניט דערלאָזען. זיי פארפאָלגען עס אויפ׳ן גרויזאַמסטען אופן. קאָלעקטיווען פון די פארשיקטע אין די גרעסערע צענטרען, קאָאָפּעראַטיוון, לייי־ און שפּאָר־קאַסעס, ביבליאָטעקען ווערען צושטערט און די אַנטייל נעמער ווערען פאנאנדערגעשיקט אין די דערפער. מ׳רעכענט זיך ניט מיט׳ן געזונט־צושטאַנד, מיט דער פאמיליע־לאַגע.

אָפּגעריסענע, נאַקעטע צוטרייבט מען זיי אויף אַלע פיר זייטען. אַזוי האָט מען, צום ביישפּיל, אַ קאָלאָניע, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין נאַרימער געגענד, אין ק אָ ל פּ אַ ט ש ע ו ו, און וועלכע האָט אַ דאַנק דער מוסטערהאַפטער אָרדנונג ממש באַוויזען צו שאַפען וואונדער אין דער קאַלטער וויסטעניש, פּלוצלונג באַפאַלען און צו־טריבען אויף אַלע פיר זייטען. אין אַ שרעקליכען פראָסט, נאַקעטע, מיט קליינע קינדער אויף די הענט האָט מען די אומגליקליכע צו־שיקט איבער די אַרומיגע אָרימע דערפלאַך. אין אַכצעהן יעהריגע יונגע מיידעל, די אַנאַרכיסטקע ראָמאַנאָוואַ, האָט מען פאַרשיקט ערגעץ אין אַ העק, אין אַ ווייטען צפונ׳דיגען פונקט, ביים פּאָליאַר קרייז. שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז די באַאַמטע האָבען „פאַרגעסען“ אָנצוגרייטען לעבענס־מיטעל פאַר די דאָרטיגע פאַר־שיקטע, הויפּטזעכליך גלחים, מאָנאַכען און פּויערים. דריי מאָנאַטען צייט האָט זיך די ראָמאַנאָוואַ און די איבעריגע פאַרשיקטע גע־שפּייזט נאָר מיט שוואַרצען ברויט און הייסע וואַסער. און ווען דאָס לעצטע ביסעל ברויט איז אויסגעגאַנגען, האָבען זיי זיך אַלע אַוועקגעשלעפּט צוריק; ראָמאַנאָוואַ איז געווען זעהר לייכט אָנגעטאָן און האָט זיך אָפּגעפראָרען די הענט און פיס.

אין דער שטאָדט וויאַטקאַ האָט מען זיך אָפּגערעכענט מיט די פאַרשיקטע פאַר פייערען דעם נייעם יאָהר (1924). זעכציג פאַר־שיקטע האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין דער שטאָדטישער קיך, געוואָלט צוזאַמען באַגעגענען דעם נייעם יאָהר. באַלד האָבען זיך אַהין אריינגעריסען שיכור׳ע טשעקיסטען און גענומען שלעפּען זיי אין פּאָליציי (מיליציע). און ווען די פאַרשיקטע האָבען ניט געוואָלט געהן, האָט מען געבראַכט סאָלדאַטען, וועלכע האָבען זיי מיט גע־וואַלד אַוועקגעפיהרט אין טורמע. דעם נייעם יאָהר האָבען די פאַרשיקטע באַגעגענט אין טורמע, וואו זיי האָבען פאַרבראַכט דריי טעג. דער פיהרער פון דער אָרטיגער „טשעקאַ“, ראַמישעווסקי, אַ באַוואוסטער שיכור, באַלעבאַטעוועט ווייטער אין וויאַטקאַ. דער אומזיניגער סקאַנדאַל האָט איהם ניט געשאַדט. געליטען האָבען נאָר די פאַרשיקטע.

אין אָרענבורג האָט מען אַלע פאַרשיקטע, צוועלף סאָציאַל־דעמאָקראַטען און עלף סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, אַרעסטירט און צושיקט אין קלענערע פּראָווינץ־שטעדטלאַך דערפאַר, וואָס זיי האָבען צוזאַמען געפייערט דעם פינף און צוואַנציג יעהריגען יובי־לעאום פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ביים ארויס־שיקען האָט מען זיי גוט צושלאָגען.

דאָס פייערען דעם יובילעאום פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי האָט טייער אָפּגעקאָסט אויף די טורקעסטאַנער פאַרשיקטע. אַ טייל פון זיי האָט מען פאַר דעם „פאַרברעכען“

פאַרשיקט קיין טורול, פיר הונדערט קילאָמעטער ווייט פון אייזענ־באַהן. צו דעם אָרט קאָן מען צוקומען מיט א שיף נאָר אין פאַר־לויף פון דריי מאָנאַטען אין יאָהר, אָדער אויף קעמלען. אין דעם קליינעם דערפעל אאוליע־אטא, וואו ס'האָבען זיך אויפגעהאַלטען נאָר צוויי אַרעסטירטע, האָט מען זיי באַשולדיגט אין . . . „מאָראַלישער באַטיילינונג" אין דער פיערונג פון דעם פאַרטיי־יובילעאום!

ד. די קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערען.

די אַלע גרויזאַמקייטען פון די באָלשעוויסטישע טורמעס, די שרעקליכע ליידען פון די פאַרשיקטע זיינען גאָרנישט געגען דער נייער ערפינדונג פון דער קאָמוניסטישער יוסטיץ, די אַזוי גערופענע קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערען.

די באָלשעוויקעס האָבען נאָך אין דער צייט פון בירגער־קריג (דאָס זעלבע האָבען אויך געטאָן די „ווייסע" געגנער זייערע) איינ־געאָרדענט פאַר די געפאַנגענע אָפיצערען און פאַר אַלע אַנדערע פאַרשיידענאַרטיגע „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען", קאָנצענטראַציאָנס־לאַ־גערען, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שמוץ, הונגער און אונמענשליכע באַהאַנדלונג פון די געפאַנגענע.

די זעלבע סיסטעם איז באַנייט געוואָרען, איצט שוין ניט אין דער צייט פון קריג און ניט פאַר קריגס־געפאַנגענע, נאָר פאַר ציווילע „פאַרברעכער", ווי אויך פאַר די אַרעסטירטע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען.

איינינע פון די לאַגערען אין ווייטען צפון און ביים ווייסען ים זיינען שוין לאַנג טרויעריג באַריהמט געוואָרען, הויפּטזעכליך די לאַגערען אין כאָלמאָגאָרי, פּעטראָמינסק און סאָלאָווקי, וואוהין מ'האָט די לעצטע צייט גענומען פאַרשיקען די סאָציאַליסטען.

די שילדערונג פון די דאָזיגע פלעצער פון מענשליכען עלענד און פּיין לאָזען מיר איבער די געפאַנגענע אליין, וועלכע האָבען צוגע־שיקט א באַריכט אין דעצעמבער 1923 וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען אין נומער 5 פון „סאָציאַליסטישען וועסטניק" דעם 8טען מאַרט 1924.

דער דאָזיגער שרעקליכער דאָקומענט ווערט דאָ פאַרעפענטליכט אָהן קיין שום ענדערונגען, בלויז א ביסעל געקירצט.

א בריף פון דער סאָוועטישער קאַטאָרגע — — — — — — — — — — —

„אָרום איז דער ים —
אינוועניג — עלענד;
אָרום נאָר וואַסער,
אינוועניג נאָר ליידען".

(פון א קאַטאָרגע ליד אויפ'ן
סאָבאָלינער אינזעל.)

„ביים ראַנד פון דער ווייטער וועלט, ביים ברעג פון אייז־אָקעאַן, דאָרטען, וואו אַכט מאָנאטען אין יאָהר הערשט דער ווינטער, וואו מאָנאטען־לאנג באווייזט זיך ניט די זון, האָט אַ פארבלאָנדזשעטער אומגליקליכער מענש געפונען דעם פון גאָט געהיטען זאָסימאָ־סאַבאַ־טיעווער קלויסטער" — אַזוי הויבט זיך אָן אַ פארצייטיגע באשרייבונג פון דעם אַלטען סאָלאָוועצקען קלויסטער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען מיט פינף הונדערט יאָהר צוריק (1429) און אין וועלכען ס'איז דאָ ניט לאַנג איינגעאָרדענט געוואָרען די מאָדערנע באָלשעוויסטישע קאַטאָרגע, אַ מאָדערנער סאָוועטישער סאַכאַלין.

כאָלמאָגאָרי, פּעטראָמינסקי, סאָלאָווקי — די שענדליכע בלעטער פון רוסישען באָלשעוויזם וועט דער קומענדער געשיכטע־שרייבער ניט פארגעסען. עס פאָדערט זיך אַ סך צייט און אָנשטרענגונג כדי פעסטצושטעלען, וויפיל מענשליכע לעבענס עס זיינען אומגעבראַכט געוואָרען ביי דער צפון־דווינע און ביים ווייסען ים, אין די אַזוי גערופענע „צפונ'דיגע לאַגערען".

אַ העלפט פון די קראַנקשטאַדטער מאַטראָסען (און די צאָהל איז אין די טויזענטער) האָבען שוין ניט דערלעבט די אַמנעסטיע, וועלכע איז פאָריגען יאָהר גרויסמוטיג זיי געשענקט געוואָרען...

די ערשטע פּאָליטישע פארשיקטע אַנאַרכיסטען זיינען געבראַכט געוואָרען אין כאָלמאָגאָרי אין פעברואַר, 1922. אַ יאָהר צייט זיינען זיי דאָ פארבליבען און אין יאָהר 1923 האָט מען זיי צוזאַמען מיט אַלע איבעריגע אוועקגעשיקט קיין פּעטראָמינסק און פון דאָרטען קיין סאָלאָווקי; די דאָזיגע גרופּע האָט אַלץ דורכגעמאַכט . . . די עלעמענטאַרסטע זאַכען, וועלכע זיינען אַפילו פון די צארישע קנעכט אַנערקענט געוואָרען פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע, האָבען געמוזט מיט גרויס אָנשטרענגונג אויסגעקעמפט ווערען. און דער קאַמף איז געווען אַ ביטערער, אַ פארביסענער: קאַרצער, שלעגערייען, הונגער־שטרייקען, אַ רעגעלע שיסעריי אין די קאַמערען און אַזוי ווייטער און ווייטער. אַזוי האָבען די פארשיקטע אין כאָלמאָגאָרי דורכגעפיהרט פון דרייסיג ביז פינף און דרייסיג הונגער־שטרייקען, פון וועלכע איין־דריטעל זיינען געווען „טרוקענע", דאָס הייסט אַבסאָלוטע הונגער־טעג, אָהן וואַסער אַפילו.

דער ערשטער קאַמף אין פּעטראָמינסק (צים ערשטען מאָל זיינען אַהין אָנגעקומען די פארשיקטע אין דעצעמבער פון יאָהר 1922) האָט לאַנג ניט געדויערט. דער רעזשים פון באַטשולים*) איז שוין אין ענדע פעברואַר געבראָכען געוואָרען. פארהאַקטע קאַמערען, הילצערנע נאַרעס, אָהן ליכט און וואַסער, ניט געהייצטע אויוועגס,

---

*) אַ בעסטיאַלישער דירעקטאָר פון'ם לאַגער. — רעדאַקציע.

אָהן לופט און ליכט, די זעלבע פּאַרציעס, ווי פאַר די קרימינעלע, די שיסעריי אין די פענסטער, די אונאויפהערליכע אַלאַרם־סיגנאַלען פון די וואַכלייט, די דראָהענדע מיילער פון די מאַשין־געוועהר׳ען אַנט־קעגען דער פּאָליטישער טורמע, דער הער באַטשולים מיט׳ן בלויזען שווערד — דאָס אַלץ איז שוין צו יענער צייט געווען „אַן איבערגע־קערטע בלאַט״ פון דער געשיכטע. אַ טייל פון די אויפזעהערס צו־זאַמען מיט׳ן שעף באַטשולים זיינען באַזייטיגט ג׳וואָרען. אָבער אַלע האָבען געוואוסט, אַז ס׳שטעהט נאָך פאָר אַ שווערער פאַר־ביטערטער קאַמף, און פריהער פאַר אַלץ דער קאַמף פאַר׳ן אָפּשאַפען דעם פּעטראָמינסקער לאַגער גופא. פּעטראָמינסק ווי אויך כאָל־מאָגאָרי זיינען זומפּיגע געגענדען און די געפאַנגענע אין כאָלמאָגאָרי האָבען אַלע געליטען פון מאַלאַריע.

דער אָנהויב פון קאַמף איז באַשטימט ג׳וועזן אויף פריהלינג, ווייל צו יענער צייט קאָן מען די געפאַנגענע ניט איזאָלירען פון דער אַרומיגער וועלט. אין אָנהויב מערץ האָבען די אַנאַרכיסטען אַרויס־געשטעלט אַ פאָדערונג איבערצופיהרען די פאַרשיקטע אין אַן אַנדער לאַגער. די אַלע איבעריגע פאַרשיקטע האָבען קיין אַנטייל ניט גע־נומען אין דער אַרויסטרעטונג, ווייל מ׳האָט עס געהאַלטען פאַר אַ פאַרלאָרענע זאַך. דעם 7טען מערץ האָבען די אַנאַרכיסטען אַוועק־געשיקט אַ טעלעגראַמע קיין מאָסקווע און אַרכאַנגעלסק מיט דער פאָדערונג, אַז מען זאָל זיי גלייך איבערפיהרען קיין אַרכאַנגעלסק. די דרינגליכקייט האָבען זיי באַגרינדעט מיט׳ן אָנקומען פון פריהלינג, ווען די וועגען ווערען פאַרפלייצט און מ׳קאָן ניט דורכפאָהרען און ניט דורכגעהן, מיט דער קריטישער לאַגע פון די שווער־קראַנקע, אָהן וועלכער ס׳איז מעדיצינישער הילף און אַזוי ווייטער. דער 15טער מערץ איז אין ביידע טעלעגראַמעס אָנגעגעבען געוואָרען אַלס דער לעצטער טערמין אויף אַן ענטפער. קיין ענטפער איז ניט אָנגעקומען און אין דעם אָנגעוויזענעם טאָג האָבען די אַנאַרכיסטען אָנגעהויבען אַ הונגער־סטרייק. אויפ׳ן דריטען טאָג פון הונגער־סטרייק זיינען אָנגעקומען דריי נייע אַנאַרכיסטען, וועלכע האָבען מיט אַ קורצער צייט צוריק אויסגעהאַלטען אַ פופצעהן־טאָגיגען הונגער־סטרייק אין מאָסקווע. זיי האָבען זיך גלייך אָנגעשלאָסען אָן דעם הונגער־סטרייק. אין אַ וואָך אַרום זיינען שוין קאָנטיג געוואָרען די רעזולטאַטען פון דעם פאַרצווייפעלטען קאַמף. אייניגע פון די אַנאַרכיסטען האָבען זיך געפונען אין אַ באַוואוסטלאָזען צו־שטאַנד. דעם 22טען מערץ, 11 אַזייגער אין דער פריה, האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ קלאַפּעריי פון אַרויסגעפאַלענע שויבען, אַלאַרם־סיגנאַלען פון די וואַכלייט, דראָהענד הויבט זיין שנאָבעל דאָס מאַשין־געוועהר אַנטקעגען דער פּאָליטישער טורמע. דער קאָרידאָר איז פול געוואָרען מיט רויך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַ גרופּע

הונגערענדע אַנאַרכיסטען מענער האָבען זיך פאַרשפּאַרט אין אַ קאַמער. פאַרבאַריקאַדירט די טירען מיט בענק, מאַטראַצען, באַנאָסען צם מיט קעראָסין און אונטערגעצונדען. די אויפזעהער זיינען זיך צונויפגעלאָפען און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. דער קאָמענדאַנט איז זיך רוהיג אַוועקגעפאָהרען אויף יאגד. זיין פאַרטרעטער, מיכעלסאָן (דער זעלבער האָט פריהער געאַרבייט צוזאַמען מיט די „ווייסע" און פלעגט הענגען די געפאַנגענע רויטע־אַרמייער; ער איז פאַר'משפט געווען צום טויט, אָבער פּלוצלונג איז ער באַגנאַדיגט געוואָרען און דערהויבען געוואָרען צו אָט דער הויכער שטעלע!) האָט אויפגעבראָכען די טיר פון קאַמער. די פלאַמען האָבען זיך אַרויסגעריסען און אַרומגעכאַפּט די איבעריגע קאַמערען. איינער פון אונזערע סטאַראָסטעס האָט באַפוילען די פאַרשיקטע צו פאַרלאָזען די טורמע. די קאַמערען און קאָרידאָרען זיינען פול געווען מיט שטיקענדיגען רויך; די געביידע איז געווען אַ הילצערנע, און אין איין האַלבער שטונדע וואָלט פון איהר קיין סימן ניט געבליבען, ווען מ'וואָלט זיך גלייך ניט גענומען לעשען דעם פייער. מ'קאָן זיך פאָרשטעלען דעם פסיכאָלאָגישען צושטאַנד פון די פאַרשיקטע, וועלכע האָבען געהאָלפען לעשען דעם פייער און גלייכצייטיג געשטערט זייערע חברים דערפיהרען דעם קאַמף צו אַן ענדע, אפשר צו אַ שרעקליכער ענדע. מ'האָט דאָך אָבער ניט געקאָנט צוקוקען, ווי די אומגליקליכע ווערען לעבעדיגערהייד פאַרברענט און דערוויבער, ווען איינער פון אונזערע סטאַראָסטעס האָט באַפוילען צו לעשען דעם פייער, האָבען זיך אַלע גענומען צו דער אַרבייט, און אין אַ רגע האָט זיך געשאַפען אַ לעבעדיגע קייט פון ברונים ביז צו דער געביידע, און דער פייער איז אויסגעלאָשען געוואָרען.

די פאַר'חלש'טע אַנאַרכיסטען האָט מען אויף די הענט אַרויסגעטראָגען פון די קאַמערען. באַלד איז געקומען דער קאָמענדאַנט און באַפוילען אַריבערפיהרען די אַנאַרכיסטען אין האָספּיטאַל.

דער האָספּיטאַל איז פון דער פּאָליטישער טורמע אינגאַנצען איזאָלירט. וואָס מיט די אַנאַרכיסטען איז דאָרטען פאָרגעקומען, ווייס מען ניט גענוי. מיר האָבען זיך בלויז דערוואוסט, אַז זיי האָבען דעם הונגער־סטרייק ניט אויפגעגעבען און אַז איינינגע פון זיי געפינען זיך אין אַ שרעקליכען צושטאַנד. אַזוי זיינען אַוועק עטליכע טעג. ענדליך איז פון אַרכאַנגעלסק אָנגעקומען אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע, אין וועלכער ס'זיינען אַריין: דער פאַרטרעטער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון לאַגער, נאַגטיעוו, און איינינגע פאַרשטעהער פון דער גובערניאַלער עקזעקוטיווע.

די קאָמיסיע האָט אָבער גאָרנישט אויפגעטאָן. די שטימונג פון די פאַרשיקטע איז געווען אַ געדריקטע. שטונדען־לאַנג איז מען געשטאַנען ביי די פענסטער, טאָמער וועט מען זיך עפּעס דער־

וויסען, וואָס עס טוט זיך אין האָספּיטאַל. דעם 30טען מערץ, דאָס הייסט אויפ'ן זיבצענטען טאָג פון דעם הונגער־סטרייק, איז געקומען אַ נייע קאָמיסיע, דאָס מאָל שוין פון מאָסקווע. באַשטאַנען איז די קאָמיסיע פון פאָרשטעהער פון דער „טשעקאַ" און נאָך איינעם, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס דער פּראָקוראָר פון דער סאָ־וועטישער רעפּובליק קאָנדורושקין. דעם 31טען מערץ גאַנץ פריה זיינען די געלעגערס פון די אויסגעמאַטערטע הונגערנדע אַרומגע־רינגעלט געוואָרען מיט סאָלדאַטען און אויפזעהער. די פאַרשיקטע האָט מען געבונדען די הענט און פיס און מיט געוואַלד גענומען קאָרמענען זיי. אָבער דער זעכצעהן־טאָגיגער הונגער־סטרייק האָט די אומגליקליכע אַזוי אויסגעמאַטערט און אָפּגעשוואַכט, אַז זיי האָבען קיין כח ניט געהאַט צו געבען אַ ווידערשטאַנד. דער הונגער־סטרייק האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ פאָלשטענדיגען דורכפאַל. וועגען אָפּשאַפען דעם לאַגער אין פעטראָמינסק אין דער נאָהענטער צוקונפט איז שוין קיין רייד ניט געווען. און עס האָבען זיך ווידער געצויגען נודנע לאַנגווייליגע טעג, דאָס „לעבען" האָט זיך ווידער איינגע־שטעלט. צו יענער צייט האָט אויך אויפגעהערט די אויסערליכע „בלאָקאַדע" פון די פאַרשיקטע, און די קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איז ביז אַהער פאַרהאַלטען געוואָרען אין דער „טשעקאַ", האָט מען גע־נומען צושיקען אין לאַגער.

אַפּריל, מאַי און די ערשטע העלפט פון יוני זיינען אַוועק רוהיג. עס איז געוואָרען וואַרימער. דער שיף־פאַרקעהר האָט זיך באַנייט און ס'זיינען אָנגעקומען פרישע טראַנספּאָרטען מיט פאַרשיקטע, אַזוי אַז אין אַ קורצער צייט האָט זיך די צאָהל פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין לאַגער פאַרדאָפּעלט. אין די קאַמערען איז גע־וואָרען ענג. די פאַרוואַלטונג האָט געמאָלדען, אַז מען וועט אַלע קרימינעלע אַוועקשיקען קיין סאָלאָווקי און פעטראָמינסק וועט פאַר־וואַנדעלט ווערען אין אַן אויסשליסליכען לאַגער פאַר פּאָליטישע. אין מיטען יוני האָט מען טאַקע גענומען אַוועקשיקען די קרימינעלע קיין סאָלאָווקי. צוזאַמען מיט זיי האָט מען פאַרכאַפּט עטליכע גע־נאָסען, וועלכע זיינען אויף דער ליסטע פאַרצייכענט געוואָרען אַלס „אומפּאַרטייאישע". אָבער וועגען דעם, אַז מ'זאָל אַלע פּאָליטישע אַוועקשיקען קיין סאָלאָווקי האָט קיינער ערנסט ניט געטראַכט. אָבער דאָך האָט זיך געפיהלט אַ געדריקטע שטימונג; ס'האָבען זיך גענומען טראָגען קלאַנגען, אַז עפּעס וועט געשעהן.

דעם 23טען יוני האָבען זיך פּלוצלונג דערהערט אַלאַרם־סיג־נאַלען, אַ קלאַפּעריי פון געוועהר און דער שנאָבעל פון דעם קוילען־וואַרפער האָט דראָהענד געקוקט אויף אונזער פענסטער. מ'האָט אַנטדעקט אַ לאָך אין וואַנט און פוס־טריט, וואָס פיהרען צום ים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז צוויי אַנאַרכיסטען, וולאַדימיר

קראַסאָווסקי און טאַטיאַנאַ ראָמאַנאָווא,*) זיינען אנטלאָפען. שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז די גאַנצע שטיקעל ארבייט איז אָפּגעטאָן געוואָרען פון דער טורמע־פּארוואלטונג גופא. גראַד׳צ אין דעם אָרט, וואו די וואַנט איז דורכגעבראָכען געוואָרען, איז יענע נאַכט קיין וואַך ניט אוועקגעשטעלט געוואָר׳ן. דאָס הייסט פּשוט, אַז מען האָט די צוויי אַנאַרכיסטען געהאָלפען אַנטלויפען, און די צוויי פּארשווינען האָבען זיך געשטעלט צום דינסט פון דער „טשעקא". שפּעט׳ר, אין סאָלאָווקי, האָט די „נאַשטאַלסטוואָ" אַליין דאָס אָפען צוגעגעבען. דאָס „אַנטלויפען" איז געווען מעהר ניט ווי אַ קריגס־מאַנעוורע פון דער טורמע־פּארוואלטונג, כדי דאָס אוועקשיקען פון די פּאָליטישע קיין סאָלאָווקי זאָל אָנקומען לייכטער.

דעם 29טען יוני האָט זיך פּלוצלונג ווידער באוויזען נאָגטיעוו. ער האָט דערקלערט דעם קאָלעגיום פון די סטאַראָסטעס, אַז דער לאַגער אין פּעטראָמינסק ווערט אָפּגעשאַפט און אַז לויט אַ באפעהל פון מאָסקווע וועלען אַלע פּאָליטישע אוועקגעשיקט וו׳ערען אין סאָלאָווקי; דאָרטען וועט מען איבערגעבען אין זייער רשות די בעסטע קלויסטער־געביידע און דער רעזשים וועט זיין אַ סך אַ פרייערער. אויב די פּאָליטישע וועלען שטעלען אַ ווידערשטאַנד, וועט ער אָנווענדען גוואַלד־מיטלען; דער מאָסקווער באפעהל מוז דורכגעפיהרט ווערען. אַלע פראַקציעס פון די פּארשיקטע האָבען גלייך צונויפגערופען פּארזאַמלונגען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען באַשלאָסען ניט אונטערצוגעבען זיך, און שטעלען אַ ווידערשטאַנד אויב ס׳וועלען אָנגעווענדעט ווערען גוואַלד־מיטלען. אין די פראַקציעס פון די עסערען, לינקע עסערען און אַנאַרכיסטען איז צוליב פּארשיידענע אורזאַכען באַשלאָסען געוואָרען אונטערצוגעבען זיך. באַלד איז וועגען דעם באַשלוס מיטגעטיילט געאָרען נאָגטיעוו׳ן.

צו־מאָרגענס האָבען מיר שנעל צונויפגעקליבען אונזער ביסעל אָרימקייט און געלאָזען זיך אין וועג אריין. נאָך זיבעצעהן שטונדען רייזע האָט אונז די שיף געבראַכט צו די „הייליגע" ברעגעס פון דעם גרינעם סאָלאָוועצקען אינזעל. הונדערט פופציג פּאָליטישע זיינען מיר געווען אויפ׳ן שיף. ווייט פון ברעג האָבען זיך געצויגען די גרויע ווענט פון די קלויסטערס. אַ סך גרעסערע און קלענערע שיפלאַך זיינען צושפּרייט געווען אין דער בוכטע. אַ טייל פון די קלויסטערס, גראַדע די גרעסטע, זיינען ניט לאַנג צוריק אָפּגעבּרענט געוואָרען. ווער ס׳האָט זיי אונטערגעצונדען, ווייס מען נאָך ביז היינט ניט. אייניגע זאָגען, אַז דאָס האָבען געטאָן די מאָנאַכען; אַנדערע ווידער זאָגען, אַז די קרימינעלע האָבען דאָס געטאָן; אָבער

---

*) נישט צו פארביטען מיט דער יונגער ראָמאַנאָווא אין קאלפּאשעווא (זיעט....)

מעהר ווי אַלץ איז מען חושד, אַז דאָס איז געווען די אַרבייט פון די באָלשעוויסטישע באַאמטע גופא, ווייל עפּעס איז געווען ניט גלאַט ביים אַוועקנעמען פון די קלויסטערס די גאָלדענע און זילבערנע חפצים.

גלייך ווי מיר האָבען געשטעלט אונזערע פיס אויפ'ן באָדען פון די סאָלאָוועצקי אינזלען האָבען מיר זיך דערוואוסט, וואס אונז ערוואַרט דאָ. די קרימינעלע האָבען אונז דערצעהלט וועגען דעם שרעקליכען רעזשים, וואָס הערשט דאָ. די אַרבייטס־צייט פאַר זיי איז ניט באַגרעניצט, די פּאָרציעס שפּייז זיינען צום פאַרהונגערט ווערען, מ'קאָרמעט זיי מיט פאַרשטונקענע פיש, פאַר יעדער קליינינ־קייט באַשטראָפט מען שטרענג, יעדער אויפזעהער האָט „דאָס רעכט אויפ'ן שטעקען", דאָס הייסט, ער קען געבען קלעפּ מיט'ן שטעקען וויפיל זיין האַרץ גלוסט נאָר, מ'רעדט שוין ניט פון די העכערע באַאמטע, יענע פיהרען זיך אויף ווי אמת'ע סאַטראַפּען. ס'ווערען דאָ געברויכט פאַר די קרימינעלע אַזוינע ווילדע שטראָפען, פון וועלכע ס'ווייסען ניט אפילו די פאָרשטעהער פון די אַזיאַטישע לענדער ביים דריטען אינטערנאַציאָנאַל. אַזוי, צום ביישפּיל, ווערען די קרימינעלע אויסגעטאָן נאַקעט און מ'האַלט זיי אַזוי צו 4—6 שטונדען גראַדע פאַרנאַכט, ווען די קאָמאַרעס (מאָסקיטאָס) פּלאָ־טערען אַרום מיליאַרדענווייז און צופרעסען זייערע נאַקעטע לייבער ביז בלוט. געבען זיי ווערט אַוועקגעשטעלט אַ וואַך, וואָס היט, אַז די אומגליקליכע זאָלען, חלילה, ניט אָפּטרייבען די מאָסקיטאָס. אויך אַנדערע „ציוויליזירטע" שטראָף־מיטלען פון די צייטען פון איוואַן גראָזני ווערען אָנגעווענדעט געגען די קרימינעלע, ווי, צום ביישפּיל, „שטיינערנע זעק" — אין אַן אויסגעבויערטער לאָך אין דער שטיינערנער וואַנט דריקט מען אַריין אַ מענשען און מען האַלט איהם דאָרט אָפּ אַ וואָך און צוויי וואָכען! די דאָזיגע שטיינערנע לעכער זיינען באַנוצט געוואָרען אין די צייטען פון איוואַן גראָזני.

מיר האָבען זיך אַ ביסעל אָפּגערוהט. באַלד האָט מען אויס־געלאָדען אונזערע זאַכען אויף פוהרען, און מיר האָבען זיך ווידער געלאָזען אין וועג אַריין. פאַרנאַכט זיינען מיר שוין געווען אויף אונזער פּלאַץ, אין איינער פון די קלויסטער־געביידעס, צוועלף קילאָ־מעטער פון דעם האַפען.

נאָך די אַלע צרות, וואָס מיר זיינען אויסגעשטאַנען אין כאָל־מאָגאָרי און פּעטראָמינסק, איז ביי אונז איצט פאַרבליבען נאָר איין וואונש: אָפּרוהען זיך אין פאַרלויף פון דעם קורצען צפון'דיגען זומער, אָנזאַמלען כחות אויף דער שווערער ווינטער־צייט, וואָס וועט אונז אָפּרייסען פון דער אַרומיגער וועלט אויף לאַנגע זיבען מאָנאַטען. מיר האָבען געוואוסט, אַז אין דער שווערער צייט, וואָס שטעהט אונז פאַר, וועט די בענקשאַפט אַהיים, צו אונזערע נאָהענטע און

פריינד, זיך פארשטארקען. מיר האָבען געוואוסט, אַז פאַר דעם גאַנצען לאַנגען, שטרענגען, צפוּנ'דיגען ווינטער ווערען מיר אָפּגע־ריסען פון דער גאַנצער וועלט און בלייבען הילפלאָזע אונטער דער הערשאַפט פון די באָלשעוויסטישע סאַטראַפּען, פון דער אויסגע־שפּראָכענער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער חברה, טשעקיסטען און באַנ־דיטען. ניין־צענהנטעל פון דער גאַנצער פאַרוואַלטונג פונ'ם לאַגער און פון אַלע אויפזעהער זיינען באַשטאַנען פון אַזוינע עלעמענטען. דאָס באַוואוסטזיין, אַז זיי זיינען דאָ די באַלעבאַטים; אַז זיי קאָנען טאָן וואָס זיי ווילען און בלייבען אומבאַשטראָפט, האָט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט די חוצפּה זייערע און האָט זיי נאָך מעהר דעמאָ־ראַליזירט.

צווישען דער אומגעהויער גרויסער צאָהל באַאמטע פון דער הויפט־פאַרוואַלטונג און די אויפזעהער פון די באַזונדערע קלויסטער־געביידעס זיינען געווען בלויז פינף „פרייע" מענשען; אַלע איבעריגע זיינען געוועזענע קרימינעלע פאַרברעכער. אַ סך פון די מיטעלע און נידעריגערע באַאמטע זיינען פאַר פאַרשיידענע קרימי־נעלע פאַרברעכענס פאַר'משפּט געווען צום טויט, צו צעהן יאָהר קאַטאָרגע, און דאָ אין סאָלאָווקי האָבען זיי זייער קאַריערע געמאַכט. אָבער אויך די „פרייע" זיינען פון דעם זעלבען סאָרט — געוועזענע טשעקיסטען, וואָס האָבען זיך פאַרזינדיגט און זיינען דורך דער פאַרטיי געשיקט געוואָרען קיין סאָלאָווקי אויסצומענשלען זיך און פאַרדינען זיך דעם גנאָד פון דער פאַרטיי. נאַטירליך האָבען זיי אָרום די קרימינעלע — וועלכע זיינען דאָ די איבערוועגענדע מעהר־הייט, ביז פיר טויזענט — קיין אַרבייט ניט; די שפּיאָנסקע פעהיג־קייטען זייערע קענען זיי אַרויסווייזען נאָר ביי די פּאָליטישע. נאָר מיט זייער שפּיאָנאַזש אַרום די פּאָליטישע קענען זיי געווינען פון דער פאַרטיי אַ פאַרגעבונג פון זייערע זינד.

ווי מיר האָבען שוין פריהער געשריבען, איז דער איינציגער פאַרלאַנג אונזערער געווען אויסרוהען זיך. דער ים, דער וואַלד אַרום דעם קלויסטער האָט ווירקליך געקאָנט זומער־צייט באַרוהיגען און שטאַרקען אונזערע צוקוועלטע נערוועז. פאַר'ן אָפּפאָהרען האָט אונז נאָגטיצוו פאַרזיכערט, אַז דער וואַלד אַרום דעם גרויסען קלויס־טער וועט זיך געפינען אין אונזער רשות, אַז די געביידע, וואָס איז באַשטימט פאַר אונז, קאָן אַריינגעמען ניט ווייניגער ווי דריי הונדערט מענשען. אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין דער געביידע איז דאָ אָרט נאָר פאַר 110 מענשען, אַז אין וואַלד טאָר מען ניט שפּאַצירען, און ווען איינער פון אונזערע חברים האָט געוואָלט אַריין אין וואַלד, האָט מען אויף איהם געשאָסען און נאָר דורך אַ צופאַל האָט ער זיך געראַטעוועט פון טויט. פאַר אונז האָט

מען אויסגעטיילט א ווינקעל פון הויף מיט עטליכע צעהנדליג בעריאָזעס.

אין פעטראָמינסק האָט אונז נאַגטיעוו פאַרזיכערט, אַז דאָ וועלען מיר זיך קאָנען פריי באַוועגען. אָבער גלייך פון ערשטען טאָג אָן האָט מען פון דעם גאָרניט געוואָלט וויסען און נאָר מיט גרויס אָנשטרענגונג איז אונז געלונגען אויסצוקעמפען די רעכט אויף פרייער באַוועגונג. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט נאָגטיעוו'ן האָט מען אונז אויסגעטיילט אַן אַלטע הילצערנע געביידע פאַר דרייסיג מענשען. עס האָט געפעהלט אָרט נאָך פאַר צוואַנציג. מיר האָבען זיך ווי עס איז איינגעאָרדענט און גענומען אָרגאַניזירען בילדונגס־קורסען, גענומען לערנען זיך; מיר האָבען זיך געבאָדען אין ים, געכאַפּט פיש, געפאָהרען אויף שיפלאַך. מיר האָבען געוואָלט פאַרטרייבען די שווערע געדאַנקען וועגען דעם אָנקומענדיגען ווינטער.

אָבער דאָס פרידליכע לעבען האָט לאַנג ניט געדויערט. אַזוי ווי אין פעטראָמינסק, זיינען מיר אויך דאָ אָפּגעשניטען געוואָרען פון לעבען. די קאָרעספּאָנדענץ אונזערע איז געבליבען שטעקען אין דער „טשעקאַ". די סאַמע נויטווענדיגסטע זאַכען פאַר אונזער אָרימערווירטשאַפט האָט געפעהלט און מ'האָט עס בשום אופן ניט געקאָנט באַקומען. און יעדעס מאָל וואָס נאָגטיעוו פלעגט קומען אין לאַגער פלעגט ער באַווייזען אָפּצוטאָן עפּעס א נידערטרעכטיג־קייט. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער עס באַוואוסטזיניג געטאָן. ער האָט דורכאויס געוואָלט פּראָוואָצירען א צוזאַמענשטויס, כדי ער זאָל קאָנען באַווייזען וואָס ער קאָן. אין דעם האָספּיטאַל, וואָס איז געווען 12 קילאָמעטער ווייט פון אונז, האָט געהערשט אַזאַ אָרדנונג, אַז אפילו שווערע קראַנקע האָבען זיך באַמיהט אויסצומיידען דעם דאָזיגען „הייל־אַנשטאַלט".

דערווייל זיינען אָנגעקומען נייע פּאַרטיעס פאַרשיקטע. די ערשטע גרופּעס האָבען זיך געקאָנט ווי עס איז איינאָרדנען. אָבער מיר האָבען געוואוסט, אַז כל זמן דער שיף־פאַרקעהר האָט נאָך ניט אויפגעהערט, וועט די „טשעקאַ" צושיקען א היבש ביסעל פרישע געסט און ביי אונזער בעסטען ווילען וועלען מיר ניט קאָנען אַלעמען אויפנעהמען. און אַזוי איז טאַקע געווען. ווען די נאַוויגאַציע האָט זיך געענדיגט האָט זיך די צאָהל פּאָליטישע פאַרשיקטע פאַרדאָפּעלט. מיר האָבען געמאָלדען נאָגטיעוו'ן, אַז אויב מ'וועט אונז ניט געבען גענוג פּלאַץ קאָנען מיר ניט אַריינעמען די פריש־אָנגעקומענע. א גרויסע גרופּע עס־ער'ען פון ס־ביר און א קלענערע גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָט נאָגטיעוו אַריינגעקוואַרטירט צוזאַמען מיט די קרימינעלע. אין צוויי וואָכען אַרום האָט נאָגטיעוו פאַרגעלעגט די פריש־אָנגעקומענע אַריבערצופיהרען אין מוקסאָמאַלישען קלויסטער, 22 קילאָמעטער ווייט פון אונז, וועלכער איז ספּעציעל באַשטימט

געוואָרען פאַר די פּאָליטשיע. דעם 22טען אויגוסט האָט נאָגטיעוו געמאָלדען דעם קאָלעגיום פון די פּאָליטישע סטאַראָסטעס, אַז אויב זיי וועלען זיך ניט אונטערגעבען וועט ער זיי מיט גוואַלד אַריבערפיהרען אַהין, און דאָרטען — האָט נאָגטיעוו מיט אַ שמייכעלע געזאָגט — מאָגען זיי אָנהויבען אַ הונגער־סטרייק. אַנדערע, ווידער, וועלכע האָבען פריהער אין דער אַרכאַנגעלסקער עטאַפּנער טורמע דורכגעפיהרט אַ הונגער־סטרייק, האָט ער פאַרגעשלאָגען „שטריקלאָך" צום אויפהענגען זיך. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען זיי אַלעמען געבונדען און מיט גוואַלד אַוועקגעשלעפּט קיין מוקסאָמאָלי. אונטערוועגענס האָט מען זיי גוט צושלאָגען. צומאָרגענס איז נאָגטיעוו אַוועקגעפאָהרען קיין מאָסקווע. אין עטליכע וואָכען אַרום איז פון מאָסקווע אָנגעקומען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון פאָרשטעהער פון דער „טשעקאַ" מיט דעם פאַרטרעטער פון מאָסקווער סאָוויעט אין דער שפּיץ. זי האָט עס באַדאַרפט אויסגלייכען די סכסוכים און איינפיהרען אָרדנונג. אויף דער געמיינזאַמער זיצונג פון דעם קאָלעגיום פון די סטאַראָסטעס צוזאַמען מיט דער קאָמיסיע זיינען אַלע שטרייטונגען פרידליך ערליידיגט געוואָרען. די הויפּט־פאָדערונג פון די פאַרשיקטע: אָפּשאַפען דעם קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער אין סאָלאָווקי און איבערפיהרען די פאַרשיקטע קיין אַרכאַנגעלסק, איז קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפען געוואָרען. דערפאַר אָבער האָט מען אונז באַווילליגט באַזוכען, אַ פרייערען פאַרקעהר צווישען זיך, אַראָפּגענומען די „אויסערליכע בלאָקאַדע". מיר האָבען פריי אָפּגעאָטעמט. אין מיטען אָקטאָבער האָט זיך פּלוצלונג באַוויזען אַ נייע קאָמיטע פון מאָסקווע מיט באָקיי *) אין דער שפּיץ. די דאָזיגע קאָמיסיע האָט געהאַט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע: בטול מאַכען די איינגעפיהרטע רעפאָרמען. צוזאַמען מיט באַקיי איז אויך געקומען נאָגטיעוו.

באָקיי האָט אונז ערקלערט, אַז פעלדמאַן האָט ניט גענומען אין אַכט די אָרטיגע אומשטענדען און דעריבער קאָנען זיינע צוזאָגען ניט ערפילט ווערען. אַזוי, צום ביישפּיל, קאָן מען ניט באַקומען קיין דאָקטאָר פאַר סאָלאָווקי, כאָטש סעמאַשקא באַמיהט זיך וועגען דעם שטאַרק. די שווער־קראַנקע אַריבערפיהרען קיין אַרכאַנגעלסק קאָן מען אויך ניט (וועגען דעם האָט זיך גערעדט 7 חדשים לאַנג). וועגען פרייערע באַזוכען מוז מען וואַרטען אויף אַן ענטפער.

דער כאַראַקטער פון דער קאָמיסיע איז אָבער פאַרקערפּערט געוועזן אין דער פּערזאָן פון נאָגטיעוו. די סטאַראָסטעס אונזערע האָבען אין דער אַנוועזענהייט פון נאָגטיעוו'ן דערקלערט, אַז דער

*) דער פיהרער פון פּעטערבורגער „טשעקא", א בלוטיגער סאַדיסט. —רעדאקציע.

גערׄאנק צו פׄארבלייבען אׄ גאׄנציׄן ווינטער אונטער דער הערשאׄפט פון נאָגטיעוו׳ן, רופט אׄרוים גרויס שרעק ביי די פׄארשיקטע. זיי האָבען ווידער געשטעלט די פאָדערונג אׄריבערפיהרען אלע פׄאר־שיקטע אויף דער יבשה און האָבען ׳צנדליך אונטערגעשטראָכען, אׄז פׄאר אלץ, וואָס דאָ וועט פאָרקומען אין פׄארלויף פון ווינטער וועט זיין פׄאראׄנטוואָרטליך די סאָוועטישע מאׄכט. באָקיי האָט בארוהיגט די סטאׄראָסטעס און גענאָגט, אׄז ער האָט געבראׄכט מיט זיך אׄ גאׄנצע רייהע אׄנשטענדיגע, עהרליכע מיטאׄרבייטער, וועלכע פׄארבלייבען דאָ. די לאׄגע איז אלץ געבליבען אומבאשטימט. אין לאׄגער האָט מען גערעדט וועגען פׄארשיידענע פאׄלשקייטען און רויבערייען ביים קאָנפיסקירען די רייכטימער פון די קלויסטערס. מ׳האָט דערצעהלט, אׄז אין אווגוסט האָט דער זעלבער נאָגטיעוו דערשאָסען צוויי מאָ־נאׄכען, וועלכע האָבען איהם באשולדיגט אין גנבה. מ׳האָט דער־צעהלט וועגען דעם מאָדערנעם שטראָף־מיטעל, וועגען די „שטיי־נערנע זעק“. אָבער אויסערליך האָט געהערשט אׄ „ליבעראׄלע“ אָרדנונג. אׄזוי ווי נאָגטיעוו איז פון אונז באָיקאָטירט געוואָרען, פלעגט מיט אונז פיהרען אונטערהאׄנדלונגען זיין פׄארטרעטער, אייכ־מאׄן, וועלכער האָט זיך באמיהט אויסצומיידען שטרייטונגען.

גראׄדע ווען עס איז אָנגעקומען די קאָמיסיע מיט באָקיי׳ן, האָט זיך אין מוקסאָמאָלי אָפגעשפילט אׄ טרויעריגע דראׄמע: דער יונגער עסער סאׄנדאָמיר איז באׄגאׄנגען זעלבסטמאָרד. באָקיי האָט געוואָלט אליין אונטערזוכען די איינצעלהייטען פון זעלבסטמאָרד און האָט פׄארבאָטען דעם פׄארקעהר צווישען די באזונדערע קלויסטערס. עס איז אויך פׄארבאָטען געוואָרען צו נעמען אׄן אׄנטייל אין דער לויה און סאׄנדאָמיר׳ן האָט מען באגראָבען לעבען דער קלויסטער־וואׄנט. פריש איז געווען נאָך ביי אונז אין זכרון אׄראָנאָוויטשעס זעלבסט־מאָרד, *) און די נערוועןּ אונזערע זיינען צושרויפט געוואָרען. נאָך אׄ דאׄנק דער טאׄקטישער האׄנדלונג פון קלויסטער־קאָמענדאׄנט איז ניט געקומען צו אׄן ערנסטען צוזאׄמענשטויס. נאָגטיעוו איז אָפּ־געפאָהרען צוזאׄמען מיט באָקיי. דעם זעלבען טאָג האָט געזאָלט אויסברעכען אׄ הונגער־סטרייק און נאָר אייכמאׄן׳ס אׄ בארוהיגענדע טעלעגראׄמע האָט איינגעשטילט די נשמות און ס׳איז געווארען א ביסעל רוהיגער.

מיר פיהרען איצט אׄ פרידליכען לעבען. עס איז שוין ווינטער. דער שיף־פׄארקעהר קאָן יעדען טאָג אויפהערען און אויף זעקס־זיבען מאָנאׄטען וועלען מיר אָפגעשניטען ווערען פון דער גאׄנצער וועלט. דער בריף איז געווים דער לעצטער ביז דעם קומענדען יוני. מיר אׄרבייטען פלייסיג. פאָרלעזונגען און רעפעראׄטען קומען פאָר יעדען

*) אין קעם, אויפ׳ן וועג קיין סאׄלאָווקי. — רעדאקציע.

טאָג. מיר ווייסען אָבער ניט, צי מ׳וועט אונז לאָזען צורוה. אייכ־מאַן איז אוועק קיין מאָסקווע מיט אַן אולטימאַטום: ער אָדער נאַגטיעוו. אייכמאַן איז אוועק און געבליבען איז נאַגטיעוו, וועלכער איז אַ דעגענעראַט. אין פעטראָמינסק האָט ער זיך באַריהמט, אַז ער האָט זיין אייגענעם ברודער פאַר׳משפט צום טויט. און איצט איז ער דער צאַר איבער פינף טויזענט געפאַנגענע!

מיט דעם „ליבעראַלען" קורס איז מען אין מאָסקווע ניט צו־פרידען. נאָר איינינע שווער־קראַנקע האָט מען אַריבערגעפיהרט קיין אַרכאַנגעלסק. די איבעריגע האָט מען איבערגעלאָזען, כאָטש די פרוי פעלדמאַן, — אַ דאָקטאָר, אַ קאָמוניסטקע, וואָס איז געווען געשיקט אויף אַ געוויסע צייט — האָט אַליין געפאָדערט מ׳זאָל זיי אַריבערפיהרען.

דער פּראָצענט פון קראַנקע איז זעהר גרויס — 52 פּראָצענט, צווישען זיי 11 פּראָצענט טובערקולאָזע. דער ווינטער איז שווער פאַר אַלעמען.

נאָר זאָל שוין זיין גענוג! מיר געזעגענען זיך מיט אייך. אייך אַלעמען, וועמען אויף דער „פרייהייט" לעבט זיך אויך ניט איבעריגס פרעהליך, ווינשען מיר דאָס בעסטע און דאַנקען אייך האַרציג פאַר אייער זאָרג וועגען אונז".

סאָלאָווקי, דעצעמבער, 1923.

דער בריף פון סאָלאָווקי איז אָפּגעשיקט געוואָרען מיט דער לעצטער פּאָסט, איידער ס׳האָט אויפגעהערט די פאַרבינדונג מיט דער יבשה.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך אָפּגעשפּילט די בלוטיגע דראַמע, וועגען וועלכער די סאָוועטישע פּרעסע האָט אונז מיטגעטיילט. די „איזוועסטיא" פון צעהנטען יאַנואַר 1924 יאָהר געבראַכט אַ קורצע נאָטיץ, אַז עפּעס אַ „טרויעריגער צופאַל" איז פאָרגעקומען אין סאָ־לאָווקי דעם ניינצעהנטען דעצעמבער, און אַז די רעגירונג האָט באַ־שטימט אַ „באַזונדערע דריי־גלידערדיגע קאָמיסיע", וואָס זאָל דעם „צופאַל" אונטערזוכען. און מעהר קיין וואָרט ניט. די „פּראָלע־טאַרישע" רעגירונג האָט געשוויגען אין דער צייט ווען די פאַמיליעס פון די הונדערטע פאַרשיקטע, וואָס שמאַכטען אין סאָלאָווקי האָבען אומזיסט אָפּגעשלאָגען די טירען פון די באָלשעוויסטישע קאַנצע־לייאַריעס כדי צו דערוויסען זיך, וואָס עס טוט זיך מיט זייערע נאָ־הענטע.

ערשטע דעם 10טען פעברואַר האָט דיזעלבע „איזוועסטיא" גע־געבען אין דער כראָניק, מיט גאַנץ קליינע שריפט, אַ נאָטיץ וועגען דעם „טרויעריגען צופאַל" מיט מעהר איינצעלהייטען. ס׳לאָזט זיך אויס, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ „צוזאַמענשטויס" צווי־

שען די פּאַרשיקטע און דער וואָך, דערביי זיינען זעקס פּאָליטישע געטויטעט געוואָרען און צוויי זיינען פּאַרוואונדעט געוואָרען.

דאָס זיינען די נעמען פון די קרבנות:

געטויט גצוואָרען:

1. יעליזאַבעטאַ קאַטאָווא, 25 יאָהר אַלט.
2. אַנאַסטאַסיא באַוער־צייטלין, 32 יאָהר אַלט (די פרוי פון דעם עסער צייטלין, וואָס שמאַכט שוין 5 יאָהר אין די מאָסקוואַער טורמעס).
3. געאָרגי קאַטשאַראָווסקי, 28 יאָהר אַלט.
4. גבריאל בילימאַ־פּאַסטערנאַק, 27 יאָהר אַלט.
5. מאיר גאָרעליק, 26 יאָהר אַלט.
6. ווסעוואָלאָד פּאָפּאָוו, 28 יאָהר אַלט.

פאַרוואונדעט:

1. לעאָניד לעבעדעוו, 24 יאָהר אַלט.
2. גצאָרגי שיק.

ביז דער שיף־פאַרקער מיט די סאָלאָווקי איז ווידער געעפענט געוואָרען האָבען מיר זיך געמוזט באַנוגענען מיט די קאַרגע ידיעות פין דער קאַזיאָנער באָלשעוויסטישער פּרעסע.

ערשט אין הערבסט 1924 זיינען אָנגעקומען קיין אויסלאַנד די ערשטע דירעקטע ידיעות פון די פאַרשיקטע, ווי אויך אָפיציעלע דאָקומענטען פון דער סאָוועטישער רעגירונג. און דאָ האָט זיך אנט־פּלעקט פאַר אונז אַ גרויזאַמע בילד פון געוואַלדטאַטען און מערדע־רייען איבער די הילפלאָזע פּאָליטישע.

כדי זיך קלאָר מאַכען די אורזאַכען פון די טראַגישע געשעהע־נישען, מוז מען נעמען אין אַכט, אַז די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין די קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערען זיינען קיינמאָל ניט גע'משפט געוואָרען אין וועלכען ניט איז געריכט; זיי זיינען אַ ד מ י נ י ס ט ר אַ ט י ו ו פאַרשיקט געוואָרען דורך דער טשעקאַ. זיי זיינען ניט קיין אַרעס־טאַנטען, נאָר פ אַ ר ש י ק ט ע, און דעריבער ווילען זיי זיך ניט אונטערגעבען דעם טורמע־רעזשים. זיי פאָדערען פרייע באַוועגונג אין די קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערען גופא, זעלבסטפאַרוואַלטונג, פרייע פאַרטיילונג פון דער צייט און ארבייט, און אַזוי ווייטער.

נאָך אַ לאַנגען הארטנעקיגען קאַמף האָבען די סאָציאַליסטען פאַקטיש אַלע זייערע פאָדערונגען דורכגעפיהרט, ווי למשל אין דער פראַגע פון אַלגעמיינעם רעזשים, זעלבסטפאַרוואַלטונג.

דאָס איז שוין אַן אַלטע טראַדיציע אין די רוסישע טורמעס, אַ טראַדיציע פון מעהר ווי אַ האַלב יאָהרהונדערט, אַז די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין יעדער טורמע, אין וועלכער זיי געפינען זיך אין אַ גרעסערער צאָהל, ווערען פון די טורמע־פאַרוואַלטונגען באַטראַכט אַלס אַ געשלאָסענע קערפּערשאַפט, וועלכע ווערט פאַרוואַלטעט דורך

אויסגעקליבענע פאַרשטעהער, „סטאַראָסטעס“, וועלכע פאַרטרעטען די אַרעסטירטע פאַר דער אַדמיניסטראַציע פון דער טורמע.

די דאָזיגע סיסטעם פון „זעלבסט־פאַרוואַלטונג“ איז אין פאַרלויף פון צעהנדליגער יאָהרען אויסגעקעמפט געוואָרען פון די סאָציאַליסטען; די באָלשעוויקעס האָבען עס אין יאָהר 1918 שטילשווייגענד איבערגענומען, פריהער אין די טורמעס און שפּעטער אין די קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערן. אָבער גרינג איז דאָס ניט אָנגעקומען. ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, האָבען די אַרעסטירטע סאָציאַליסטען באַקומען די „פּריווילעגיעס“ אין די באָלשעוויסטישע טורמע נאָך אַ האַרטנעקיגען קאַמף.

און דאָס וואָס איז פאָרגעקומען אין סאָלאָווקי, אין דעצעמבער 1923, איז איינער פון די בלוטיגע עפּיזאָדען אין דעם דאָזיגען לאַנגען האַרטנעקיגען קאַמף.

אין זייער ווענדונג צו דעם סאָציאַליסטישען און פּראָפעסיאָנעלען אינטערנאַציאָנאַל אין יוני 1924 שרייבען די 233 סאָלאָווייצקער פאַרשיקטע:

„די סאָוועטישע פּאָליטישע פּאָליציי (טשעקאַ) באַנוגענט זיך ניט מיט דעם, וואָס זי האָט אונז פאַרשיקט אין דעם ווייטען וויסטען צפון הונדערטער מייל ווייט פון קולטורעלע צענטרען, אָפּגעריסען אונז פון אונזערע פאַמיליעס. זי גיט אונז ניט אפילו די מעגליכקייט צו באַקומען רעגעלמעסיג בריף פון אונזערע נאָהענטע און פריינד. די טשעקאַ וויל דעם סאָלאָוועצקען קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער פאַרוואַנדלען אין אַ רעגעלער טורמע מיט דעם שטרענגסטען רעזשים.

זי האָט אויסגעקליבען דעם מאָמענט, ווען דער שיף־פאַרקער צווישען די אינזלען און דעם קאָנטינענט האָט אויפגעהערט, ווען ס'הויבט זיך אָן דער אומענדליכער פּאָלאַר־ווינטער — די לאַנגע, לאַנגע מאָנאַטען, ווען מיר זיינען אַבסאָלוט אָפּגעזונדערט פון דער ארומיגער וועלט. איצט קאָנען די אַגענטען פון דער טשעקאַ אַרבייטען אין דער פינסטערניש. זייער „אַרבייט“ וועט פאַר דער גאַנצער וועלט בלייבען אַ געהיימניס! אזוי מיינען די מאָסקווער זעלבסט־הערשער...

פון מאָסקווע איז געקומען אַ פּריקאַז צו די אָרטיגע באַאַמטע, מ'זאָל די פּאָליטישע פאַרשיקטע „אַריינגעמען אין די הענט“. פּריהער פאַר אַלץ אַוועקנעמען ביי אונז דאָס רעכט צו באַוועגען זיך פריי איבער'ן הויף. דער קליינער שטיקעל פּלאַץ, וואָס מ'האָט איבערגעגעבען אין אונזער רשות, איז אַרומגערינגעלט מיט שטעכיגען דראָט און ווערט באַוואַכט פון באַוואָפענטע סאָלדאַטען. די טעריטאָריע טאָרען מיר ניט פאַרלאָזען אפילו אין דער באַגלייטונג פון באַוואָפענטע רויטע אַרמעער. דערפאַר אָבער איז ביז אהער כאָטש

די צייט פון שפּאַציר איבער'ן הויף ניט באַגרענעצט געווען. איצט וויל די טשעקאַ אָוועקנעמען ביי אונז אַפילו אָט די „פרייהייט"...

דעם 19טען דעצעמבער, פינף אַזייגער אין אָוונט, האָט מען אונזער „סטאַראָסטאַ" איבערגעגעבן אַ באַפעהל פון קאָמענדאַנט, ראָזענטאַל, לויט וועלכען עס איז פאַרבאָטען צו שפּאַצירען איבער'ן הויף שפּעטער ווי זעקס אַזייגער פאַרנאַכט. דעם באַפעהל האָט מען געזאָלט מיטטיילען די פאַרשיקטע ביי דער „פּאָווערקע" (דעם קאָנטראָל), ד. ה. אַכט אַזייגער אין אָוונט. ס'איז קלאָר, אַז דער נייער באַפעהל האָט געזאָלט אריין אין קראַפט ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג, דעם 20טען דעצעמבער.

אָבער שוין האַלב נאָך פינף אַזייגער אין אָוונט האָבען די אויפגערייצטע סאָלדאַטען אָנגעהויבען צו שיסען אין די פאַרשיקטע, וואָס האָבען רוהיג געשפּאַצירט איבער'ן הויף, נישט וויסענדיג פון קיין אומגליק. דריי מאָל נאָכאַנאַנד האָט מען געשאָסען אין די הילפלאָזע אומבאַוואָפענטע מענשען. די אַנוועזענדע האָבען דייטליך געהערט די קאָמאַנדע: „ציל — שיסען!" און די סאָלדאַטען האָבען גענומען אויפ'ן ציל די נעהנטערע... און ביים פּאַלמעסען די טויטע קערפּערס האָט זיך אַרויסגעוויזען, *אַז אַלע טויטע זיינען געטראָפען געוואָרען; פון קוילען אין רוקען פון זעהר אַ נאָהענטער שטרעקע*; מ'האָט אויך געשאָסען אין די פאַרשיקטע, וועלכע האָבען געוואָלט געבען הילף די פאַרוואונדעטע. פון די ערשטע צוויי זאַלפּען זיינען געפאַלען בילימאַ־פּאַסטערנאַק און גאָרעליק; פון דער דריטער — די פרויען באַוער־צייטלין און קאָטאָוואַ און קאָטשאַראָווסקי, און דער לעצטער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרען פּאָפּאָוו.

אַזוי איז עס פאָרגעקומען דער „צוזאַמענשטויס", וועלכען די קאַזיאָנע „איזוועסטיאַ" האָט פאָרגעשטעלט מיט צייהן מאָנאַטען שפּעטער אַלס „די אונטערדריקונג פון אַן אויפשטאַנד"...

אויפ'ן דריטען טאָג האָט די „הויפּט פאַרוואַלטונג פון די צפון'דיגע קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערען" באַשטימט אַן „אונטערזוכונגס־קאָמיסיע" און האָט פאָרגעלעגט די פאַרשיקטע אַרויסצוזאָגען זייער אָנקלאַגע פאַר דער קאָמיסיע. די פאַרשיקטע אָבער האָבען געענטפערט, אַז *אַ ווירקליכע* אונטערזוכונג קאָן געמאַכט ווערען פון פערזאָנען, וועלכע שטעהען ניט אין קיין שום דירעקטער אָדער אומדירעקטער פאַרבינדונג מיט די שולדיגע אין דעם בלוטיגען מאָרד און דעריבער ווילען זיי קיין אַנטייל ניט נעמען אין אַזאַ מין „קאָמיסיע".

אויף די ענערגישע טעלעגראַמעס פון די פאַרשיקטע האָט דער פּרעזידיום פון צענטראַלען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די סאָוועטען

פֿאַרגעלעגט צו בילדען אַ קאָמיסיע אין מאָסקווע, וועלכע זאָל באַשטעהן פון פאַרטרעטער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון יוםטיץ קאָמיסאַריאַט, און האָט פֿאַרגעלעגט די סאָלאָוויעצקער פאַרשיקטע צו שיקען זייערע צוויי דעלעגאַטען אין מאָסקווע, וואָס זאָלען מאַכען אַ באַריכט צו דיזער קאָמיסיע.

די פאַרשיקטע האָבען ווידער געענטפערט, אַז זיי קאָנען ניט פאַרטרויען אַ קאָמיסיע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט אויסשליסליך פון פאַרטרעטער פון דער הערשענדער פּאַרטיי, אַז זיי וועלען ערשט דאַן שיקען זייערע דעלעגאַטען, ווען די אונטערזוכונג וועט געפיהרט ווערען עפֿענטליך, ווען אין דער קאָמיסיע וועלען צוגעלאָזען ווערען פאַרטרעטער פון דעם רוסישן קאָמיטעט: „הילף פאַר פאַרשיקטע", פון דעם סאָציאַליסטישען ארבייטער אינטערנאַציאָנאַל און פון דעם אמסטערדאמער געווערקשאפטס־אינטערנאַציאָנאַל.

די פאָדערונגען זיינען אָפּגעוואָרפען געוואָרען פון דער סאָוועטען־רעגירונג. די „קאָמיסיע" האָט „געאַרבייט" אויף איהר געוועהנליכען ביוראָקראַטישען שטייגער און ביז ענדע סעפּטעמבער, 1924, האָט מען פון איהר קיין ענטפער ניט באַקומען.

דער דירעקטער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם בלוטיגען מאָרד, דער פאַרוואַלטער פון׳ם קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער, נאָגטיעוו, וועלכער איז פיר וואָכען נאָכ׳ן מאָרד אָפּגערופען געוואָרען קיין מאָסקווע, האָט זיך באַלד אומגעקערט צוריק אויף זיין פריהערדיגען פּאָסטען, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן. כדי די „אויטאָריטעט פון דער רעגירונג" זאָל ניט ליידען, האָט מען דעם נידערטרעכטיגען מערדער ריינגעוואַשען. אַזוי אַרום, — באַמערקען די פאַרשיקטע אין זייער אויפרוף, — האָט די רעגירונג גענומען אויף זיך די שולד פאַר דאָס פאַרגאָסענע בלוט.

מען קאָן זיך פאָרשטעלען די שטימונג פון די סאָלאָוויעצקער פאַרשיקטע אין דער צייט פון יענעם לאַנגען ווינטער, נאָכ׳ן 19טען דעצעמבער. דער דריקענדיגער געפיהל פון פּאָלשטענדיגער הילפלאָזיגקייט געגען דעם ווילקיר פון די באָלשעוויסטישע הענקער האָט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט דאָס באַוואוסטזיין, אַז זיי זיינען פאַרלאָזען: די סאָציאַליסטישע וועלט האָט זיך ניט אָפּגערופען ווי געהעריג אויף דעם פאַרצווייפעלטען געשריי פון די געפּייניגטע סאָציאַליסטען...

מ׳האָט זיך געטרייסט מיט דעם אָנקומענדיגען זומער, ווען די פאַרבינדונג מיט דער אויסערליכער וועלט וועט געעפענט ווערען.

אָבער דער זומער האָט ניט גרינגער געמאַכט די לאַגע פון די אומגליקליכע געפאַנגענע אויפ׳ן טייפעלשען אינזעל. אין זייער

דערמאָנטער ווענדונג צום סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל און צו די געווערקשאַפטען אין יוני שרייבען די פאַרשיקטע:

„אין סאָלאָווקי האָט זיך פאַר דער צייט גאָרנישט געענדערט:
„דער ברוטאַלער ווילקיר פון דער אַדמיניסטראַציע הערשט ווייטער, דער זעלבער קאַטאָרזשנער רעזשים פאַר די קרימינעלע, דער זעלבער עלענד און פיין פון די פאָליטישע . . .

יאָ, אַ נייס איז דאָך צוגעקומען. אויף דעם סעקירא־באַרג איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַן „אויסבעסערונג אַנשטאַלט" פאַר די קרימינעלע, אין וועלכען די אַרעסטירטע ווערען אַזוי שרעקליך באַהאַנדעלט, אַז אייניגע האָבען פון פאַרצווייפלונג אויפגעשניטען זיך די בייכער... דער טורמע־רעזשים פאַרגרעסירט אַלץ ווייטער: פריהער האָט מען איהם אָנגעווענדעט בלויז פאַר די קרימינעלע, איצט פיהרט מען עס איין אויך פאַר די אַרעסטירטע קראָנשטאַדטער מאַטראָסען און פאַר די פריש־צוגעקומענע פאַרשיקטע סטודענטען...

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט גענוג. איצט וויל מען אויך פאַר אונז, שוין אַנערקענטע פאָליטישע פאַרשיקטע, איינפיהרען די סיסטעם פון צוואַנג־אַרבייט. מ'האָט ביי אונז צוגענומען די וועשעריי, די באָד, מ'ען שטעלט אונז אַוועק אין אַ לאַגע, אין וועלכער ס'האָבען זיך קיינמאָל ניט געפונען די פאָליטישע אַרעסטירטע אפילו אין די צאַריסטישע טורמעס.

מ'נעמט ביי אונז אַוועק די עלעמענטאַרע רעכט פון יעדען אַרעסטירטען אין יעדער טורמע, דאָס רעכט צו זעהן זיך מיט אונזערע פאַמיליעס; נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער שיף־פאַרקער האָט זיך ווידער אָנגעהויבען, ערלויבט מען ניט אונזערע נאָהענטע צו באַזוכען אונז".

קיין וואונדער ניט, אַז די שטימונג פון די פאַרשיקטע ווערט אַלץ נערוועזער און געדריקטער.

די דאָזיגע שטימונג זעהען מיר פון די פילע בריף, וואָס די אויסלענדישע פאַרטרעטער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי האָבען באַקומען אין פאַרלויף פון זומער, 1924.

די לאַגע ווערט נאָך ערגער דערמיט, וואָס די פאַרשיקטע קומט אוים ממש צו הונגערען. מ'האָט ביי זיי צוגענומען די „פאַרגרעסערטע פּאַרציעס" (די אַזוי גערופענע „פּאָלאַרע קעסט"), וועלכע מ'האָט זיי אַנערקענט דעם פאָריגען ווינטער, אַזוי, אַז פון שטענדיגען ניט דערעסען ביי דעם שטרענגען קלימאַט, פאַרלירען זיי די כחות. דער פּראָצענט פון קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע איז זעהר גרויס (45 פּראָצענט פון די פאָליטישע ליידען אויף סקאָרבוט, 23 פּראָצענט — אויף טובערקולאָזיס). דער גרעסטער טייל פון די פאַרשיקטע האָבען ניט דעם פיזישען און ניט דעם מאָראַלישען

כח אויסצוהאלטען נאך א צווייטען ווינטער אויף אט דעם „אינזעל פון מענשליכען עלענד“.

די דאזיגע שרעקליכע לאגע האט געצוואונגען די פארשיקטע אנצוהויבען דעם 25טען סעפטעמבער א הונגער־סטרייק; די פאדע־רונג זייערע איז געווען: אריבערפיהרען זיי אויף׳ן קאנטינענט.

אבער גראד, ווען דער הונגער־סטרייק האט זיך אנגעהויבען איז אנגעקומען פון מאסקווע די „אונטערזוכונגס־קאמיסיע“, אויף וועלכער די פארשיקטע האבען גצוואַרט פון דעצעמבער 1923 אן (די קאמיסיע איז באשטאנען פון הויפט־פראקוראר קראסיקאוו און פון די פאר־טרעטער פון „טשעקא“, קאטאניאן און באקיי). די פארשיקטע האבען באשלאסען דערווייל אויפצוגעבען דעם הונגער־סטרייק און אפוואר־טען אויף די רעזולטאטען פון די אונטערהאנדלונגען מיט דער קאמיסיע.

די קאמיסיע, וואס האט זיך באצויגען צו די פאליטישע מיט גרויס חוצפה, איז דאך, אויס מורא פאר די פראטעסטען פון די אייראפעאישע סאציאליסטען, איינגעגאנגען אויף געוויסע פארלייכ־טערונגען. מ׳האט צוגעזאגט אריבערפיהרען אויף׳ן קאנטינענט די קראנקע און די יעניגע, וועמעס צייט פון פארשיקונג האט זיך פאר־ענדיגט. די הויפט־פאדערונג אבער וועגען אריבערפיהרען אלע פא־ליטישע אויף׳ן קאנטינענט איז קאטעגאריש אפגעווארפען געווארען.

די געשאפענע לאגע האט געצוואונגען די מערהייט פון די פאר־שיקטע אויפצוגעבען דעם ווייטערדיגען קאמף, דעם געפלאנטען הונ־גער־סטרייק, ווייל זיי האבען ניט געזעהן קיין שום אויסזיכט אויף אן ערפאלג. די מינדערהייט אבער, מערסטענס אנארכיסטען און עסערען, האבען אנגעהויבען דעם דריטען אקטאבער (לויט דער אפיציעלער מעלדונג דעם 4טען אקטאבער) א הונגער־סטרייק. דער הונגער־סטרייק האט געדויערט ביז׳ן 17טען (לויט דער אפיציעלער מעלדונג ביז׳ן 18טען), דאס הייסט גאנצע פערצעהן טעג!

כדי צו צוברעכען דעם ווידערשטאנד פון די הונגערענדע האט די אדמיניסטראציע פון דעם לאגער באשלאסען צו איזאלירען זיי פון די איבעריגע פאליטישע ארעסטירטע. מ׳האט זיי פארשפארט אין אן אפגעזונדערטער געביידע, מ׳האט אבסאלוט קיינעם ניט צו־געלאזען צו זיי און וועניג וואס געקימערט זיך וועגען זיי. ניט קיין דאקטאר און ניט ווער עס איז פון דער אדמיניסטראציע האט זיי ניט באזוכט. ערשט אויף׳ן זיבעטען טאג פון דעם הונגער־סטרייק איז געלונגען דעם סטאראסטא פון דער סאציאל־דעמאקראטישער גרופע פארשיקטע צו באזוכען זיי.

דער הונגער־סטרייק האט ניט געהאט קיין גרויסען ערפאלג. נאר א קליינער טייל פון די פאדערונגען איז נאכגעגעבען געווארען: מ׳האט אריבערגעפיהרט די פאליטישע, וואס האבען זיך ביז איצט

אויפגעהאַלטען צוזאמען מיט די קרימינעלע, אין „פּאָליטישען“ לאַגער.

די ווייטערדיגע געשעהענישען אויף די סאָלאָווקי זיינען אונז נישט באַקאַנט, ווייל דאָ האָט זיך אָנגעהויבען דער לאַנגער פּאָלאַר ווינטער.

4. די קרבנות פון טעראָר.

אין אַ קאַנצעלאַריע פון אַ קליינעם פּראָווינציעלען שטעדטעל אויפ'ן אוראַל, וואו ס'האַלטען זיך אויף אַ סך פּאָליטישע פאַרשיקטע, געפינט זיך אונטער קאַרל מאַרקס' בילד אַן אויפשריפט: „טורמעס פאַר דער בורזשואַזיע, חבר'שע אויפקלערונג פאַר די פאַרפיהרטע פויערים און אַרבייטער“.

דער אָרטיגער באָלשעוויסטישער „הערשער“ האָט ערקלערט די פאַרשיקטע, אַז דאָס איז אַ ציטאַטע פון קאַרל מאַרקס. אָבער אויך אין אויסלאַנד זיינען פאַראַן אַ סך נאַאיווע פאַרעהרער פון רוסישען באָלשעוויזם, וועלכע גלויבען, אַז די סאָוועט־רעגירונג באַציהט זיך מיט אמת פּאַטערליכער ליבע צו די „פאַרפיהרטע פויערים און אַרבייטער“ און האַלט זיי געפאַנגען אין די „מעגליכסט בעסטע באַדינגונגען“.

אונזערע לעזער ווייסען שוין, ווי ס'זעהען אויס אין דער ווירק־ליכקייט די „מעגליכסט בעסטע באַדינגונגען“. דער פאַקטישער מאַטעריאַל, וועלכער איז פריהער געבראַכט געוואָרען, באַווייזט קלאָר, אַז די באָלשעוויקעס ווילען ניט נאָר באַזייטיגען זייערע סאָציאַליס־טישע געגנער פון פּאָליטישען לעבען, נאָר זיי שטרעבען אויסצו־ראָטען זיי.

צום גרויסען באַדויערען דערגרייכען די באָלשעוויקעס אַלץ מעהר און מעהר זייער נאָבעלען ציל... שוין אָפּגערעדט פון די הונדערטער און הונדערטער קראָנשטאַדטער מאַטראָסען און טאַמבאָווער פויערים, וועלכע זיינען אומגעקומען אין די שרעקליכע קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערען פון פּעטראָמינסק, אַרכאַנגעלסק און סאָלאָווקי, שוין אָפּגע־רעדט פון די הונדערטער און טויזענטער פאַרשיקטע, וועלכע זיינען אין די גרויזאַמע באָלשעוויסטישע טורמעס פיזיש פאַרקריפּעלט גע־וואָרען פון טובערקולאָזיס, סקאָרבוט און אַנדערע קראַנקהייטען. מיר וועלען דאָ געבען די נעמען פון איינציגע סאָציאַליסטישע פיהרער, וועלכע זיינען קרבנות פון דער בלוטיגער באָלשעוויסטישער אינ־קוויזיציע, און זאָלען די באָלשעוויקעס באַווייזען די „אויפשטאַנדען“, אין וועלכע אָט די רעוואָלוציאָנערען און סאָציאַליסטען האָבען זיך „באַטייליגט“:

1. באָריס צייטלין־באַטורסקי, איינער פון די עלטסטע און

אָנגעזעהענסטע ארבייטער־פיהרער אין רוסלאַנד, רעדאַקטאָר פון דעם
זשורנאַל „אַרבייטער־פּאַרזיכערונג“. ער איז אין יאָהר 1920 אין
זיין געבורטס־שטאָדט וויטעבסק, אין דער צייט ווען ס'זיינען פאַר־
געקומען מאַסען אַרעסטען פון סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אַרעסטירט
געוואָרען און אריינגעוואָרפען געוואָרען אין אַ פאַרפעסטעטער באַל־
שעוויסטישער טורמע. נישט קוקענדיג אויף די אַלע באַמיהונגען
און וואַרנונגען פון די חברים, דאָקטוירים און אפילו פון איינע קאָמו־
ניסטען, האָט מען איהם דאָרטען געהאַלטען ביז ער האָט זיך אָנגע־
שטעקט מיט פלעק־טיפוס. מ'האָט איהם אויך דאַמאָלסט ניט גלייך
באַפרייט. אָהן מעדיצינישער הילף, אין גרויסע היץ איז ער אַן
עלענדער געלעגען אויף אַ הורבע האָלץ און איז אַזוי געשטאָרבען.
2. ק. ליאַכאָוויטש — אַן אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַט פון פּאָל־
טאַווע, דער איידים פון'ם באַריהמטען רוסישען שריפטשטעלער,
וולאַדימיר קאָראָלענקאָ. אין יאָהר 1921 איז ער אַרעסטירט גע־
וואָרען פון דער „טשעקאַ“, אַלס אַ מיטגליד פון דער סאָציאַל־דעמאָ־
קראַטישער פּאַרטיי, אין וועלכער ער איז די לעצטע צייט ניט געווען
אַקטיוו. נישט אַכטענדיג אויף אַלע אָנשטרענגונגען פון'ם אַלטען
קאָראָלענקאָ (ליאַכאָוויטש האָט געליטען אויף אַ האַרץ־פעהלער),
האָט מען איהם אַ לאַנגע צייט געהאַלטען אין אַ פאַרפעסטעטען
אַרעסט־הויז, וואו ער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט פלעק־טיפוס און
איז געשטאָרבען.
3. איסאַק אַסטראָוו — מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון
דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבייטער־פּאַרטיי, מאַר־
טאָוו'ס אַ מיטאַרבייטער און אַ פּערזענליכער פריינד. אין יאָהר
1922 איז ער אַרעסטירט געוואָרען אין אָדעס. נאָך אַ לענגערען
אַרעסט האָט מען איהם, אַ קראַנקען (ער האָט געליטען אויף אַ האַרץ־
פעהלער) צוזאַמען מיט טיפוס־קראַנקע אַוועקגעשיקט קיין טורקעס־
טאַן. אונטערוועגענס איז ער קראַנק געוואָרען אויף טיפוס און איז
געשטאָרבען אין סאַמאַרע. זיין פרוי האָט ניט געקאָנט אַריבער־
טראָגען דעם אומגליק און האָט פאַרענדיגט איהר לעבען מיט זעלבסט־
מאָרד.
4. וולאַדיסלאַוו קאַמיענסקי — אַן אַלטער אָנגעזעהענער סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַט, מיטגליד פון פּעטערבורגער סאָוועט פון יאָהר
1917 ביז'ן יאָהר 1920, מיטגליד פון דעם ערשטען צענטראַלען עקזע־
קוטיוו־קאָמיטעט. נאָך אַ לענגערען אַרעסט האָט מען איהם אין
יאָהר 1921 אַדמיניסטראַטיוו פאַרשיקט קיין וואָלאָגדאַ. ווען די
צייט פון זיין פאַרשיקונג האָט זיך פאַרענדיגט, האָט ער זיך אומגע־
קערט קיין פּעטערבורג; אָבער אויף דער באַהן־סטאַנציע האָט מען
איהם ווידער אַרעסטירט דערפאַר, וואָס זיין פרוי, אויך אַ פאַרשיקטע,
האָט איהם אָהן אַן ערלויבניש באַזוכט אין וואָלאָגדאַ. דאָס וואָס

ער האָט וועגן דעם ניט געמאָלדען אין טשעקאַ (!) איז פאַררעכענט געוואָרען אַלס אַ פאַרברעכען און דעריבער האָט מען איהם ווידער פאַרשיקט אין איינע פון די סאַמע וויסטע געגענדען פון צפון־סיביר. פאַר דעם אומגליקליכען, וואָס איז געוועזען טובערקולאָז־קראַנק, איז עס געוועזען אַ טויט־אורטייל. אַזוי איז ער אַן עלענדער געשטאָרבען דעם 9טען מערץ, 1924, אין קאָלפּאַטשעוואַ, נאַרימער געגענד.

אויסער די פאַרשיקטע, וועלכע זיינען געשטאָרבען מיט אַ „נאַטירליכען“ טויט, האָבען אַ סך אַרעסטירטע פאַרענדיגט זייער לעבען מיט זעלבסט־מאָרד, ווייל זיי האָבען שוין ניט געקאָנט איבער־טראָגען די ליידען זייערע.

מיר האָבען שוין פון דעם בריף פון די סאָלאָוועצקער פאַרשיקטע געזעהן, ווי די אַרעסטירטע אַנאַרכיסטען האָבען אין דעם פּעטראָ־מינסקער קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער געוואָלט זיך פאַרברענען לעבע־דיגערהייד, און ווען די סאָציאַליסטען וואָלטען זיי מיט געוואַלד ניט געראַטעוועט פון ברענענדיגען הויז, וואָלטען די עלענדע אומגעקומען.

אַן עהנליכען זעלבסטמאָרד־פאַרזוך האָט באַגאַנגען אין אַ מאָסק־ווער טורמע דער געוועזענער פאָלקס־קאָמיסאַר, טרוטאָווסקי, אַ לינקער עסער, און צוויי פרויען, לינקע סאָציאַליסטקעס־רעוואָלוציאָ־נערען, אין דער קאַטאָרזשנער טורמע אין אָריאָל.

דעם פאַרגאַנגענעם זומער האָט ווידער פּאַסירט אַן עהנליכער צופאַל.

די עסערען סידאָראָוו, דאָלאָמאַשקאָ און סטרוזשינסקי, וועלכע זיינען פאַרשיקט געוואָרען קיין וועליקי־אוסטיוג, אין דעם צפון׳דיגען טייל פון דער געוועזענער וואָלאָגדער גובערניע, און וועלכע האָבען געזאָלט נאָכ׳ן פאַרענדיגטען טערמין באַפרייט ווערען, האָט מען אין דער לעצטער מינוט געמאָלדען, אַז זיי ווערען ווידער פאַרשיקט אויף דריי יאָהר. מ׳האָט זיי געבראַכט קיין טשעליאַבינסק. די פאַרצווייפעלטע מענשען האָבען זיך אַליין באַגאָסען מיט קעראָסין און זיך אונטערגעצונדען. מ׳האָט זיי קוים געראַטעוועט פון טויט. דער ווייטערדיגער גורל פון די אומגליקליכע איז אונז ניט באַוואוסט.

ליידער, האָבען אַנדערע אַרעסטירטע סאָציאַליסטען געהאַט מעהר „ערפאָלג“ ביי די זעלבסטמאָרד־פאַרזוכען.

מיר ברענגען אייניגע באַזונדער טרויעריגע צופאַלען:

1. דעם 21טען דעצעמבער, 1923, האָט זיך גענומען דאָס לעבען אין דער באַריהמטער „אינערליכער טורמע“ פון דער מאָסקווער טשעקאַ דער באַקאַנטער עסער סערגיי מאָראָזאָוו. דאָס איז איינער פון די 12 באַוואוסטע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען אין 1921 פאַר׳משפּט געוואָרען צום טויט. דאָס איז געווען אַ מוטיגער מענש, פול מיט לעבען. געבאָרען איז ער געוואָרען אין אַ צאַרישער טורמע — אַ זוהן פון אַ רעוואָלוציאָנערקע. זעקס יאָהר האָט דער

מאָן פאַרבראַכט אין דער צאַרישער קאַטאָרגע. אָבער דאָס לעבען
אין די באָלשעוויסטישע טורמעס איז אַזוי ביטער, אַזוי גרויזאַם, אַז
אַפילו די נערוועז פון אַ מאָראָזאָוו האָבען ניט געקאָנט אויסהאַלטען.
ער האָט באַשלאָסען צו נעמען זיך דאָס לעבען, כדי מיט זיין זעלבסט־
מאָרד צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די אייראָפּעאישע סאָציאַ־
ליסטען אויף דער לאַגע אין די באָלשעוויסטישע טורמעס, אפשר
וועט דאָס העלפען צו פאַרבעסערען זייער גורל. ער האָט זיך מיט
אַ גלאָז אויפגעשניטען די אָדערען און, כדי די בלוט־פלעקען זאָלען
ניט צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די וועכטער, האָט ער צו־
שטעלט אין עטליכע ערטער כלים, וואוהין די בלוט זאָל אַראָפּטריפען.
דער פּלאַן איז געלונגען. אויף מאָרגען פריה האָט מען איהם גע־
פונען אַ טויטען אויף זיין בעט. די רעגירונג האָט אַ לענגערע צייט
געשוויגען וועגען דעם צופאַל. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָט
מען וועגען דעם געמאָלדען, און די „טשעקאַ“ איז געצוואונגען גע־
וואָרען צו פאַרלייכטערען דעם טורמע־רעזשים פאַר די איבעריגע
עלף אַרעסטירטע.

2. אין אָקטאָבער, 1923, האָט זיך אין שטעדטעל קעם, ביים
ווייסען ים, אויפגעהאַנגען דער יונגער סאָציאַל־דעמאָקראַט אַראָנאָ־
וויטש, 19 יאָהר אַלט. אין יולי 1922, איז דער 18־יעהריגער
אַראָנאָוויטש אַרעסטירט געוואָרען אַלס אַ מיטגליד פון דעם סאָציאַל־
דעמאָקראַטישען יוגענד־פאַרבאַנד און נאָך אַ לענגערען אַרעסט האָט
מען איהם פאַרשיקט קיין סאָליגאַליטש און פון דאָרטען קיין קעם.
דער אויסערגעוועהנליך פעהיגער אָבער זעהר נערוועזער אַראָנאָוויטש
האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגען דעם עלענדען איינזאַמען לעבען
אין דעם ווייטען צפון. די באַמיהונגען פון זיין מוטער אַריבערצו־
פיהרען איהם אין אַן אַנדער אָרט האָבען ניט געהאַט קיין ערפאָלג,
און ער האָט זיך גענומען דאָס לעבען.

3. אין יאָהר 1923 האָט זיך גענומען דאָס לעבען אין דעם
סאָלאָוועצקער קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער דער יונגער סאָציאַליסט־רע־
וואָלוציאָנער סאַנדאָמיר. די שרעקליכע באַדינגונגען אין סאָלאָווקי
האָבען איהם צובראָכען. ער איז געווען פאַרצווייפעלט און האָט
זיך שוין אַ לענגערע צייט אַרומגעטראָגען מיט׳ן געדאַנק פון זעלבסט־
מאָרד. דער טויט פון דעם יונגען באַגאַבטען רעוואָלוציאָנער האָט
געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק אויף די פאַרשיקטע.

דער אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַט יעגאָראָוו־ליזלאָוו, אַן אַרביי־
טער, וועלכער איז גראַדע דעם טאָג געווען דער סטאַראָסטא, האָט
זיך געריהרט פון זינען. (יעגאָראָוו־ליזלאָוו איז גוט באַקאַנט די
מאָסקווער אַרבייטער, אַ לענגערע צייט איז ער געווען אַ מיטגליד
פון מאָסקווער סאָוועט, ביז מען האָט איהם אין יאָהר 1922 פאַר־
שיקט קיין סאָלאָווקי). דעם פּסיכיש־קראַנקען האָט די אַדמיני־

סטראַציע פון לאַגער אַריבערגעפיהרט אויפ׳ן קאָנטינגענט, אָבער מ׳האָט איהם ניט באַפרייט און ווייטער געהאַלטען אין אַ טורמע־האָספּיטאַל. ווי נאָר זיין לאַגע האָט זיך אַביסעל פאַרבעסערט האָט מען איהם גלייך ווידער פאַרשיקט אין דעם ווייטען צפון.

דאַסזעלבע איז אויך פאָרגעקומען מיט די פּסיכיש־קראַנקע פאַר־שיקטע סאָציאַליסטען אין סאָלאָווקי — קריוקאָוו און יעפימאָוו, און מיט דער טאַבאַק־אַרבייטערין יעווגעניא באָגוסלאַווסקאַיאַ, וועלכע זיינען ניט באַפרייט געוואָרען, נישט קוקענדיג אויף זייער שווערער קראַנקהייט, וו אויך מיט דעם לינקען סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער פּאָפּאָוו אין דער בוטירקער געפענגניש.

אַזוי אַרום זעהען מיר, אַז אַפילו די סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען שוין אינגאַנצען ניט געפעהרליך פאַר דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, ווערען אויך ניט באַפרייט. מיר רעדען שוין ניט פון די פאַרשיקטע, וועלכע זיינען קערפּערליך קראַנק, ווי טובערקולאָזע־האַרץ־ליידענדע, אויגען קראַנקהייטען און אַזוי ווייטער. נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס אין אַ סך פאַלען איז דאָס פאַרבליבען אין די לאַגערען און טורמעס ממש אַ געפאַהר, איז נאָך קיין איינער פון די הונדערטער קראַנקע ניט באַפרייט געוואָרען. די פאַרהאַסטע סאָציאַליסטען מוזען **א ו י ס ג ע ר אָ ט ע ן** ווערען!

5. די סאָוועטישע רעגירונג פאַרענטפערט זיך.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַט דער איינציגער ווירק־ליכער צוועק פונ׳ם באָלשעוויסטישען טעראָר — אויסראָטען די סאָציאַליסטישע געגנער זייערע — ווערט קיינמאָל ניט עפענטליך אַנערקענט, כאָטש אַ סך גרעסערע און קלענערע טשעקיסטען שעהמען זיך ניט דאָס אָפען און ציניש אַרויסצוזאָגען אין פּריוואַטע געשפּרע־כען. פאַרקערט, פאַר די אייראָפּעאישע אַרבייטער, וועלכע הויבען אָן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער צו פּראָטעסטירען געגען דעם טעראָר אין רוסלאַנד, באַמיהען זיך די באָלשעוויסטישע זעלבסט־הערשער און זייערע באַצאָהלטע אַגענטען אין דער גאַנצער וועלט דאָס אָפּצו־לייקענען און צו פאַרענטפערען עס מיט פאַרשיידענע תירוצים.

דורך דעם באַקאַנטען באָלשעוויסטישען אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ־טין „אינפּרעקאָר“ ווערען אין אַלע אייראָפּעאישע קאָמוניסטישע צייטונגען פאַרשפּרייט אַרטיקלען, געפעלשטע „בריף“ פון כלומרשט פאַרשיקטע סאָציאַליסטען, פאָטאָגראַפישע בילדער און אַנדערע „דאָ־קומענטען“, וועלכע דאַרפען באַווייזען, אַז דאָס לעבען פון די אַרעס־טירטע סאָציאַליסטען אין די רוסישע טורמעס און לאַגערען איז אַן אמת׳ער גן־עדן.

עס איז איבעריג צו דערווייזען, אַז די אַלע מאַטעריאַלען, בריף

און פאָטאָגראַפיעס זיינען טענדענציעז אָדער פאַלש. צום גרעסטען טייל זיינען עס אויסצוגען פון דעם סאָרט בריף, וואָס יעדער פאַרשיקטער אָדער געפאַנגענער אין יעדען לאַנד שרייבט אמאָל צו זיינע קרובים, כדי זיי צו באַרוהיגען, כדי ניט צו פאַרשאַפען אומזיסטע שמערצען... ווייטער זיינען עס איינפאַכע פעלשונגען, געמאַכט נאָכ'ן באַקאַנטען מוסטער פון אַרויסנעמען אַ פּאָר שטעלען פון בריף, איבערדרעהען עס און „פיקסען" ווי געהעריג... די „טשעקאַ" קאָן די אַרבייט. די דאָזיגע „באַווייזען" געהערען צו יענעם מין „ציטאַטען", וועגען וועלכע מ'האָט אמאָל געזאָגט: „גיט מיר צוויי ערשטע בעסטע זאַצען פון „פאָטער אונזער" און איך וועל אייך באַווייזען, אַז דער אָנגעקלאָגטער, וואָס האָט זיי אַרויסגעזאָגט, מוז געהן אויפ'ן עשאַפאָט".

מיר וועלען דאָ געבען בלויז איין מוסטער פון די באָלשעוויסטישע פעלשונגען. פון אַ פּריוואַטען בריף פון איינעם פון די פאַרשיקטע אין סוזדאַל האָט דער „אינפּרעקאָר" אָפּגעדרוקט איין שטעלע, וואָס דאַרף באַווייזען, אַז די סוזדאַלער פאַרשיקטע ווינשען זיך נאָר, אַז מ'זאָל ביי זיי איינפיהרען דעם „סאָלאָוועצקען רעזשים"! דער „אינפּרעקאָר" קוועלט אָן פון נחת. אָבער ווען מ'באַקאַנט זיך נעהנטער מיט דער זאַך, ווייזט זיך אַרויס, אַז די פאַרשיקטע האָבען זיך באַנוצט מיט'ן אויסדרוק: „דער סאָלאָוועצקער רעזשים" אין אַ באַשטימטען זין. עס האַנדעלט זיך וועגען די באַזוכען פון די קרובים. אין דער צייט ווען סאָלאָווקי איז אין דעם פאַר־לעצטען זומער געווען אין דעם הינזיכט „ליבעראַל", — מ'לאָזט דאָרטען צו די קרובים אויף אַ באַזוך איין מאָל אין יאָהר, וואו זיי קאָנען פאַרבלייבען אַ גאַנצע וואָך,*) מאַכט די אַדמיניסטראַציע פון סוזדאַלער לאַגער גרויסע שוועריגקייטען די באַזוכער: מ'באַגרעניצט די צייט אויף עטליכע שטונדען, מ'רעווידירט די אַרעסטירטע און די געסט פאַר און נאָך יעדען באַזוך. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס די פאַרשיקטע אין סוזדאַל זיינען פלוצלונג געוואָרען אַזוינע פאַרעהרער פון „סאָלאָוועצקען רעזשים"!

ניט בעסער זיינען אויך אַלע אַנדערע „באַווייזען".

אַזוי, צום ביישפּיל, שרייבט איינער א. מאַדזשיאַר אין „אינפּרעקאָר", אַז די צאָהל פון אַ ל ע פּאָליטישע אַרעסטירטע, פון די מאָנאַרכיסטען ביז סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, באַטרעפט ניט

*) די „פּריווילעגיע" מיט וועלכער די סאָוועטישע רעגירונג איז אַזוי שטאָלץ איז אַן אַלטע טראַדיציע פון דער צאַריסטישער רוסלאַנד. אויך דאַמאָלסט האָט די פאַמיליע און קרובים ניט נאָר פון פּאָליטישע, נאָר אַפילו פון קרימינעלע פאַרשיקטע געקאָנט אין דער צייט פון באַזוך אין סיביר לעבען צוזאַמען מיט די פאַרשיקטע.

מעהר ווי פינף הונדערט. ער חזר'ט איבער די צאָהל עטליכע מאָל און שטרייכט עס אונטער. הייסט עס, אַז דאָס איז שוין ניט קיין דרוק פיהלער. אָבער מיט עטליכע טעג שפּעטער לייענען מיר אין דער אָפיציעלער „פּראַוודאַ“ אַ לייט־אַרטיקעל, אין וועלכען די צאָהל פון פאַרשיקטע ווערט אָנגעגעבען אַלס טויזענד פינף הונדערט!*)

אינטערעסאַנטער פון אַלץ זיינען די פאָטאָגראַפישע בילדער פון „אינפּרעקטאָר“. מ'זעהט דאָרטען שעהנע לאַנדשאַפטען פון די סאָלאָוויעצקער אינזלען, די אַלטע קלויסטערס פון סוזדאַל, פאָטאָגראַפיעס פון שעהנע מעבלירטע צימערען מיט ווייכע מעבעל, מיט דער אונטערשריפט: „קאַמערען פאַר די פאַרשיקטע“, שעהנע שאָטענדיגע אַלעען און אַזוי ווייטער.

זייטיגע מענשען, בפרט אויסלענדער, אַז זיי דערזעהען דאָס, ווערען זיי ממש נשתומם. אָבער ווען מ'נעהמט די זאַך באַטראַכטען נעהענטער. הויבט מען אָן אַביסעל צווייפלען.

פיהער פאַר אַלץ, וואָס פאַר אַ שייכות האָבען די אַלע שעהנקייטען פון די לאַנדשאַפטען מיט דער ווירקליכער לאַגע פון די פאַרשיקטע? זיינען דאָך קאַיענע און גוויאַנאַ אויך גאַנץ שעהנע געגענדען. האָבען אָבער דען די הענקער פון די פאַריזער קאָמונאַרען ווען עס איז מיט אַזאַ ציניזם באַריהמט זיך מיט דער נאַטור־שעהנקייט פון די געגענדען, וואוהין ס'זיינען פאַרטריבען געוואָרען די העלדישע רעוואָלוציאָנערען?

און די רייך מעבלירטע „קאַמערען“! די פלינקע חברה־לייט האָבען, נעבאַך, פאַרגעסען צו פאַרטושירען איינינע קליינינקייטען פון די רייך מעבלירטע קאַמערען. און אַזוי זעהען מיר טאַקע אין איינער פון די קאַמערען אויף סאָלאָווקי ליגענדיג אויפ'ן טיש אַ צייטונג, מיר קאָנען זאָגאַר דייטליך איבערלייענען דאָס קעפּעל. דאָס איז די צייטונג... „ראָסיאַ“, וועלכע ס'האָט אין יאָהר 1912 ארויסגעגעבען דער צאַרישער מיניסטער פּרעזידענט סטאָליפּין! ס'איז

*) אין דער ווירקליכקייט אָבער איז די צאָהל פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין די סאָוועטען רעפּובליקען אַ היבש ביסעל מעהר, ווען מ'זאָל אויסער די פאַר'משפּט'ע דורכ'ן „געריכט“ צוגעבען די אומגעהייער גרויסע צאָהל אַדמיניסטראַטיוו אַרעסטירטע און פאַרשיקטע. די סאָוועטישע רעגירונג האָט קיינמאָל ניט אָנגעגעבען גענויע ציפערען. פעסטשטעלען די ריכטיגע צאָהל פון אַלע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע איז אוממעגליך, ווייל די אַרעסטען ווערען דאָך געמאַכט געהיים. און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קאָנען קאָנטראָלירען נאָר די נאָהענטערע מיטגלידער, וועלכע זיינען פאַר'ן אַרעסט געווען פאַרבונדען מיט זיי. אַלע איבעריגע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע, — און דאָס איז טאַקע די מעהרהייט — קאָנען פון פּריוואַטע מענשען ניט רעגיסטרירט און ניט אונטערשטיצט ווערען.

קיין שום צווייפעל ניט, אַז די אַלע פּאָטאָגראַפיעס פון סאָלאָווקי, זיינען אַלטע פּאָטאָגראַפיעס, זיי שטאַמען פון דער צייט, ווען סאָלאָווקי איז נאָך געווען אַ רייכער און גוט איינגעאָרדענטער קלויסטער. די רייך מעבלירטע צימערען זיינען דאַמאָלסט קיין קאַמערען ניט געווען, נאָר דירות פאַר די הויכגעשטעלטע גלחים! אויך די פּאָטאָגראַפיעס פון סוזדאַלער קלויסטער זיינען אויפ'ן זעלבען שטייגער געפעלשט.

דאָסזעלבע איז אויך מיט די „אָביעקטיווע אָפיציעלע באַריכטען“ וועלכע די סאָוועטישע פּרעסע האָט אָפּגעדרוקט אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד וועגען דער „אינספּעקציאָנס־רייזע“ פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע קיין סאָלאָווקי. מיט קיין איין וואָרט ווערט דאָרטען ניט דערמאָנט וועגען דער שרעקליכער טראַגעדיע פון 19טען דעצעמבער, 1923, און וועגען דעם הונגער־סטרייק אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער, 1924. דערפאַר אָבער לייענען מיר דאָרטען אַ לויב־געזאַנג צו דער סאָוועטישער רעגירונג פאַר איהרע גוטע מעשים און גרויסמוטיגקייט צו די אַרעסטירטע סאָציאַליסטען. מ'זידעלט די סאָציאַליסטען, וועלכע באָדען זיך דאָרטען ממש אין וואוילטאָג און האָבען נאָך די חוצפּה צו פאַרלאַנגען אַזוינע זאַכען, ווי בעסערע שפּייז, עלעקטרישע ליכט אַ גאַנצע נאַכט, אומבאַגרענצטע צייט צום שפּאַצירען איבער'ן טורמע־הויף, וואָס איז פאַרצאַמט מיט שטעכיגע דראָט...

די רוסישע סאָציאַליסטישע פּרעסע אין אויסלאַנד האָט מיט פאַקטען באַוויזען, אַז די אַלע „אומדערהערטע פאָדערונגען“ פון די פאַרשיקטע קיין סאָלאָווקי זיינען געווען פאַרווירקליכט אין דער צאַרישער קאַטאָרגע (אַפילו אין שליסעלבורג און קאַרע), ד. ה. אַז די „פּאָטערליכע זאָרג“ פון דער סאָוועטישער רעגירונג איז אַ סך הינטערשטעליג אַפילו געגען דעם ניט צו „וויכען“ צאַרישען טורמע־רעזשים.*)

---

*) אויסער די אַלע טענדענציעזע באַהויפּטונגען און פעלשונגען האָבען מיר דאָרטען פּערל פון הער קראַסיקאָוו אַליין, דעם פיהרער פון דער קאָמיסיע. ס'רעדט זיך וועגען דעם „אונמאָראַלישען אַרט לעבען“, וואָס די פאַרשיקטע פיהרען. דערזעלבער טאָן מיט וועלכען די רעאַקציאָנערע פּרעסע אין רוסלאַנד האָט געשריבען וועגען דער „פרייער ליבע“ ביי די רוסישע רעוואָלוציאָנערען. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דער אַדעלמאַן קראַסיקאָוו, איצט אַ סאָוויעטישער פּראָקוראָר, דער הויכגעשטעלטער היטער פון מאָראַל אין דער סאָוויעטישער רעפּובליק, איז אַליין באַשולדיגט געוואָרען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין גנבה, שיכרות און אומאַנשטענדיגען באַנעהמען זיך געגען פרויען.
(סאָציאַליסטיטשעסקי וועסטניק" 1925, נומער 1).

6. — דער אייראָפּעאישער סאָציאַליזם און דער רוסישער טעראָר.

די שטענדיגע סימפּאַטיעס פונ׳ם אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט זיך נאָך דער מערץ רעוואָלוציע פון יאהר 1917 פאַרוואַנדעלט אין אַן אמת׳ער באַגייסטערונג און האָט דערגרייכט איהר העכסטען פּונקט אין די יאָהרען 1918—1919, ווען די פאַרשטאַרקטע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אייראָפּאַ איז צוזאַמענגעפאַלען מיט דעם פּעריאָד פון אויסערליכען ערפאָלג פון דעם „פאָלשטענדיגען קאָמוניזם“ אין רוסלאַנד. רוסלאַנד איז אָפּגעטיילט געווען פון דער גאַנצער וועלט מיט אַ דאָפּעלטען מויער פון דער אימפּעריאַליסטישער בלאָקאַדע פון די מערב־אייראָפּעאישע מלוכות און דער טעראָריסטישער צענזור פון די באָלשעוויקעס. די אַרבייטער־מאַסען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע האָבען געהאַט גאָר אַ שוואַכען באַגריף וועגען דער ווירקליכער לאַגע אין רוסלאַנד. אָבער זיי האָבען געהערט, אַז אין דעם לאַנד איז אויפגעשטעלט געוואָרען די „הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט און סאָציאַליזם“, אַז מיט איין קלאַפּ זיינען דאָרטען פאַרווירקליכט געוואָרען די שעהנסטע טרוימען פון סאָציאַלער גלייכהייט און פרייהייט.

און וואָס גרעסער עס איז געוואָרען דער שרעק פון דער אייראָפּעאישער בורזשואַזיע פאַר דער רעוואָלוציע אין אייראָפּאַ, וואָס מעהר שנאה און צאָרן ס׳האָט זיך אָנגעקליבען ביי די קאַפּיטאַליסטען געגען די „אומגעהייערע פאַרברעכענס פון דעם באָלשעוויסטישען גיהנום“, וועלכע האָבען געוואַגט אָפּצונעמען ביי די הערשענדע קלאַסען די גיטער, די פּאַלאַצען, די פאַבריקען און קוילען־גרובען, און „צוטיילען“ עס צווישען דעם המון, דעם „מאָב“, אַלץ מעהר האָט זיך פאַרפעסטיגט ביי די אייראָפּעאישע אַרבייטער דער גלויבען אַז אין רוסלאַנד איז אין דער אמת׳ן פאָרגעקומען אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. און וואָס ווייניגער קלאַסענבאַוואוסט און אָרגאַניזירט ס׳זיינען געווען געוויסע טיילען פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס פאַר דער מלחמה און דער רעוואָלוציע, וואָס מעהר זיי האָבען זיך געפונען אונטער׳ן איינפלוס פון „קריסטליכע“ געלע אָדער אַנטי־סאָציאַליסטישע שטימונגען, אַלץ שטאַרקער איז געווען זייער גלויבען אין באָלשעוויזם. דער גלויבען האָט אָנגענומען אַ מין רעליגיעזע פאָרם: אַ „נס“ איז געשעהן!

אָבער אויך די מעהר באַוואוסטזיניגע טיילען פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָבען דורכגעמאַכט אַ לאַנג־יעהריגע ערציהונג פון פּראָפּעסיאָנעלען און פּאָליטישען לעבען, זיינען אין דעם מאָמענט מיטגעשלעפּט געוואָרען מיט׳ן באָלשעוויסטישען שטראָם.

דער פאַקט, אַז אַ ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי באַהערשט אַ גרויסע מאָדערנע מלוכה און האָט דאָרטען איינגעפיהרט די סיסטעם פון פאָלשטענדיגען קאָמוניזם, איז געווען איבערצייגענדער, ווי אַלע טעאָרעטישע חקירות און צווייפלען.

און דאָ זעהען מיר טאַקע קלאָר דעם צווייעדיגען כאַראַקטער פון רוסישען באָלשעוויזם: אין דער צייט ווען אין רוסלאַנד זיינען שוין דאַמאָלסט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אַרויסגעטראָטען די רעאַקציאָנערע שטריכען פון באָלשעוויסטישען אוטאָפּיזם, האָט אָבער אין אייראָפּע דער אוטאָפּיזם אין אַ געוויסער מאָס געהאַט אַ רעוואָלוציאָניזירענדע ווירקונג; ער האָט פאַרשפּרייט רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע שטימונגען צווישען די ברייטע אַרבייטער־מאַסען.

דאָס איז אויך די אורזאַכע פון די באָלשעוויסטישע שטימונגען ביי אַ סך סאָציאַליסטישע פיהרער אין אייראָפּע, וועלכע שטעהען טעאָרעטיש זעהר ווייט פון אַ לענין אָדער בוכאַרין.

דעריבער איז אין יענער צייט די פראַגע וועגען סאָוועט־רוסלאַנד אין יעדען איינצעלנעם לאַנד געוואָרען אַ פראַגע פון „א י נ ע ר ל י כ ע ר פּאָליטיק“, אַ שטרייט־פּונקט אין דעם קאַמף צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז דער באַליבטער באָלשעוויסטישער פּזמון פון די יאָהרען 1919—1920, אַז סאָוועט־רוסלאַנד איז אַ פּראָלעטאַריש שעפעלע, וואָס איז אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט אַ סטאַדע קאַפּיטאַליסטישע וועלף — איז קיינמאָל ניט געווען אינגאַנצען ריכטיג.

די שטעלונג פון דעם קייזערליך־דייטשען אימפּעריאַליזם אין יאָהר 1917, ווי אויך די ענגלישע פּאָליטיק אין דער צייט פון אינטערווענציע אין די יאָהרען 1919—1920 האָבען קלאָר באַוויזען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען זיינען שוין גאָר ניט אַזוי פיינדליך געווען געגען דעם קאָמוניזם א י ן ר ו ס ל אַ נ ד.*) אָבער אין דעם רעוואָלוציאָנערען שטורם און דראַנג פון די יאָהרען 1918—1920, ווען אין גאַנץ אייראָפּע האָט זיך געוואָקעלט דער באָדען אונטער דעם קאַפּיטאַליזם, און די אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט זיינען

*) שוין ניט רעדענדיג וועגען דער פּאָליטיק פון דייטשלאַנד, ווייסען מיר שוין איצט פון די פאַרעפענטליכטע אָפיציעלע דאָקומענטען, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט ניט געשטיצט די ווייסע אַרמעען מיט אַ פולער האַנד, אַזוי, ווי זי וואָלט געקאָנט. זי האָט באַוואוסטזיניג ניט געגעבען גענוג פינאַנציעלע און מיליטערישע הילף, אַזוי אַז די גענעראַלען יודעניטש, דעניקין, קאָלטשאַק און וראַנגעל זאָלען טאַקע יאָ קעמפען געגען די באָלשעוויקעס, אָבער קיינמאָל ניט קענען ב אַ ז י ג ע ן ז י י! רוסלאַנד זאָל אַזוי אַרום אויף אַ לענגערער צייט ווערען אויס קאָנקורענט אין אַזיע.

פאַרבלענדעט געווען פון דער „ערפאָלגרייכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד“, אין יענע יאָהרען זיינען אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט יאָ געווען גאַנץ שטאַרקע שטרעמונגען, וועלכע האָבען געוואָלט פאַרניכטען דעם „נעסט פון דער וועלט־רעוואָלוציע“ אין רוסלאַנד דורך אַ באַוואָפענטער אינטערווענציע און אַ הונגער־בלאָקאַדע.

די פראַגע וועגען אינטערנאַציאָנאַלער אַנערקענונג אָדער קאַמף געגען דער רוסישער רעוואָלוציע איז געוואָרען אַ וויכטיגע שטרייט־פראַגע צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע פון דער גאַנצער וועלט.

דאָ איז די רעוואָלוציע, דאָרטען די רעאַקציע !...

אַזוי איז דאָס יעמאָלט געווען אין מאַנכע לענדער. אָבער די צייט איז שוין לאַנג אַוועק.

דער שרעק פאַר דער אייגענער רעוואָלוציע איז פאָראיבער. די מורא פאַר דעם „רעוואָלוציאָנערען נעסט אין רוסלאַנד“ איז אונטער דעם דרוק פון נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטליכע און פּאָליטישע אינטערעסען אָפּגעטראָטען ווייט צוריק. די רעגירונגען, וועלכע האָבען אין די יאָהרען 1919—1920 זייער שטרעבען נאָך ווירטשאַפטליכען „איינפלוס“ אין רוסלאַנד געוואָלט פאַראייניגען מיט אַ „הייליגער מלחמה“ אויף צו „ראַטעווען די ציוויליזאַציע“ פון דער „באָלשעוויסטישער באַרבאַריי“, זוכען איצט צו דערגרייכען זייערע עקאָנאָמישע צילען אויף אַ פ ר י ד ל י כ ע ן אופן. זיי אונטערהאַנדלען מיט די באָלשעוויקעס וועגען די חובות, קאָנצעסיעס, האַנדעלס־אָפּמאַכען, אויל, קוילען־גרובען און אַזוי ווייטער.

דאָס שטרעבען צו עקספּלואַטירען די אומגעהייער גרויסע נאַטירליכע רייכטימער פון רוסלאַנד, צו באַקומען שליטה איבער פּלאַטין, קעראָסין, פלאַקס, האָלץ, רויכוואַרג צו פאַרלויפען דעם וועג די אַנדערע קאָנקורענטען, — דאָס אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ סך שטאַרקער ווי דער האַס געגען סאָציאַליזם און די טרייקייט צו די „הייליגסטע יסודות“ פון „אייגענטום און אָרדנונג“.

אַזוי זיינען מיר געקומען צו דער עפּאָכע פון „אַנערקענונג“, וועלכע טרעט איצט אַריין אין איהר אַנטשיידענער לעצטער פאַזע. דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל זוכט איצט דורך פריינדשאַפטליכער „פאַרשטענדיגונג“ מיט די באָלשעוויקעס, וועלכע ווערט פאַרפעסטיגט דורך קלענערע און גרעסערע הלוואות, צו פאַרזיכערען זיך עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין רוסלאַנד. ער ספּעקולירט אויף דער נאָכגיביגקייט פון דעם דיקטאַטאָרישען מלוכה־אַפּאַראַט, וועלכער איז דורכ'ן טעראָר קאָרופּטירט געוואָרען, און איז פריי פון וועלכען ניט איז עפענטליכען קאָנטראָל.

אין דער זעלביגער צייט איז די סיסטעם פון טעראָר, די אבסאָ־

לוטע רעכטלאָזיגקייט פון אַלע ניט־קאָמוניסטישע שיכטען פון דער באַפעלקערונג, און פריהער פאַר אַלץ, פון דעם אַרבייטער־קלאַס, ניט נאָר ניט קלענער געוואָרען אין רוסלאַנד, נאָר פאַרקערט, פיל שטאַרקער געוואָרען, איידער אין די צייטען פון בירגער־קריג און בלאָקאַדע.

איצט, ווען די אייראָפּעאישע רעגירונגען האָבען געענדערט זייער פּאָליטיק און געהען אַריבער צו דער טאַקטיק פון פאַרשטענדיגונג, יורידישער אַנערקענונג, פרידליכער „ווירטשאַפטליכער דורכנעהנטע־רונג", האָבען זיך אויך געענדערט די אויפגאַבען פון די אייראָפּעאישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין דער רוסישער פראַגע.

שוין נישטאָ מעהר דער גראַנדיעזער קאַמף פאַר דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַנערקענונג פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער רעוואָ־לוציע דורך דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אָנשטאָט דעם קאַמף האָבען מיר איצט פּראָזאאישע פּראַקטישע פראַגען וועגען חובות, קאָנצעסיעס, און אַזוי ווייטער. די פּראָבלעם פון אינטערנאַציאָ־נאַלער סאָלידאַריטעט פון אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט צו דעם רוסישען פאָלק, קען זיך אויסדריקען איצט אין דער פאָרם פון קאַמף געגען די צו גרויסע פאָדערונגען פון דער אייראָפּעאישער בורזשואַזיע, וואָס זי שטעלט צו דעם פאַראָרימטען רוסלאַנד, צוליב די אַלטע חובות. מען מוז זיך דערשלאָגען אַזוינע באַדינגונגען פון אַנער־קענונג, וואָס זאָלען ניט האָבען קיין רעאַקציאָנערען כאַראַקטער און ניט פאַרשקלאַפען עקאָנאָמיש דעם רוסישען פאָלק.

די רוסישע פראַגע שטעהט איצט שוין ניט אַזוי שאַרף, ווי אַמאָל. זי האָט פאַרלאָרען איהר רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער, און דאָס ניט מחמת דעם, ווייל די בורזשואַזיע האָט שוין אויפגעהערט צו שרעקען זיך פאַר דער רעוואָלוציע, און האָט אויפגעגעבען איהרע אימפּעריאַ־ליסטישע פּלענער געגען רוסלאַנד, נאָר אויך מחמת דעם, וואָס די רעוואָלוציאָנערע צוציהונגס־קראַפט פון דעם רוסישען באָלשעוויזם ביי דעם אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט איז, אַ דאַנק דעם „נעפּ" און דער טאַקטיק פונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, געזונקען ביז דער טיפסטער מדרגה.

אין דעם הערויאישען פעריאָד פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָ־לוציע, ווען זיי האָבען געקעמפט געגען אַ „גאַנצער וועלט שונאים", האָבען מיר אין דער אייראָפּעאישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געהאַט אַ סך חברים, וועלכע האָבען געגלויבט, אַז אין דעם קאַמף געגען דעם באָלשעוויסטישען טעראָר דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג, כדי ניט צו שאַפען מאַטעריאַל פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק פון באַוואַפענטער אינטערווענציע, כדי ניט אָפּצושוואַכען די פּאָזיציע פון אַרבייטער־קלאַס אין זיין א י י ג ע נ ע ם רעוואָלוציאָנערען קאַמף.

עס איז איצט קלאָר געוואָרען אויך פאַר די אָנהענגער פון אַ „פאָרזיכטיגער" און „אָביעקטיווער" פּאָליטיק געגען די באָלשעוויקעס,

אַז דער באָלשעוויסטישער טעראָר קאָן בשום אופן ניט בארעכטיגט ווערען, אַז ער קאָן ניט פאַרענטפערט ווערען מיט קיין שום נויטווענדיגקייט פון אַ „שוואַכער רעגירונג“ צו פאַרטיידיגען זיך געגען איהרע פיינד; עס איז זיי קלאָר געוואָרען, אַז די *איינציגע* סיבה פון טעראָר איז די שטרעבונג פונ׳ם באָלשעוויסטישען אַפּאַראַט צו *אַן אומבאַגרענעצטער הערשאַפט*!

גלייכצייטיג הויבען שוין אָן די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטען צו באַגרייפען דעם אינערליכען צוזאַמענהאַנג צווישען דעם טעראָריסטישען רעזשים פון די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד און דער פאַררעטערישער טאַקטיק פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע איז איצט די גרעסטע שטערונג צו פאַראייניגען דעם ארבייטערקלאַס אין אייראָפּע. די קאָמוניסטען שטרעבען נאָך אַן אומבאַגרענעצטער, אַבסאָלוטער הערשאַפט איבער׳ן פּראָלעטאַריאַט. פאַר זיי זיינען אַלע מיטלען כשר, אַבי נאָר זיי פיהרען זיי צו זייער „הייליגען־ציל; דעריבער זיינען אַלע ניט־קאָמוניסטישע טיילען פון פּראָלעטאַריאַט קלאַסען־פיינד, „דער לינקער פליגעל פון דער בורזשואַזיע“ (ווי זינאָוויעוו האָט ערקלערט), וועלכע מ׳דאַרף באַקעמפען, אין דער צייט ווען מיט דער בורזשואַזיע פיהרט מען אונטערהאַנדלונגען, שליסט מען האַנדעלס־אָפּמאַכען, מאַכט מען געשעפטען א. ד. גל.

דער אייראָפּעאישער פּראָלעטאַריאַט וועט קיינמאָל ניט קענען בייקומען די קאָמוניסטישע שפּאַלטונג, כל זמן עס וועט ניט פאַרניכטעט ווערען דער נעסט, וואָס דערנעהרט און שפּייזט גייסטיג, פּסיכאָלאָגיש און מאַטעריעל די שפּאַלטונגס־ארבייט — דאָס איז *די אַנטי־סאָציאַליסטישע דיקטאַטור אין רוסלאַנד*.

אַזוי אַרום זעהען מיר, אַז די פראַגע פון באָלשעוויסטישען טעראָר הערט אויף צו זיין אַ ריין־רוסישע אַנגעלעגענהייט. זי פאַרוואַנדעלט זיך אין אַן *אַלגעמיינער אייראָפּעאישער פּראָבלעם פון דעם גאַנצען ארבייטערקלאַס*.

דער באָלשעוויסטישער טעראָר אין גרוזיע

אין גרוזיע, קאווקאז, האָט דער קאָמוניזם קיינמאָל ניט געהאט קיין באדייטענדען איינפלוס. די באָלשעוויקעס האָבען דארט שטענדיג געהאָט ניט מעהר ווי א הייפעל אָנהענגער. דער ארבייטער־קלאָס, אלס גאנצעס, צוזאמען מיט די פויערים, האָבען שטענדיג נאָכגעפאָלגט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (די „מענשעוויקעס"), סיי פאַר דער רעוואלוציע, סיי נאָך דער רעוואלוציע. די סאציאלדעמאָקראטישע פארטיי האָט עס אָנגעפיהרט די באוועגונגען אין די צוויי רעוואלוציעס פון 1905 און 1917. די סאציאל־דעמאָקראטישע פארטיי, וועלכע האָט געצויגען אכציג (80) פראצענט שטימען אין די לעצטע פרייע, אלגעמיינע נאציאָנאלע וואהלען, (אין 1919-20), איז געשטאַנען אן דער שפיץ פון דער אונאָפהענגיגער גרוזינישער רעפובליק.

די וויכטיגע ארבייט, וואס דיזע פארטיי האָט אויפגעטאָן — איינגעפיהרט דעמאָקראטישע רעפאָרמען, פארטיילט די ערד צווישען די פויערים, נישט באצאָהלענדיג קיין שאדענערזאץ צו די פריצים, ארגאניזירט אויף א גרויסען מאסשטאב די עקאָנאָמישע עובדא׳ס פון דער צענטראלער רעגירונג און פון די פראווינצען (זעמסטוואָס), איינגעפונדעוועט די פאָליטישע רעכטע און פרייהייטען — דאָס אלעס האָט נאָך מעהר פארשטארקט די אלגעמיינע סימפאטיעס פונ׳ם פאלק צו די מענשעוויקעס. די קאָמוניסטישע איבערקעהרעניש אין רוסלאנד און איהרע שוידערליכע רעזולטאטען האָבען נאָך שטארקער איבערצייגט דאס גרוזינישע פאָלק, אויף וויפיל בעסער עס איז צו האָבען א דעמאָקראטישע רעגירונג.

אָט דאָס האָבען די מאָסקווער באָלשעוויקעס ניט געקענט פארטראָגען. די דעמאָקראטיע פון גרוזיע איז געוועז א מין „קאָנטראסט", וואס האָט צו שארף און בולט ארויסגעבראכט די פארברעכענס פון די סאָוויעטישע עקספערימענטען. אָט דעריבער האָט „מאָסקווע" כסדר געזוכט צו שאפען פארשידענע שוועריגקייטען און צרות פאַר דער דעמאָקראטישער רעפובליק פון גרוזיע, העצענדיג צו צוזאמענשטויסונגען ביים גרענעץ און סטאַרענדיג זיך אויפצובורען אומרוהען אינעווייניג, אין גרוזיען גופא.

די אלע פארזוכען זיינען ניט געלונגען. דעם 7טען מאי, 1920, האָט די מאָסקווער רעגירונג פייערליך אנערקענט די אומאפהענגיג־

קיים פון גרוזיע און זיך פארפליכטעט צו אכטען איהר אלס א באזונ־דער מלוכה.

אָבער אין מיטען פון דעמזעלבען מאָנאט זיינען די רויטע מחנות, נאָכדעם ווי זיי האָבען מיט געוואלט ארויפגעצוואונגען דעם סאוויעט־רעזשים אויף אזערבאדזשאן (באקו), אוועקגעמארשירט אויף טיפליס אום צו פארניכטען די גרוזישע רעפובליק, וועלכע די סאוועט רעגי־רונג האָט ערשט נאָר וואס אנערקענט. די רויטע מחנות זיינען צו־ריקגעשטויסען געווארען, א נייער פרידענס־אָפּמאך איז אונטערגע־שריבען געווארען (אין אָקטאָבער, 1920) און מ׳האָט גענומען פאר־האנדלען וועגען די אויל־קוואלען אין באקו און אנדערע ענינים מיט דעם צוועק צו קריגען פאר רוסלאנד גרויסע עקאָנאָמישע קאָנצע־סיעס אין קאווקאז. אין הערבסט פון דעמזעלבען יאהר איז געשלאָ־סען געווארען אן עקאָנאָמישער אפמאך. און דאָך, אין דערזעלבער צייט האָט ה ע ק ק ע ר, דער הויפט־קאָמאנדיר פון דער צווייטער סאוויעטישער ארמיי אין באקו, געשיקט נאָך מאָסקווע א באריכט וועגען דעם צאָהל חיל, וואס איז נויטיג אויף א י י נ צ ו נ ע מ ע ן ג ר ו ז י ע. און די סאוויעט רעגירונג האָט זיך צוגעגרייט פאר דעם.

דעם 11טען פעברואר, 1921, ס׳הייסט פופצעהן טעג נאָכדעם ווי גרוזיע איז פאָלשטענדיג אנערקענט געווארען פון די אייראפייאישע מלוכות, האָבען די מאָסקווער סאָלדאטען, אָהן שום קריגס־ערקלערונג, פּלוצלינג אטאקירט די גרוזינישע גרענעצען פון פיר זייטען. טראַ־גענדיג זייערע רויטע פאָהנען מיט די הייליגע ווערטער „ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך!״, האָבען די מאָסקווער אימפּע־ריאליסטען דערשטיקט די קליינע סאציאליסטישע רעפובליק, פאר־ניכטעט די הערשאפט פון דעמאָקראטיע, אויפגעלייזט די גרינדונג־פארזאמלונג, אפגעשאפט אלע אינסטיטוציעס און פאָסטענס פון זעלבסט־פארוואלטונג, וואס זיינען ערוועהלט געווארען פון פאָלק, און דאן האָבען זיי ארויפגעצוואונגען אויף די גרוזינישע ארבייטער און פויערים די דיקטאטור פון זייערע ביקסען און באַיאָנעטען.

אין די ערשטע טעג פון זייער אריינדרינגען האָבען די מאָס־קווער שלוחים זיך געסטאַרעט צו זיין ווייך און גוט צו די גרוזינער און געמאַכט אלערליי פריינדליכע פארשפרעכונגען. זייער אויבער־האר, לענין, האָט צו זיי געשריבען א בריף, וועלכען זיי האָבען זיך געאיילט אָפּצודרוקען. אין יענעם בריף האָט זיי לענין געגעבען צו פארשטעהן, זיי זאלען ניט באגעהן דיזעלבע פעהלערן, וואס די אמאָליגע צארישע רעגירונג האָט געמאכט. מ׳דארף זיך רעכענען, — האָט ער זיי געזאָגט, — מיט די אָרטיגע אומשטענדען און דע־ריבער מוזען די גרוזינישע קאָמוניסטישע הערשער זיך זעהן אויס־גלייכען מיט איניגע מענשעוויסטישע גרופּען (פון זשאָרדאניא׳ס חדר).

האָט דער טיפליסער רעווקאָם*) פּראָקלאַמירט אַן אַמנעסטיע פאַר די יעניגע, וואָס האָבען געקעמפט געגען די מאָסקווער חילות, און פאַרשפּראָכען צו געבען פרייהייט פאַר פּאָליטישע פּאַרטייען און אָפּהיטען פאַר'ן פאָלק די אומאָפּהענגיגקייט פון גרוזיע.

אַזוי האָבען זיי ג ע ז אָ ג ט, אָבער געהאַנדעלט האָבען זיי גאַנץ אַנדערש. גלייך פון אָנפאַנג האָבען די באָלשעוויקעס זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פ אַ ר נ י כ ט ע ן אַ ל ע פּ אַ ר ט י י ע ן. זיי האָבען אונטערדריקט די פּרעסע, פאַרנומען די דרוקערייען און אַנדערע געביידעס, וואָס האָבען באַלאַנגט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אַלס איינער פון די ערשטע קרבנות איז געפאַלען דער גענע־ראַל אַקעטעלאַשווילי, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט: ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרען אין רוסלאַנד און איז געשטאָרבען אין פאַרשיקונג.

ניט אַכטענדיג אויף די ערשטע מיאוסע מעשים פון די באָלשע־וויקעס, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון גרוזיע נאָך אַלץ געפאָדערט, עס זאָלען אָפּגעהיט ווערען די געמאַכטע הבטחות. אויף דער ערשטער און לעצטער געזעצליכער פאַרזאַמלונג פון דיזער פּאַרטיי, ביי וועלכער עס איז אָנוועזענד געווען דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, דער טיפליסער קאָמיטעט און די אָנגעזעהענסטע לייט פון דער ראַיאָנג (3,000 פּערזאָן אַרום און אַרום), איז דורכגעפיהרט געוואָ־רען אַ רעזאָלוציע, וואָס ערקלערט פאָלגענדעס: די קאָמוניסטישע רעגירונג אין גרוזיע איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרען דורך די אויסלענ־דישע חיל, וואָס האָבען אַריינגעדרונגען מיט געוואַלד אין לאַנד. פון דעסטוועגען, אויב די נייע מאַכט וועט האַלטען איהרע פאַרשפּרע־כונגען, ד. ה. אָפּהיטען די אומאָפּהענגיגקייט פון גרוזיע, די פרייהייט פון וואַהלען און די רעכט פון פּאַרטייען צו עקזיסטירען, דאַן איז די גרוזינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צופרידען אַנטייל צו נעמען אין אַלע צווייגען פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט. וואָס אַנבאַלאַנגט דעם גורל פון לאַנד, אונטער וואָס פאַר אַ רעגירונג זי זאָל פאַרבלייבען, וועט עס דאַרפען באַשטימט ווערען דורך אַ רעפע־רענדום פונ'ם גרוזינישען פאָלק, אונטער דער אויפזיכט פון אַ קאָמי־סיע, צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרטרעטער פוןביידע אינטערנאַציאָ־נאַלען (דעם קאָמוניסטישען און סאָציאַליסטישען).

דיזע חלומות זיינען באַלד פאַרשוואונדען. אַלס ענטפער אויף דער גרייטקייט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען צו אַרבייטען צוזאַמען מיט דער קאָמוניסטישער רעגירונג, האָבען די קאָמוניסטישע אַגענטען זיך ענטזאָגט אָנצונעמען די דערמאָנטע פאָרשלאָגען און אַביסעל שפּעטער האָבען זיי דאָרט באַשאַפען אַ „טשעקאַ".

*) רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט. ער איז באַשטימט פון מאָסקווע ניט געוועהלט, און האָט די גאַנצע רעגירונגס־מאַכט אין זיינע הענט.

1. די ערשטע אַרעסטען.

די טשעקאַ איז אַריינגעטראָטען אין מאַכט דורך אַ פּראָקלאַמאַציע. דעם 29טען אַפּריל, 1921, איז אין דער שטאָדט קוטאַאיס געוואָרפען געוואָרען אַ באָמבע אויף דעם וואַגאָן פון אַ קאָמוניסטישען פאָלקס־קאָמיסאַר. אין דער באָמבע איז ניט געווען קיין אמת'ער אויפרייס־שטאָף. אָבער די קאָמוניסטישע ציי‌טונגען האָבען גענומען גיסען פּעך און שוועבעל אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

דער „אַטענטאַט” אויפ'ן קאָמיסאַר איז געווען ניט מעהר ווי אַ שטיקעל אַרבייט פון דער „טשעקאַ”. אָבער די קאָמוניסטען האָבען די שולד געוואָרפען אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. עס האָבען גענומען פליהען טעלעגראַמען איבער גאַנץ גרוזיע מיט באַפעהלען, און ס'זיינען גלייך געמאַכט געוואָרען אַרעסטען. אין קוטאַאיס'ער גובערניע אַליין האָט מען אין די ערשטע עטליכע טעג אַרעסטירט ביז 1,200 מאַן.

דעם אמת־שולדיגען, דעם וואַרפער פון דער באָמבע, האָט מען קיינמאָל ניט געפונען, און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדליך. מ'האָט אַפילו אויסגעמידען צו באַשולדיגען די אַרעסטירטע אין וואַרפען די באָמבע, וואָרים די פּראָוואָקאַציע איז געווען צו־אָפען, יעדער איינער האָט עס געקאָנט קלאָר זעהן. און דאָך זיצען נאָך עד היום אַ סך פון יענע לייטע, וועלכע זיינען דאַן אַרעסטירט געוואָרען; אַנדערע זיינען איבערגעפיהרט געוואָרען אין די קאַלטע טורמעס אין רוסלאַנד, אָהן שום אָפיציעלע באַשולדיגונגען. אפנים, אז זייער גאַנצע „שולד” איז בלויז דאָס, וואָס זיי זיינען סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

זינט דאַן האָט זיך אין גרוזיע אָנגעפאַנגען אַ סדרה פון טאָג־טעגליכע פאַרפאָלגונגען און אונטערדריקונגען. אויסער דער קאָמוניסטישער פּרעסע איז קיין צייטונג ניט ערלויבט. ניטאָ קיין פרייהייט פון רעדע און פון פאַרזאַמלונגען. אַרויסגעדרעהט זיך פון טורמע האָבען בלויז יענע סאָציאַליסטישע פיהרער, וועלכע עס איז געלונגען צו אַנטלויפען אין אויסלאַנד אָדער וואָס האָבען געשפּילט אַן אומבאַדייטענדע ראָליע אין דער פּאַרטיי. אַלע גוט־באַקאַנטע פיהרער, מיטגלידער פון קאָמיטעטען אָדער פון אַנדערע קערפּערשאַפטען, אויך אַזוינע, וואָס האָבען פאַרנומען עפּעס אַ פּאָסטען אין דער רעגירונג, בשעת דער רעפּובליק, זיינען אַלע איינער נאָכ'ן צווייטען אַרעסטירט געוואָרען.

אין דעם ערשטען יאָהר פון דעם קאָמוניסטישען איבערפאַל אויף גרוזיע זיינען דאָס רוב פיהרער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַריינגעזעצט געוואָרען אין טורמע. אָט זיינען די נעמען פון איינינע:

פ. ט ש י ט ש י נ א ד ז ע, מיטגליד פון דער סאָציאַליסטי־שער רעגירונג. ער איז געשטאָרבען אין טורמע.

ס. ד ז ש י ב ל א ד ז ע, דער גרינדער פון דער גרוזינישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי.

א. ל. לאָמטאטידזע, וויצע־פּרעזידענט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

ג ר. לאָרדקיפאַנידזע, מיטגליד פון דער סאָציאַ־ליסטישער רעגירונג.

דער אַלטער קעמפער, דער זקן איזידאָר ראַמישווילי, מיטגליד פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, געוועזענער דעפּוטאַט פון דער ערשטער רוסישער דומע.

ט. שאַראַשידזע, ערשטער סעקרעטאַר פון דער גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג.

ל. ד ז ש י ב ל א ד ז ע, אַלטער רעוואָלוציאָנערער טוער.

ג. אַנדזשאַפּאַרידזע, בירגערמייסטער (מעיאָר).

א. ד ז ש ע ב ו א ד ז ע, איינער פון די סאמע טעטיגסטע אַרבייטער, דער הויפּט פון דער אַרבייטער־גוואַרדיע.

און פילע, פילע אַנדערע.

די קאָמוניסטען האָבען געמאַכט א צעטעל, א ליסט פון אַלע מעהר אָדער ווייניגער טעטיגע מיטגלידער פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי. מען האָט זיי פאַרטיילט אין גרופּעס, און צום ערשטען איז אַרעסטירט געוואָרען די גרופּע עלטערע סאָציאַליסטען, די „קעפּ" פון דער פּאַרטיי, דאַן די צווייטע גרופּע סאָציאַליסטישע פיהרער און טוער, נאָכדעם די ווייניגער וויכטיגע א. אז. וו.

אויף אַזא אופן האָבען די קאָמוניסטען „אָפּגערייניגט", ד. ה. באַזייטיגט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי גלייך דעם ערשטען יאָהר פון זייער הערשאַפט אין גרוזיע. זיי זיינען אָבער ניט געווען אימ־שטאַנד צו פאַרניכטען די טעטיגקייט פון דער פּאַרטיי. עס איז ניט אַזוי לייכט געווען צוצוקומען צו אַלע טעטיגע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, וואָס האָבען זיך פאַרבאַהאַלטען „אונטער דר'ערד". און דערצו, וואָס שאַרפער עס איז געוואָרען דער קאַמף, אַלץ מעהר נייע אָנהענגער האָט די פּאַרטיי געקראָגען. געגאַסען, וואָס זיינען פריהער געשטאַנען אַביסעל פון ווייטענס פון דער פּאַרטיי, האָבען זיך אַרויס־גערוקט אין די פאָדערשטע רייהען. אחוץ דעם, האָט די פּאַרטיי געהאַט אויסגעצייכענטען קאַמפּס־מאַטעריאַל אין די רייהען פון דער אַרבייטער־יוגענד. אויף אַזא אופן האָט מען געקענט אויספילען די פּלעצער פון די אַרעסטירטע.

2. אונטערדריקונגס־מיטלען געגען ארבייטער און פויערים.

אין גרוזיע איז קיינמאָל ניט געווען קיין „ווייסע“ באַוועגונג. קיין שום אַרמיי פאַר אַ דעניקין אָדער אַ קאָלטשאַק איז דאָרט קיינמאָל ניט געגרינדעט געוואָרען. יעדער איינער האָט דאָ באַהבה אָנגענומען די הערשאַפט פון דער דעמאָקראַטיע, פון די אַרבייטער און פויערים, אונטער דער אָנפיהרונג פונ׳ם פראָלעטאַריאַט אַלס אַ מעהר פאָרטגעשריטענער און באַוואוסטזיניגער קלאַס, און פון זיין פאַרטיי, די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די הערשאַפט פון דער אַרבייטער־דעמאָקראַטיע האָט פאָלשטענדיג גאַראַנטירט פּערזענליכע פרייהייט און די אַנטוויקלונג פון פרייער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט אויפ׳ן בעסטען אַרט, עפענענדיג אויף אַזאַ אופן פאַר׳ן פאָלק אַ פרידליכען וועג צו אַ בעסערער צוקונפט. יעדער איינער איז דאָ געווען פיינדליך געשטימט צו בירגער־קריג און צו די קאָמוניסטישע עקספּערימענטען אין רוסלאַנד. פּלוצלונג איז אָבער אָנגעקומען די רויטע אַרמיי מיט די קאָמוניסטען אָן דער שפּיצע און האָט מיטגעבראַכט אַ דעספּאָטישען רעזשים, און פרייהייט פון דער פּרעסע, פון רעדע און פון געוויסען זיינען ערקלערט געוואָרען אַלס אַ רעגירונגס־מאָנאָפּאָל: קיינער אויסער דער רעגירונג קען דיזע פרייהייטען ניט האָבען.

צוויי פּרינציפּען — דעמאָקראַטיע און פרייהייט אויף איין זייט און דעספּאָטיזם און שקלאַפעריי אויף דער אַנדערער זייט — צוויי מעטאָדען פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג זיינען אַרויס אין קאַמף איינס געגען די אַנדערע.

עס איז גאַנץ קלאָר, אַז אַ פרייער פאָלק, און נאָך מעהר דער אַרבייטער־קלאַס, האָט ניט געקענט איינגעהן צו דולדען אַזעלכע אונטערדריקונגען און גוואַלד־טאַטען. די פאַרניכטונג פון אַלץ, וואָס דער אַרבייטער־קלאַס האָט זיך אויסגעקעמפט אין די ערשטע דריי־פיר יאָהר פון דער רעוואָלוציע, די פאַרניכטונג פון אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפען, אָרגאַניזירט און פאַרפאָלקאָמט — דאָס האָט שאַרף אָנגעריהרט דעם פּראָלעטאַריאַט און אַרויסגערופען ביי איהם אַ פּראָטעסט. דער אַרעסט פון די פיהרער פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס, פון די פיהרער פון דער פּאַרטיי, האָט איבערפילט דעם ביטערען בעכער און זייער געדולד האָט געפּלאַצט.

די אַרבייטער האָבען גענומען אָפּהאַלטען פּראָטעסט־מיטינגען געגען דער סאָוועט־מאַכט און געגען דער אָקופּאַציאָנס־אַרמיי. עס איז ניט געווען קיין פאַבריק, קיין שאַפּ, כמעט קיין איין דערפעל,

קיין איין ווינקעלע אין גאַנץ גרוזיע, וואו מ'האָט ניט אָפּגעהאַלטען קיין מיטינגען און ניט אָנגענומען קיין פּראָטעסט־רעזאָלוציעס. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די מיטינגען זיינען געהאַלטען געוואָרען אָהן אַן ערלויבניש פון דער רעגירונג און נאָך די אַרבייטס־שטונדען. אויסער דעם, האָט דאָס פאָלק זיך באַנוצט מיט יעדער געלעגענהייט, ביי טעאַטער־פאָרשטעלונגען, אין מואוויס, ביי קאָנצערטען, אויסצודריקען זיין סימפּאַטיע מיט דער דעמאָקראַטישער רעגירונג און זיין צאָרן געגען דער אויסלענדישער מאַכט וואָס איז מיט האַרמאַטען און ביקסען אַריינגעפאַלען אין גרוזיע און אונטערדריקט דאָס קליינע לאַנד.

אויף אַ פּראָטעסט־מיטינג, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין טיפליס, איז אָנגענומען געוואָרען אַ פּעטיציע, וואָס פאָדערט, אַז די רוסישע אַרמיי זאָל פאַרלאָזען גרוזיע, עס זאָל צוריק איינגעפיהרט ווערען פּאָליטישע פרייהייט און די פּאָליטישע ארעסטירטע זאָלען באַפרייט ווערען. קורץ און גוט, אַז אַלע אונטערדריקונגס־מיטלען זאָלען אָפּגעשאַפט ווערען.

דיזע פּעטיציע איז אונטערגעשריבען געווארען **פון דער גאַנצער אַרבייטער־באַפעלקערונג פון טיפליס**. דעם 24טען אָקטאָבער, 1921, האָבען 9 אַרבייטער־דעלעגאַטען, ערוועהלטע ביי יענעם מיטינג, אַוועקגעפיהרט די פּעטיציע צו בודו מדיוואַני, דעם טשערמאַן פון דעם „רעווקאָם" אין גרוזיע. אָבער אָנשטאָט צו עמפּאַנגען די דעלעגאַטען פון די אַרבייטער און אויסהערען זיי האָט דער „רעווקאָם" זיי אַרעסטירט.

דער אַרעסט פון די דעלעגאַטען האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם און אַלע אַרבייטער פון טיפליס זיינען אַרויס אין אַ סטרייק, אַלס צייכען פון פּראָטעסט.

דאַן האָט זיך די קאָמוניסטישע רעגירונג אַ נעם געטאָן צו גרוזיע, באַזונדערס צום ארבייטער־קלאַס. ארבייטער זיינען מאַסענווייז ענטזאַגט געווארען פון זייערע פּלעצער, אָדער ארויסגעשיקט געווארען נאָך רוסלאַנד. קריגס־צושטאַנד איז ערקלערט געוואָרען אויף אַלע אייזענבאַנען און אין אַלע אייזענבאַן־שעפּער, וועלכע זיינען דער אַרבייטסצענטער פון טיפּליס. עס איז אויך איינגעפירהרט געווארען די „מיליטאַריזירונג פון ארבייט" אין די פאַבריקען, הגם עס איז גאר קיין שום מלחמה ניט געווען אין גרוזיע און אין רוסלאַנד זיינען שוין דאַן אָפּגעשאַפט געווארען טראָצקי'ס „ארבייטס־ארמייען". אָבער די סאָוועט רעגירונג האָט זיך מיט דעם באַנוצט, כדי צו מאַכען א תל פון די גרוזינישע ארבייטער, צו פארשליידערען זיי אין אַלע פיר עקען פון דער וועלט, צו פארניכטען זייערע אָרגאַניזאציעס און צוצוברעכען זייער ווידערשטאַנד.

טויזענטער גרוזינישע ארבייטער זיינען אַוועקגעשיקט געווארען

צו ארבייטען אין אזערבאַרדזשאַן (באקו), אין צפון־קאַווקאַז און אין מיטעל־רוסלאַנד, וועהרענד זייערע פיהרער, מיטגלידער פון עקזעקוטיווע קאָמיטעטען פון טרייד יוניאָנס אָדער פון ארבייטער בילדונגס־ארגאַני־זאַציעס זיינען ארייננעזעצט געוואָרען אין די טורמעס. צו פארנעמען דעם פּלאַץ פון די ארויסגעשיקטע ארבייטער האָט מען אראָפּגעבראַכט מחנות ארבייטער פון רוסלאַנד, מייסטענס פּאָליטיש שטאַרק אָפּגע־שטאַנענע און מען האָט זיי דורכגעמישט מיט א געוויסער צאָהל קאָמוניסטען.

די קאָמוניסטישע מאַכט האָט געזוכט דורך אזוינע קינסטליכע מיטלען אויסצומישען די גרוזינישע ארבייטער־מאַסען מיט פרעמדע נאַציאָנאַלע עלעמענטען, כדי ארויסצורופען ביי זיי געפיהלען פון געגענזייטיגען האס און קאָנקורענץ, אָפּצושוואַכען די איינהייטליכקייט פון די ארבייטער, און דורך דעם ברעכען זייער איינינקייט און סאָלי־דאַריטעט, אום עס זאָל זיין לייכטער צו אונטערדריקען זיי.

„פרייהייט פון ארבייט" (אז איינער מעג ארבייטען וואו און ביי וואָס ער וויל), וואָס איז אנערקענט זאָגאר פון בורזשואזע רעגירונגען, איז פארניכטעט געוואָרען פון דער סאָוויעט־מאַכט אין גרוזיען. אָט איז אן אויסצוג פון אן דעקרעט (באַפעהל), וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון דעם „רעווקאָם" אין גרוזיע, דעם 22טען סעפּטעמבער, 1921:

„עס איז פארבאָטען פאר ארבייטער און אָנגעשטעלטע ארויסצוגעהן פרייוויליג פון איין רעגירונגס־אינסטיטוציע אָדער אונטערנעהמונג אין א צווייטער, אָדער בכלל צו פארלאָזען זייער באַשעפטיגונג".

די וויכטיגסטע פונקטען פונ'ם באַפעהל ערקלערען די רעכטע פון דער פאבריק־פארוואַלטונג: זי האָט די עובדא פון א פּאָליציי; זי דארף לאָזען וויסען דעם ארבייטס־קאָמיסאַריאַט וועגען יעדען ארבייטער, וואָס פארלאָזט אליין זיין ארבייט אין פאבריק. אן ארבייטער, אָדער אנגעשטעלטער האָט קיין רעכט ניט צו בייטען זיין באַשעפטיגונג אָהן דער ערלויבניש פון דער פאבריק־פארוואַלטונג. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם ארבייטער אליין, פרעגט מען איהם גאר ניט. ער איז מחויב צו שטעהן און ארבייטען ביי זיין פּאָסטען, וואו די דיקטאַטור־באַאמטע האָבען איהם געהייסען ארבייטען. אויב ער טוט עס ניט, פארדינט ער א שטראָף אלס אן „ארבייטס־דעזערטיר".

עס איז לייכט צו זעהן, אז אונטער אזוינע באדינגונגען פיהלען זיך רעוואָלוציאָנערע ארבייטער אין א העכסט־הארבע לאַגע. ווען אימיצער אנטלויפט פון טורמע, קומט איהם אויס צו שטאַרבען פון הונגער. האָבען פילע ארבייטער פארלאָזען די שטאָדט און באהאַלטען זיך אין דאָרף.

אלזאָ, כדי צו צוברעכען, צו פארטיליגען און פארניכטען די טעטיגע רעוואָלוציאָנערע טיילען פונ'ם ארבייטער־קלאַס און צו פארשקלאַפען די

געהאָרכזאמע טיילען, זוכט די באָלשעוויסטישע רעגירונג צו פארוואנד־לען די ארבייטער אין שטומע מאַשינעס...

ניט ווייניגער ליידען פון קאָמוניסטישע אונטערדריקונגען אויך די גרוזינישע פּויערים. אין פולען הסכם מיט'ן ארבייטער־קלאס האָבען די פּויערים אין דער גרוזינישער רעפּובליק אנגעווענדעט זייער שאַפענדע רעוואָלוציאָנרע ארבייט אויף צו ארגאניזירען די דעמאָקראטישע אינ־סטיטוציעס. דאָס האָבען די קאָמוניסטישע אנפאלער ניט געקענט פאַר־טראָגען. ווי נאָר די קאָמוניסטען זיינען אריין אין לאנד, האָבען מחנות רויטע־ארמייצעס א לאָז געטאָן זיך אין די דאָרפס־געגענדען, ווי נאָר ס'האָבען זיך ערגעץ באוויזען סימנים פון אומצופרידענהייט צווישען די פּויערים — און דאָס איז כמעט אומעטום געווען — האָט מען דאָרט גלייך אוועקגעשטעלט רויטע סאָלדאטען אין די הייזער פון די פּויערים. דאָס האָט געמיינט, אז די סאָלדאַטען מעגען זיך לעבען א גוטען טאָג און ראַבעווען וויפיל זייער הארץ גלוסט. דער פּלאַץ ערלויבט ניט דאָ אויסצורעכענען אלע שוידערהאפטען און ווילדע מעשים פון די סאָלדאַ־טען, וואָס האָבען זיך געפיהלט אלס זיגער אין א פרעמדער לאנד. קיין איין פּלאַץ, קיין ברעקעל ווינקעל איז ניט דורכגעלאָזען געווארען.

אָט זיינען א פּאָר ביישפּילען:

ווינטער צייט 1921—1922 האָבען די רויטע־ארמייצעס פאַר־ברענט און חרוב געמאכט א העלפט פון דער פּראָווינץ סוואַנעטיע, וועלכע האָט זיך אַנטזאגט צו אַנערקענען די סאָוויעט־רעגירונג. און אין הערבסט, 1922, האָט די רויטע ארמיי פארברענט 52 דערפער אין די פּראָווינצען פשאווי און כעווסורעטי. דעמזעלבען יאָהר האָבען זיי גרינדליך אויסגערויבט די דיסטריקטען גוריא און סענאקי, די פּראָווינצען קאַרטהליל און קאַרעטיע, וואו זיי האָבען אונטערגעצונדען די הייזער פון אלע דעמאָקראטען און בכלל פון אלע מעהר באוואוסטע בעלי־בתים. עס פארשטעהט זיך, אז דאָס איז אלעס געטאָן געווארען אויפ'ן דירעקטען באַפעהל פון דער סאָוויעט־רעגירונג.

מיר ווע‌לען דאָ ניט איבערגעהן אלע שוידערליכע טאַטען, מיר ווע‌לען בלויז ברענגען א קורצען אויסצוג פון אן אָפיציעלען באריכט פון א קאָמוניסטישען אגענט.

דאָס איז דער אינהאַלט פון א טעלעגראמע, געשיקט דעם 25טען יולי, 1921:

„די מחנות פון דער רויטער אַרמיי, וואָס געפינען זיך אין דעם געגענד פון דיישעטי און אַרומיגע דערפער, טוען אָפּ מיאוסע מעשים און ווילדע טאַטען פון אָט אַזאַ מין סאָרט: זיי רייסען זיך ווילקירליך אַריין אין אַ פּריוואַטער הויז און טוען מיט'ן אייגענטום, וואָס זיי ווילען, פּונקט ווי זיי וואָלטען געווען די גאַנצע בעלי־בתים. זיי באַרויבען די איינוואוינער צו־ברעכען זיי גוט די ביינער, סטראַשען מיט'ן טויט און וואַרפען זיי דער־נאָך

ארויס פון די הייזער. זיי נעמען צו די עופות, שעפסען, אקסען א. אז. וו. זיי שלאגען די פויערים מכות־רצח און מאטערען זיי אונ'ברחמנות'דיג אהן שום אורזאכע. זייענדיג בעוואפענט טעראריזירען זיי די גאנצע באפעלקערונג, איבערהויפט די מיידלאך, וועמעס לאגע איז שוידערליך, ווארים מען מאכט זיי אן די שוידערליכסטע, אונמענשליכסטע נידערטרעכטיגקייטען און די ברוטאלסטע ערנידעריגונגען. אזעלכע טאטען פון אונארדנונג זיינען א גרויסע געפאהר און דעריבער פאדער איך נאכאמאל, אז מ'זאל ארויסגעבען שטרענגע באפעלען.

גע'חתמ'עט: הויפט פון דער דושעטער מיליצע, מאנגיאשווילי".

מ'קען זיך שוין, אלזא, פארשטעלען, וואס דארטען איז פארגעקומען, ווען א קאמוניסטישער באאמטער האט זיך אזוי דערשראקען, אז ער האט געשיקט אן אפיציעלען באריכט מיט אזוינע ווערטער. וואס איז דער וואונדער, ווען דאס פאלק האט ניט געקענט מעהר פארטראגען אזא הערשאפט פון גוואלדטאטען און האט פארלארען דעם גדולד און האט אין אייניגע ערטער גענומען דאס געוועהר אין די הענט, כדי צו פארטיידיגען זיך געגען דיזע רויבער־באנדעס? עס איז דעריבער קיין איבערראשונג ניט, וואס די פראווינץ סוואנעטיע האט אכט מאנאטען צייט געקעמפט געגען די סאוויעט־סאלדאטען און זיך אנטזאגט אונטערצוגעבען זיך צו דער קאמוניסטישער דיקטאטור. אומעטום, אין די שטעדט אזוי ווי אין די דערפער, זיינען אלע געוועזען אויפגעבראכט און פארצווייפעלט.

3. די טאקטיק פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

די קאמוניסטען האבען זיך געסטארעט מיט אלע כחות אויפצורייצען דאס גרוזינישע פאלק צו א פארצווייפעלטען קאמף, כדי דערנאך „אנצולערנען איהם". געגען דיזע באמיהונגען פון די קאמוניסטען, האט די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי דעם 28טען מערץ, 1922, ארויסגעלאזען פאלגענדען אויפרוף:

„די קאמוניסטען נעהמען זיך צו פראוואקאטארישע מעטאדען, וואס זיינען באנוצט געווארען אמאל אין רוסלאנד, און זיי זוכען צו שטופען דאס פאלק צו אן אויפשטאנד. די באמבע, וואס איז פאר א יאהרען ערב דעם ערשטען מאי געווארפען געווארען אין קוטאאיס, און די אונטערדריקונגען אין גוריע, אימערעטיע, קאכעטיע, סויאנעטיע, זיינען פראוואקאטארישע מיטלען מיט'ן צוועק אויפצורייצען דאס פאלק. זיי האפען, אז אויף אזא אן אופן וועט ביים פאלק פלאצען די געדולד, און דאן וועלען זייערע מחנות זיך קענען פריי און פראנק אוועקלאזען חרוב מאכען די שטעדט און פעלדער.

„בירגער! לאזט זיך ניט ארייננארען אין א פאסטקע! דער שונא וויל,

אַז אַ בעוואַפּענטער אויפשטאַנד זאָל אויסברעכען, אום צו קענען אונז איינציגוויז צוקלאַפּען און פאַרניכטען. מיר טאָרען ניט טאָן דאָס, אויף וואָס אונזער שונא וואַרט אַזוי אונגעדולדיג. גרוזיע איז שטאַרק מיט איהר גלויבען אין איהר גערעכטיגקייט, מיט איהר אָרגאַניזאַציע, מיט איהר אייניגקייט! באַפעסטיגט אַייערע אָרגאַניזאַציעס ווי אַ פעלז, האַלט זיך פעסט צוזאַמען אַרום דער פאָהן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. זי איז די פאַרזיכערונג פון אונזער ענדליכען זיג. נידער מיט אנארכיע און בונטען!"

אָבער וועהרענד די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט גערופען די אַרבייטער צו אַ רוהיגען, אָרגאַניזירטען קאַמף, האָבען די קאָמוניסטען דערטרונקען אין בלוט אַפילו די פרידליכע דעמאָנסטראַציעס, אַפילו די רוהיגסטע פאַרזאַמלונגען.

דער ערשטער מאַי פון 1922, — דער טאָג פון אַרבייטער־סאָלידאַריטעט, איז פאַר די גרוזינער אַרבייטער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טאָג פון פאַרפאָלגונגען. אַלע זייערע פאַרזאַמלונגען זיינען צוטריבען געוואָרען דורך באַוואַפענטע מחנות פון קאָמוניסטען. מ'האָט זיי ניט ערלויבט אַפילו צו פאַרזאַמלען זיך אַרום די קברים פון די אַרבייטער, וואָס זיינען געפאַלען אין קאַמף געגען צאַריזם. כמעט אַלע רעדנער און פאָרזיצענדער פון דיזע פאַרזאַמלונגען זיינען אַרעסטירט געוואָרען. און בשעת דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, האָבען די קאָמוניסטען, באַגלייט פון רויטע ארמייצעס, געמארשירט מיט פלאַטערענדע רויטע פאָהנען דורך די גאַסען...

באַזונדערס גרויזאַם האָבען די קאָמוניסטען געהאַנדעלט אין דעם נאַציאָנאַלען יום־טוב פון גרוזיע, דעם 24טען מאַי, וועלכער איז דער טאָג פון גרוזיע'ס אומאָפּהענגיגקייט (אינדעפּענדענס דעי).

דעם ערשטען יאָהר פון דער קאָמוניסטישער הערשאַפט אין גרוזיע האָט דער „רעקאָם" אליין ע ר ל ו י ב ט צו פייערען דיזען טאָג, אָבער דעם נעקסטען יאָהר (1922), איז מיט דריי טעג פאַר'ן יום־טוב פלוצלונג אַרויס אַ באַפעל, אַז ס'איז פ אַ ר ב אָ ט ע ן צו פייערען דעם 24טען מאַי. דאָס איז געטאָן געוואָרען אַפּנים מיט'ן מיין אויפצורייצען דאָס פאָלק און אַרויסרופען אומאָרדנונגען. די קאָמוניסטען האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די גרויסע מאַסען אַרבייטער און פויערים גרייטען זיך צו פייערען דיזען יום־טוב אויף אַ רוהיגען און פרידליכען אופן.

האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי גערופען אַלע אָנהענגער און דאָס גאַנצע פאָלק ניט צו טראָגען דיזען טאָג קיין שום וואַפען, כדי אויסצומיידען אירגענד וועלכע פּראָוואָקאַציעס און זעהן האַלטען זיך בלויז ביי פרידליכע פאַרזאַמלונגען.

דאָס פאָלק האָט געפאָלגט, און דאָך איז עס ניט אָפּגעגאַנגען אָהן בלוטיגע מעשים פון די קאָמוניסטען. באַוואַפענט מיט ביקסען און

באַמבעס זיינען זיי באַפאַלען די פרידליכע מיטינגען פון די אומבאַוואָפענטע בירגער. אין גוריע אַליין זיינען אויף אַזוינע מיטינגען גע'הרג'עט געוואָרען עלף פּערזאָן, צווישען זיי איין פרוי און איין קינד, און 47 זיינען ערנסט פאַרוואַנדעט געוואַרען. די אָנפאַלער זיינען געווען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע זיינען געווען באַשטימט צו „האַלטען אָרדנונג". אין דער שטאָדט סאַנטרעדי איז איין אַרבייטער דער'הרג'עט געוואָרען און 25 פּערזאָן זיינען געוואָרען פאַרוואונדעט. איבער גאַנץ גרוזיע זיינען יענעם טאָג דער'הרג'עט און פאַרוואונדעט געוואָרען מענשען.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך אין יענעם טאָג גאַנץ קלאָר אַרויסגעוויזען אַלס אַ מיליטערישע און פּאָליציייאישע אָרגאַניזאַציע, דאָס הייסט, ניט אלס א קלאַסען־פּאַרטיי, נאָר אַן אָרגאַניזאַציע פון באַוואָפענטע משרתים פון די מאָסקווער דיקטאַטאָרס. אום צו האָבען אַ באַגריף פון דער געשאַפענער לאַגע, וועלען מיר ציטירען איינינגע אויסציגע פון אָ פ י צ י ע ל ע ד אָ ק ו מ ע נ ט ע ן וועגען דיזען טאָג.

פּאָלגענדער אויסצוג איז פון דעם צירקולאַר נום. 1372:

„לויט געגויע אינפאָרמאַציע האָט די מענשעוויסטישע פּאַרטיי בדעה צו אָרגאַניזירען דעמאָנסטראַציעס דעם 25טען און 26טען מאַי. איהר פּלאַן איז אַזאַ: די גלעקער אין אַלע קלויסטערס זאָלען נעמען קלינגען, מ'וועט אויפהויבען א שוואַרצע פאָהן אלס צייכען פון פּראָטעסט, מ'וועט זינגען „דרדעבא" (נאַציאָנאַלער הימן) א. אז. וו. אַלזאָ, אום אויסצומיידען אונאָנגענעהמע פאָלגען לאַדען מיר אייך איין, אויף אייער פּערזענליכער פאַראַנטוואָרטליכקייט, צו האָבען אָנגעגרייט ביי אייער שטאַב אן „אָטריאַד" בעוואַפענטע קאָמוניסטען. שיקט אייניגע פון זיי צו אַלע גרופּעס. זיי וועלען דאַרפען האַנדלען אין הסכם מיט אלע „אָטריאַדען" און מיט די פּאַרטיי־צעללען, כדי מען זאָל קענען דעם 25טען און 26טען מאַי אַרומרינגלען אַלע קלויסטערס און באַוואַכען זיי מיט אונזערע „אָטריאַדען". די געגנער זאָלט איהר באַקעמפען מיט הויז־אַרעסטען, איינשפּאַרען אין טורמע, ווי אויך מיט אָנגריפע, אויב זיי וועלען זיך ניט פאַנאַנדערגעהן, באַנוצט אייערע וואַפען, לאָזט גלייך וויסען אַלע חברים."

דיזער באַפעהל איז אַרויסגעשיקט געוואָרען צו אַלע קאָמאַנדי־רען פון דער מיליציע און פון די דיסטריקטען.

פאָלגענדער צירקולאַר, אַרויסגעגעבען אויף מאָרגען נאָכ'ן נאַציאָנאַלען יום־טוב, איז אַן ענטפער אויף דעם פריהערדיגען:

„שאַראָפּאַני. דער הויפּט פון דער אַרבייטער־און פּויערים־מיליציע*) פון שאַראָפּאַני. 27טען מאַי, 1922. נומער 853.

---

*) דאָס איז דער נייער נאָמען פאַר דער פּאָליציי. — רעד.

„איך האָב די עהרע צו מעלדען אייך פאָלגענדעס:

„דעם 24טען מאַי זיינען געווען דעמאָנסטראַציעס געגען דער סאָוויעט־רעגירונג מיט נאַציאָנאַלע און שוואַרצע פאָהנען. די ארבייטער פון די אייזענבאַהן־דעפּאָס (שעפּער) פון דער צעסטאַפּאָני (שאַראַפּאַני) סטאַנציע האבען זיך באַטייליגט אין דע, דעמאָנסטראַציע. אַלע דיזע דעמאָנסטראַציעס זיינען אונטערדריקט געוואָרען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט. דער שונא איז אַרעסטירט געוואָרען און איז געשטעלט אונטער׳ן רשות פון דער פּאָליציי־ביוראָ*) פונ׳ם דיסטריקט, אַן אַרבייטער פון דער דעפּאָ, מאַניקאַשווילי, און עטליכע אַנדערע פּערזאָן, זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען בשעת דעם צוזאַמענשטויס. אויף אונזער זייט האָט קיינער ניט געליטען.״

אַט איז נאָך אַ טעלעגראַמע:

„אַנפאַנגענדיג פון דעם 24טען מאַי, זיינען אין פאַרשיידענע טיילען פון דעם דיסטריקט אַזורגעטי פאַרגעקומען דעמאָנסטראַציעס און סטרייקס אונטער דער אָנפיהרונג פון מענשעוויקעס. אַ דאַנק די ענערגישע מיטלען, וואָס די אַרמיי, דער מיליציע און די פּאַרטיי־גענאָסען האָט אָנגענומען, זיינען די מיטינגען אָבגעבראָכען און די דעמאָנסטראַציעס צוטריבען געוואָרען. אונזערע חיל און די פּאַרטיי חברים האָבען געהאַט צוזאַמענשטויסען מיט די דעמאָנסטראַנטען. אויף ביידע זייטען זיינען פאָרגעקומען אומגליקס פּאַלען. מיר זאַמלען איינצעלהייטען און גענויע אינפאָרמאַציע, וואָס ס׳וועט אייך גלייך צוגעשיקט ווערען.

„הויפּט פון דער מיליציע פונ׳ם דיסטריקט אַזורגעטי, מ אַ כ אַ ר אַ ד ז ע.

„הויפּט פון דעם פּאָליטישען סעקרעטאַריאַט, ד אַ ל י ד ז ע.״

דער באריכט זאָגט, אַז ס׳זיינען געווען „צוזאמענשטויסונגען״. דער אמת איז אָבער, אַז די קאָמוניסטען זיינען אויפגעבראכט געוואָרען פון דעם, וואָס זיי איז ניט געלונגען צוצוטרייבען דעם עולם מיט סטראַשונקעס, האָבען זיי ג ע ש ו א ָ ס ע ן ב אַ מ ב ע ס אויפ׳ן עולם (ווי ס׳איז אויך געווען דער פאַל אין דאָרף וואקי דזשוואָרי).

אין יענע טעג זיינען די גאַסען פון טיפליס געווען פאַרפלייצט מיט „רויטע סאָלדאַטען״. יעדע פאַרזאַמלונג פון בירגער איז צוטריבען געוואָרען, מ׳האָט געשלאָגען אָדער אַרעסטירט. די טורמעס און די קעללערען פון דער „טשעקאַ״ זיינען אָנגעפּאַקט געווען מיט אַרעסטירטע, דאָס רוב פון זיי פאַרוואונדעטע אָדער צוקאַליעטשעטע.

*) טשעקאַ. — רעד.

4. די מעשים פון דער „טשעקא".

א חוץ דיזע שוידערליכע מאסען־פארפאלגונגען זיינען טאג־טעג־ליך פארגעקומען איינצעלנע פעלע פון גוואלדטאטען.

א כאראקטעריסטישער ביישפיל פון דער טעטיגקייט פון דער „טשעקא" איז די פאסירונג ביי דער לויה פון גענאסע ס י ל וו ע ־ס ט ע ר ד ז ש י ב ל א ד ז ע, דער גרינדער פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי אין גרוזיע. דיזער אלטער סאציאליסט האט דעם גאנצען לעבען זיינעם אוועקגעגעבען פאר'ן ארבייטער־קלאס, און ער איז טאקע געווען העכסט געאכטעט און באליבט פון אלע אר־בייטער אין גרוזיע.

ארעסטירט איז ער געווארען, ווען ער איז געלעגען קראנק אין בעט. ווען זיין קראנקהייט איז געווארען געפעהרליך, האט מען איהם ארויסגעלאזען אהיים, א טשעקיסט איז שטענדיג געשטאנען לעבען זיין צימער, אכטונג צו געבען אויף יעדען שריט זיינעם. ער האט ניט געוואלט אזוי לעבען, איז ער אנטלאפען און איז געשטארבען אין א גע־היימען פלאץ, אפגעריסען פון זיין פאמיליע. זיין טויטען קערפער האָ־בען גענאסען ביינאכט אריבערגעפיהרט צו זיין פרוי און זוהן. דאס איז געווען דעם 17טען פעברואר, 1922. ארבייטער־דעלעגאציעס פון גאנץ גרוזיע זיינען געקומען אפגעבען די לעצטע עהרע זייער באליבטען לעהרער און פיהרער. מיט דער ערלויבניש פון דעם „רעווקאם" איז באשטימט געווארען א טאג און א פלאץ פאר דער לויה — דעם 23טען פעברואר אין דיבודזשי, וואו אלע גרויסע פאליטיקער פון גרו־זין רוהען אין זייער אייביגען שלאף. אבער מיט צוויי טעג פאר דעם, ס'הייסט, דעם 21טען פעברואר, אזייגער אכט אין אווענט, האט א מחנה טשעקיסטען ארומגערינגעלט דאס הויז, וואו דזשיבלאדזע'ס קערפער איז געלעגען. די טשעקיסטען האבען צוטריבען דעם עולם, וואס איז געשטאנען ארום הויז, האבען אוועקגעפיהרט דעם קערפער און באערדיגט איהם אויף א בית־עולם פון א דערבייאיגען קלויסטער. ארום קבר זיינען געבליבען שטעהן רויטע גווארדעיצעס, אום ניט צו דערלאזען קיין מעגליכע דעמאנסטראציעס געגען אט דיזער נידערטרעכ־טיגער באליידיגונג פון די הייליגסטע געפיהלען פון צעהנדליגער טוי־זענדער גרוזינישע ארבייטער.

אט איז נאך א פאל, וואס מיר קענען איהם ניט פארשווייגען — דער מארד פון ט ה ע ד א ר א ס י ק א ש וו י ל י, דעם פאפו־לערען פאעט, וואס האט פאליטיש שטארק סימפאטיזירט מיט די סאָ־ציאליסטען־פעדעראליסטען.*) ער איז געווען א פארמער. האט אליין באארבייט א שטיקעל לאנד פון א 12 אקער. האבען די קאמוניסטען די ערשטע זאך קאנפיסקירט זיין שטיקעל פארמעגען. דערנאך האבען זיי געוואלט אוועקנעהמען ביי איהם דאס הויז און ארויסווארפען איהם

אויפ׳ן גאַס. ראַסיקאַשווילי, ווי אַלע איינוואוינער פון די בערג, האָט געהאַט אַן אומגעהויער שטאַרקען געפיהל פון פרייהייט. האָט ער ניט געקענט פאַרטראָגען אַזאַ מין אומרעכט און האָט געטויטעט דעם קאָמוניסטישען קאָמיסאַר, וועלכער האָט איהם באַליידיגט.

איז מען באַפאַלען זיין הויז, טויטליך פאַרוואונדעט איהם און אַרויסגעשלעפּט קוים אַ לעבעדיגען אין גאַס. אין דער אַנוועזענהייט פון די שכנים, וועלכע זיינען זיך צונויפגעלאָפען אויף זיינע געשרייען, האָט מען איהם בוכשטעבליך צוהאַקט אויף שטיקער.

דאָס האָט פּאַסירט דעם 19טען יאַנואַר, 1922. די קאָמוניסטישע באַאַמטע, וואָס האָבען אָפּגעטאָן דיזע שעהנע שטיקעל אַרבייט, זיינען גראַטולירט געוואָרען פאַר זייער העלדישקייט.

די קעלערען פון דער טשעקאַ אין גרוזיע זיינען שוידערליכע פּיי־ניגונגס־קאַמערען. די „איינגעשפּאַרטע״ אַרעסטירטע קריגען דאָרט בלויז ברויט און וואַסער און זעהען בלויז טשעקיסטען, וועלכע קומען אַלע ווייל׳ע אויסצוקלייבען קרבנות צום דערשיסען.

מיר האָבען אַ סך בריף פון אַרעסטירטע, וואָס דערצעהלען פון די ליידען און פּייניגונגען אין יענע גיהנומ׳ס. מיר ציטירען דאָ איי־נעם פון זיי כדי צו ווייזען וואָס די גרוזינישע „טשעקאַ״ איז, אויף וויפיל מען האָט דאָרטען פאַרלאָרען יעדען מענשליכען געפיהל. דעם נאָמען פון דעם אַרעסטירטען קענען מיר ניט דרוקען, אום ניט אויסצוזעצען איהם צו נייע פאַרפאָלגונגען, אָבער דער דאָקומענט גופא געפינט זיך אין אונזערע הענד.

„דאָס איז געווען אַן אָוועגט, ווען פעטין, וועגען וועלכען מיר האָבען געוואוסט, אַז ער איז אַ העגקער אין טשעקאַ, איז אַריינגעשליידערט געוואָרען אין אונזער קעלער. די אַרעטירטע האָבען איהם באַטראַכט מיט מורא און פאַר־אַכטונג. מיר האָבען ניט געוואוסט, צי איז ער ווירקליך אַן אַרעסטירטער, אָדער אפשר איז ער אונטערגעשיקט געוואָרען בלויז צוליב עפּעס אַ פּראָוואָ־קאַטאָרישע שפּיצעל. באַלד האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז ער איז איינגע־שפּאַרט געוואָרען פאַר שיכרות. די קורטקע (רעקעל), וואָס ער האָט אויף זיך געטראַגען, האָבען מיר דערקאָנט, דאָס איז געווען די קורטקע פון ס. גראַמאָוו, וועלכען מען האָט מיט עטליכע טעג צוריק דערשאָסען. פעטין האָט קענטיג פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס אונזערע אויגען האָבען אויסגעדריקט, און ער האָט אונז געזאָגט אַזוי:

— די גרוזינישע טשעקאַ קלייבט אַליין אויס די יעניגע אַרעסטירטע, וואָס דאַרפען געשאָסען ווערען; און מיר טוען זיך די אַרבייט, און עס אַרט אונז ווי די וואַנט. טאָ וואָס־זשע ווערט איהר דאָ נתפעל פון דיזער קורטקע? דאָס

---

*) אַ רעוואָלוציאָנער־נאַציאָנאַלע גרוזינישע פּאַרטיי. — רעד.

איז גאר ניט. „ער" איז דערשאסען געווארען, האב איך אנגעטאן זיין קורטקע, און באלד וועט אפשר זיין מיין „נעקסט" דערשאסען צו ווערען, וועט אימיצער אנדערש אנטאן דיזע קורטקע. איהר דענקט אפשר, אז די קאמאנדירען דער־שיסען אליין מענשען? זיי דארפען עס ניט טאן. אויב זיי שיסען יע אמאל, איז דאס ניט ווייל זיי זיינען געצוואונגען דערצו, נאר צוליב זייער אייגענעם פארגעניגען. מיר שיסען די יעניגע, וועלכע מען ברענגט אונז. די פאראור־טיילטע ווערען געבראכט צו די קאמאנדירען, וועלכע ציהען פון זיי אראפ די קליידער, פארבינדען זיי די הענט, בינדען צונויף איינע צו די אנדערע, ווארפען זיי אריין אין די אויטאמאבילען און גיבען זיי איבער צו אונז. מיר פיהרען זיי אוועק אויפ'ן בית עולם, וואו זייערע קברים זיינען שוין פערטיג. ביי יעדען גרוב שטעלען מיר אוועק א פאראורטיילטען, און גיבען א שאס פון רעוואלווער אין פאטילניצע און ווארפען דעם טויטען אריין אין גרוב. אין דער צייט, וואס איינער ווערט געשאסען, קוקען די איבעריגע צו מיט מאוים'דיגע אויגען, אייניגע מאכען ווילדע קולות, אבער אונז ארט עס ווי י וואנט. מיר פארשיטען זיי גלייך און אן עק.

— ווי איז, אז א געשאסענער פאלט אמאל אריין אין גרוב לעבעדיגער־הייד נאך? — האט א פרעג געטאן איינער פון די ארעסטירטע.

— דאס איז גאנץ מעגליך, — האט פעטין געענטפערט, — אבער דאס טרעט זעלטען. געוועהנליך שטארבען זיי מאמענטאל, ווען זיי קריגען דא א שאס (אנצייגענדיג מיט'ן האנד אויף דער פאטילניצע). דאס איז די סיס־טעם פון דער טשעקא, ניט צו פארשווענדען קיין איבעריגע קוילען. און אויב איינער פאלט אמאל אריין נאך ניט איינגאנצען קיין טויטער, וועט ער שוין באלד ווערען טויט, ווען די גרוב ווערט פארשאטען.

— די זאכען, וואס מ'געפינט ביי די הינגעריכטע, צום ביישפיל, געלט, גאלד זאכען און אנדערע חפצים, האט ווייטער פעטין דערצעהלט, ווערען אב־געשיקט צו דער טשעקא, אבער די קליידער ווערען צוטיילט צווישען די תליונים. אויף אזא אופן האב איך געקראגען דיזע קורטקע.

„אויף דער פראגע, צי ער האט גאר קיין רחמנות ניט געפיהלט צו די פאראורטיילטע, האט פעטין געענטפערט: — פון אנפאנג האב איך יא געהאט מיטלייד צו די יונגע, אבער באלד האב איך זיך ארומגעזעהן, אז ס'איז נאר־רישקייט: היינט שיס איך אנדערע, מארגען וועט מען מיך שיסען..."

אט דאס איז זייער פילאזאפיע: „היינט שיסען מיר, מארגען וועט מען אונז שיסען". באשעפענישען, וואס זיינען מעהר עהנליך צו וואלד־חיות ווי צו מענשען, און זיי באריהמען זיך, אז זיי האבען געשאפען א קאמוניסטישען גן־עדן.

5. גרוזיע אריינגענומען אין דעם בונד פון סאָוועט־רעפּובליקען.

רעוואָלוציעס זיינען קיינמאָל ניט פאָראיבער אָהן טעראָר, צי אין צייט פון אַ בירגער־קריג, צי ביים אָפּוועהרען אַן אויסערליכען שונא. אין גרוזיע איז אָבער ניט געווען קיינע פון דיזע אורזאַכען פאַר טעראָר. דער טעראָר איז איינגעפיהרט געוואָרען פון די אָנפאַלער אַלס אַ ר ע ג י ר ו נ ג ס ־ ס י ס ט ע ם.

ביז׳ן ענד פון 1922, דאָס הייסט דורך די צוויי יאָהר פון דער קאָמוניסטישער הערשאַפט אין גרוזיע, זיינען דאָרט געמאַכט געוואָרען אַם וויינינגסטענס 30,000 פּאָליטישע ארעסטען, און 80 פּראָצענט פון דעם זיינען סאָציאַל־דעמאָקראַטען. עס זיינען פאַראַן זעהר וועניג אַרבייטער אָדער אינטעליגענטען, וואָס האָבען ניט פאַרזוכט דעם טעם פון טורמע אָדער טשעקאַ. פילע טויזענדער גרוזינישע אַרבייטער זיינען מיט געוואַלד אַרויסגעשיקט געוואָרען אַרבייטען אין דער פרעמד.

מדיוואַני און די טשעקא האָבען טריי און איבערגעבען געטאָן זייער אַרבייט. זיי האָבען פאַרוואַנדעלט גרוזיע אין אַ אמת׳ן גיהנום. אָבער זייערע מאָסקווער בעלי־הבתים זיינען פונדעסטוועגען ניט וויי־כער געוואָרען. יענע האָבען ניט אנדערש געוואָלט, גרוזיע זאָל זיך וואַלגערען אַ צוטראָטענע אונטער די פיס, זי זאָל זיין פּאָליטיש אינגאַנצען ט ו י ט. דאָס רוב פון די גרוזינישע קאָמוניסטען האָבען שוין אַליין ניט געקענט צוקוקען צו די צופיל־ברוטאַלע און צו אָפענע, פאַרדאָרבענע פּאָליטיק, וואָס מאָסקווע האָט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען, כדי צו דערגרייכען איהר ציל, נעמליך: צו פאַרניכטען גרוזיע׳ס אומאָפּהענגיגקייט און אַנעקסירען זי צו סאָוועט־רוסלאַנד. גלייך פון ערשטען יאָהר האָט מען גרוזיע איינגעשלאָסען אין דער „טראַנסקאַווקאַזער פעדעראַציע“, ניט באַראַטענדיג זיך אפילו מיט די גרוזינישע קאָמוניסטען. אין הערבסט, 1922, איז דורך אַ באַשלוס פונ׳ם „קאַווקאַזער ביוראָ פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי“ ערקלערט געוואָרען, אַז גרוזיע, אַזוי גוט ווי גאַנץ קאַווקאַז, ווערט אַ פעדעראַטיווער טייל פון דער רוסלענדער סאָוועט־רעפּובליק.

דאָס רוב פון די גרוזינישע קאָמוניסטען האָבען פּראָטעסטירט געגען דיזער אַנעקסיע. האָבען די מאָסקווער זעלבסטהערשער, מיט סטאַלין און דזשערזשינסקי אַן דער שפּיצע, באַשלאָסען אַרויסצושיקען אַט די גרוזינישע קאָמוניסטען נאָך רוסלאַנד און זייער פּלאַץ פאַרנעמען זאָלען „פּאָלשטענדיג זיכערע“ מענשען.

דיזער ברוטאַלער ביישפּיל פון גרויס־רוסישען אימפּעריאַליזם האָט געמאַכט זעהר אַן אונאַנגענעהמען איינדרוק אויף לענינ׳ען, וועל־

בער האָט זיי, די אויפטוער פון דיזער נידערטרעכטיגקייט, פאַרגליכען צו „פּאָליציייסקע בויאַנעס“ און האָט געפאָדערט צו באַשטראָפען אָר־דזשאַניקידזע׳ן, וועלכער האָט עס דורכגעפיהרט דיזע פּאָליטיק, און מ׳זאָל אויך מאַכען אַן אונטערזוכונג וועגען סטאַלינ׳ס און דזשער־זשינסקי׳ס מעשים.

דאָ וועלען מיר ברענגען אייניגע אויסציגע פון צוויי בריף, וואָס לענין האָט געשריבען וועגען דיזער פראַגע צום צענטראַלען קאָמיטעט פון זיין פּאַרטיי, און אין וועלכע, אגב אורחא, ער האָט שאַרף אָרונ־טערגעריסען די גאַנצע באָלשעוויסטישע פּאָליטיק אין גרוזיע. דאָס, גלויבען מיר, מאַכט אוממעגליך אירגענד וועלכען פאַרזוך מאָראַליש רעכטצופערטיגען דיזע פּאָליטיק.

„אָט דער גאַנצער געדאַנק פון „אויטאָנאָמיזאַציע“, דאָס הייסט, איינשלי־סען גרוזיע אין דעם „בונד פון סאָוועט רעפּובליקען“, — שרייבט לענין אין זיין בריף פון 30טען דעצעמבער, 1922, — איז דורכאויס פאַלש און דורכגעפיהרט געוואָרען ניט אין דער ריכטיגער צייט. מ׳טענה׳ט, אַז מיר מוזען האָבען איין אייגהייטליכע מאַשין. פון וואַנען קומען דיזע באַהויפּ־טונגען? קומען זיי ניט אַמאָל פון דערזעלבער רוסישען מאַשין, וואָס מ׳האָט איבערגענומען פונ׳ם צאַריזם און עטוואָס באַפאַרבט מיט אַ סאָוועט־קאָליר? מ׳האָט זיכער באַדאַרפט צואוואַרטען, איידער אָנצואווענדען אַזאַ מיטעל, ביז מיר וואָלטען געקענט גאַראַנטירען, אַז די מאַשין איז ווירקליך אונזערע. דערווייל אָבער מוזען מיר זיך מודה זיין, — צווישען אונז זאָל עס בלייבען, — אַז די מאַשין, וואָס מיר רופען „אונזערע“, איז גאָר אַ פרעמדע, אַ בורזשואזע, אַ צאַריסטישע, פון וועלכער מיר האָבען נאָך אליין ניט געקענט פּטור ווערען — נאָך פיל יאָהר צייט, ווען הילף פון אַנדערע לענדער איז ניט אונ־טערגעקומען און אַלץ ווערט באַהערשט פון מיליטערישע טעטיגקייטען און פונ׳ם קאַמף געגען הונגער.

„איך פאַרשפּאָר צו זאָגען, אַז „די פרייהייט אַרויסצוגעהן פונ׳ם בונד“ (פון סאָוויעט רעפּובליקען), וואָס מיר שטעלען שטענדיג אַרוים אַלס אַ רעכט־פערטיגונג, פאַרבלייבט אונטער דיזע באַדינגונגען ניט מעהר ווי אַ שטיקעל פּאַפּיר, וואָס איז ניט אימשטאַנד צו באַשיצען רוסלאַנד׳ס גרענעץ־מלוכות געגען אַן אָנפאַל פון די „עכט־רוסען“, די ווילד־נאַציאָנאַליסטישע גרויס־רוסען, וועלכע זיינען פון נאַטור אויסוואורפען און חיות און זיינען מוסטערן פון צאַרישע ביוראָקראַטען.

„עס איז קיין ספק ניט, אַז די שוואַכע צאָהל סאָוויעטישע און סאָוויעטי־זירטע אַרבייטער ווערט בטל בששים אין דיזען ים נאַציאָנאַליזם פון גרויס רוסישען המון. עס ווערט אָנגעגעבען, אַלס רעכטפערטיגונג, דאָס באַזונדערע, נאַציאָנאַלע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטען זיינען ספּעציעל געשאַפען געוואָרען צו באַ־שעפטיגען זיך מיט פאָלקס־קולטור און פאָלקס־בילדונג. דאָ שטעלט זיך אָבער אַ פראַגע: ערשטענס, איז עס ווירקליך מעגליך אינגאַנצען אָבצוזונדערען

דיזע נאציאנאלע קאמיסאריאטען ? און דערצו, האט אימיצער גענומען געניגענדע שריטע צו גאראנטירען פאר די ניט־רוסען א געניגענדען שוץ געגען די „עכט־רוסישע" פאליציי־בעאמטע ? איך דענק, אז אזוינע שריטע זיינען ניט געמאכט געווארען, איך דענק, אז סטאלין'ס אייליגניש, זיין צו־גרויסער רעגירונגס־חשק און זיין אויפגערעגטקייט געגען דעם בארימטען „סאציאל־דזשינגאאיזם" האבען אין דיזער אנגעלעגענהייט געשפילט אן אומגליקליכע ראָליע. אויפגערעגטקייט שפילט אין א געמיין א נעגאטיווע ראליע אין פאליטיק. איך האב אויך מורא, אז חבר דזשערזשענסקי, וועלכער איז געפארען נאך קאווקאז צו געבען אינסטרוקציעס אין דעם פראצעס פון דיזע „סאציאל־נאציאנאליסטען", האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אין א שטימונג פון אביסעל צו „עכט־רוסישען" גייסט (ס'איז באוואוסט, אז אסימילירטע ניט־רוסען*) כאפען געוועהנליך איבער די מאס אין דעם ענין פון „עכט־רוסישען גייסט), און אז די אונפארטייאישקייט פון דער קאמיסיע, וואס ער האט אהין געשיקט, ווערט אמבעסטען כאראקטעריזירט דורך די „גוואלדטאטען" אין וועלכע מען באשולדיגט ארדזשאניקידזע'ן..."

אין זיין צווייטען בריף, פון דעם 31טען דעצעמבער, שרייבט לענין צווישען אנדערעם :

„... איך דענק, אז וואס אנבאלאנגט די גרוזינישע נאציאן, האבען מיר דא פאר זיך א טיפישען פאל, וואו די אמת־פראלעטארישע שטעלונג צווינגט אונז ארויסצואווייזען וואס מעהר גוטפקייט און גרויטקייט צו א פארשטענדיגונג..."

„...א גרוזין (לענין מיינט סטאלינ'ען און ארדזשאניקידזע'ן. —רעד.), וואס מאכט אוועק מיט'ן האנד אט די זייט פון דער פראגע און באשולדיגט אנדערע אין „סאציאל דזשינגאאיזם" אין דער צייט ווען ער אליין איז ניט בלויז א סאציאל־נאציאנאליסט, נאר א פשוט'ער אימפעריאליסטישער פאליסמאן. — אזא גרוזין פארגעוואלטיגט די אינטערעסען פון פראלעטארישער סאלידאריטעט, ווארום קיין זאך שטערט ניט אזוי פיל די ענטוויקלונג, און פארפעסטיגונג פון זייער סאלידאריטעט ווי נאציאנאלע אונגערעכטיגקייט. און קיין זאך ריהרט ניט אן אזוי שטארק די אונטערדריקטע נאציאנען ווי דער גייסט פון גלייכהייט אדער פארקעהרט די איבערטרעטונג פון דיזען גייסט דורך זייערע ברידער־פראלעטאריער..."

„עס איז נויטיג, — זאגט לענין ווייטער, — שטרענג צו באשטראפען חבר ארדזשאניקידזע, אלס א מוסטער. איך זאג עס מיט גרויס באדויערען, ווארום ער איז מיינער—א פערזענליכער פריינד און איך האב צוזאמען מיט איהם געארבייט אין אויסלאנד. מ'דארף אויך פארענדיגען אדער אנפאנגען פון דאס ניי אויסצופארשען דעם מאטעריאל, וואס דזשערזשינסקי'ס קאמיסיע

*) דזשערזשינסקי איז א פאליאק. — רעד.

האָט געזאַמעלט, און ריכטיג שטעלען די אומגעהייערע צאָהל פאַלשע אדער איינזייטיגע אויספיהרונגען, וואס וועלען זיך אָהן צווייפעל דאָרט געפינען."

„די פּאָליטישע פאראנטווארטליכקייט פאר דיזער נאַציאָנאַליסטישער, עכט גרויס־רוסישער פּאָליטיק איז ארויפגעלייגט אויף סטאַלינ'ען און דזשער־זשינסקי'ן."*)

עס פארשטעהט זיך, אז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָ־מוניסטישער פארטיי האָט גוט אכטונג געגעבען, אז דיזע בריף פון דעם קראַנקען לענין זאָלען ניט ארויס אויף דער עפענטליכקייט, און אַז די אָנפיהרער פון גרוזיע'ס „אויטאָנאָמיזאַציע" זאָלען ניט קריגען קיין שטראָף. מ'האָט אויך ניט געמאכט קיינע אונטערזוכונ־גען וועגען זיי, און די פּאָליטיק אין באַצוג צו גרוזיע איז ווייטער געבליבען אין זייערע הענט.

די איינשליסונג פון גרוזיע אין דעם „פאַרבאַנד פון סאָוועט־רע־פּובליקען" איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער און נאָוועמבער, 1922. פון דאַן אָן האָט זיך אַ נייע צייט אָנגעהויבען אין דעם לעבען פון דער אָקופּירטער גרוזיע.

6. די טשעקיסטען זיינען דורשטיג...

פון דאַן אָן האָבען די עקסטרעמע קאָמוניסטען גענומען אויספיה־רען זייער פּראָגראַם. די טשעקאַ פון גרוזיען איז באַשולדיגט געוואָ־רען, אַז זי האַנדעלט צו־שוואַך, צו־„ווייכהערציג". די אָנקלעגער האָבען באַהויפּטעט, אַז די טשעקאַ האָט ארויסגעגעבען צו־וועניג טויט־אורטיילען, און האָט געהאַט מעהר איינזעהן מיט פּאָליטישע אַרעס־טירטע, ווי מיט באַנדיטען. דאָס רוב פון די טשעקאַ־פיהרער זיינען אַראָפּגעזעצט געוואָרען און אויף זייערע פּלעצער זיינען אָנגעשטעלט געוואָרען קאָמוניסטען מיט מעהר „מוט". ג. זינאָוויעוו, טשערמאַן פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, דער פאַרטיידיגער פון דעם בלוטדורשטיגסטען טעראָר, איז אַליין געקומען אין טיפליס, כדי אָנ־צוטאַפּען דעם דופק, כדי אַליין זעהן די אַלגעמיינע שטימונג, און צו־גרייטען אַ נייעם פּלאַן פון „טעטיגקייט". אזוי ווי די גרוזינישע אַרבייטער האָבען ניט געהאַט בדעה צו פאַלען אויף די קני פאַר איהם

---

*) אויפ'ן קאָנגרעס פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין 1923 האָבען די אָפּאָזיציאָנס־קאָמוניסטען פאַרשפּרייט קאָפּיעס פון דיזע בריף לענינ'ס. אין גאַנצען זיינען זיי צום ערשטען מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרען אין דעם „סאָציאַליסטיטשעסקי וויעסטניק", הויפּט אָרגאַן פון דער רוסישער סאָצ.־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און שפּעטער איז עס איבערגעדרוקט געוואָרען אין פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע אויסגאַבען אין אייראָפּאַ.

און האָבען ארויסגעוויזען סימנים פון אייגענע אומאָפּהענגיגע געדאַנ־
קען, האָט זינאָוויעוו באַשלאָסען, אַז אין זיי איז נאָך שטאַרק דער
„גייסט פון אויפשטאַנד“, און ער האָט געפאָדערט אָנצואווענדען גע־
גען זיי שטאַרקע מיטלען, אַזוינע ווי ער אַליין האָט אָנגעווענדעט אין
פּעטראָגראַד אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג. דאָס איז געווען
אין אָנהויב יאַנואַר, 1923. אַזוי ווי קיין שום בירגער־קריג איז ניט
געווען אין לאַנד, האָט מען, לויט זינאָוויעוו׳ס פּלאַן, אָנשטאָט דעם
בירגער־קריג ערקלערט אַ „מלחמה געגען באַנדיטען און רויבער“, און
די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז ערקלערט געוואָרען אַלס אַ
„פריינד און חבר“ פון דיזע באַנדיטען. דעריבער קומט די סאָציאַל־
דעמאָקראַטען טויט־שטראָף.

דיזע פּראָגראַם האָט מען פריהער פאַר אַלץ גענומען אויספיה־
רען אין דער פּראָווינץ ג ו ר י ע. אין אָנפאַנג פעברואר איז אַהין
געקומען איינער אַן אָ ב אָ ל אַ ד ז ע. דיזער אָבאָלאַדזע איז אין
יאָהר 1906 אויסגעשלאָסען געוואָרען פון די ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס
פאַר גרינדען אַ גרופּע „עקספּראָפּריאַטאָרם“.*) שפּעטער איז ער גע־
שטאַנען אין זעהר נאָהענטע באַציהונגען מיט דער פּאָליציי, איז ער
דערפאַר שטאַרק פאַרהאַסט געוואָרען פון די אַרבייטער. שפּעטער האָט
מען איהם בכלל מעהר ניט געזעהן אין לאַנד. ער האָט זיך ווידער
באַוויזען אין גרוזיע צוזאַמען מיט דער סאָוועט־אַרמיי. ער האָט זיך
ערקלערט אַלס אַ קאָמוניסט און זיך ארויסגעשטעלט אַלס אַ „ראַכע־
נעהמער פון אַרבייטער־קלאַס“. ווי נאָר ער איז געקומען אין גוריע,
האָט ער גענומען ארעסטירען די עלטערען פון די פּויערים און אַר־
בייטער, וואָס זיינען אַנטלאָפען פון די קאָמוניסטישע פאַרפאָלגונגען,
און פאַרברענען זייערע הייזער.

ערקלערענדיג, אַז דאָס קעמפט ער געגען די באַנדיטען, האָט ער
אָבער אַרויסגעוויזען זיין גאַנצע אכזריות און גרויזאַמקייט הויפּט־
זעכליך געגען זיינע פּ אָ ל י ט י ש ע געגנער. וואָס אנבאַלאַנגט
די באַנדיטען, האָט ער אייניגע פון זיי געלאָזט רופען צו זיך און גע־
זוכט מאַכען שלום מיט זיי. און עס האָבען זיך ארומגעטראָגען
קלאַנגען, אַז ער האָט די באַנדיטען געגעבען דעם אויפטראג צו זוכען
און צו אַרעסטירען פּ אָ ל י ט י ש ע אַ נ ט ל אָ פ ע נ ע. ווען
זיי האָבען עס ניט געקענט באַווייזען, האָט אַבאַלאַדזע באַשלאָסען,
דורך אַ שווינדעל, צו אַרעסטירען די באַנדיטען גופא. אָבער די באַנ־
דיטען האָבען זיך פון אַנדערע טשעקיסטען דערוואוסט פון אבאלאדזע׳ס
פּלאַן און זיי האָבען איהם באַצייטענס דער׳הרג׳עט צוזאַמען מיט זיי־
נע צוויי חברים.

---

*) האָלד־אָפּ׳ניקעס. איבערז.

עס איז שווער אויסצורעכענען אַלע שרעקליכע רעזולטאַטען פון אבאלאַדזע'ס טראַגישען שפּיל מיט די באַנדיטען. איידער מיר גע־הען ווייטער, מוז דאָ גלייך באַמערקט ווערען, אַז די טשעקיסטען, וואָס האָבען ארויסגעגעבען אבאלאַדזע'ס סוד, אָדער וועלכע מען האָט אין דעם חושד געווען, זיינען דערשאָסען געוואָרען. די רעגירונגס־באַ־אַמטע האָבען, אַלזאָ, גוט געוואוסט די אמת'ע שולדיגע פון דיזען פאַר־ברעכען און וואָס פאַר אַ סאָרט פאַרברעכען דאָס איז געווען. נישט קוקענדיג אויף דעם האָבען די קאָמוניסטען ארויפגעוואָרפען די שולד אויף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי.

„פאַר דעם מאָרד פון איין קאָמוניסט, וועלען מיר טויטען פערציג מענשעוויקעס", האָבען געשריען די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען פאַר־לאָרען זייער זעלבסט־קאָנטראָל אין דער בלוט־אָנגעזאַפּטער אַטמאָס־פערע. און די בלוט האָט טאַקע באַלד גענומען שטראָמען טייכענווייז.

אויף מאָרגען נאָך דעם מאָרד פון אבאלאַדזע, דעם 12טען פעב־רואר, 1923, האָט מען פון דער טורמע אין אָזורגעטי ארויסגעפיהרט צ ו ו ע ל ף אַרעסטירטע און דערשאָסען זיי אויפ'ן פּלאַץ וואו אָבאָלאַדזע איז געטויטעט געוואָרען. מ'האָט זיך אָבער ניט באַנוגענט מיט דיזען נקמה־טאַט אליין, וואָס דערמאָנט אָן די מעשים פון ווילדע שבטים.

„בלוט, מעהר בלוט!" איז געוואָרען דער געשריי ביי די קאָמור־ניסטען. דעם 14טען פעברואר האָט די טיפליסער טשעקא, אום ווייר־טער צו נעהמען נקמה פאַר אָבאָלאַדזע'ס טויט, איבערגעגעבען צו איהרע תליונים 92 אַרעסטירטע פון דער מעטהעקיער טורמע (אין טיפלים) צו דערשיסען זיי אָהן שום משפּט, אָהן יעדע אונטערזוכונג.

אין דיזער גרופּע האָבען זיך געפונען 35 סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פיהרער. עס זיינען געווען דאָרטען אויך לעהרער, אַרבייטער, פּויע־רים, אינטעליגענטען, וואָס געהערען גאָר צו קיין שום פּאַרטיי ניט און מ'האָט זיי צונויפגעשלעפּט פון אַלע עקען פון לאַנד. אויף דיזער גרופּע האָט מען ארויפגעלעגט די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער ערמאָרדונג פון אָבאָלאַדזע און מ'האָט זיי „פאַראורטיילט" צום טויט. דיזע נידערטרעכטיגע גרויזאַמקייט איז אַנאָנסירט געוואָרען אין אַן אָפיציעלען באַריכט בזה הלשון:

„דעם 19טען פעברואר, זיינען לעבען אָזורגעטטי געפאלען קרבנות פון באַנדיטסקע פאַרברעכענס די זיהן פון ארבייטער פאָלק אָבאָלאַדזע, סאַני־קידזשע, און טשוביגאשווילי. די טשעקא פון גרוזיע, נעמענדיג אין אָנבאַ־טראַכט די טעראָריסטישע טאַטען, וואָס ווערען אומאויפהערליך באַגאַנגען פון באַנדיטען און מיט'ן אָבזיכט צו מאַכען א סוף צו די פאַרברעכערישע מעשים, האָט אויף איהרע זיצונגען פון 13טען און 14טען פעברואר באַשלאָסען ארויפ־צולייגען די העכסטע שטראָף, טויט דורך שיסען, אויף די פאָלגענדע פערזאַ־

נעז, וועלכע זיינען שוין עטליכע מאָל ארעסטירט געווארען און גע׳משפט געווארען פאר באנדיטעריי, מערדעריי, גוואלד־טאַטען און אז. וו.״

דאָן פאָלגט די ליסט פון די דערמאָנטע 92 נעמען. זיי זיינען שוין אַלע חדשים־לאַנג געזעסען אין טורמע, און דאָס איז גענוג באַוויז, אַפילו פאַר דער טשעקאַ, אַז זיי האָבען זיך ניט ג ע ק ע נ ט באַטייליגען אין דעם מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען פיר טעג פאַר זייער דערשיסונג. די טשעקיסטען האָבען אָבער געלעכצט נאָך בלוט.

מאָרד־משוגעת האָט ארומגעכאַפּט אַלע פּראָווינציעלע טשעקאַס, וועלכע האָבען ניט אראָפּגענומען די אויגען פון דער הויפּט־טשעקאַ. דאָס איז געווען אַן אמת׳ע בלוט־וואַקכאַנאַליע. אין איין וואָך זיינען 17 פּערזאָן דערשאָסען געוואָרען אין ג אָ ר י; 23 אין ב אַ ט ו ם; 2 אין ק ו ט אַ א י ס, א. א. וו. און אַלע אָהן א משפּט און אָהן אַ פאַרהער. די באַרבאַרען פון 20טען יאָהרהונדערט האָבען מיט טייכען בלוט געפייערט די לויה פון זייער חבר.

איין סעקציע קאָמוניסטען האָט זיך באַקלאָגט פאַר מאָסקווע, און הויפּטזעכליך דערפאַר, ווייל צווישען די הינגעריכטעטע זיינען געווען עטליכע מעסיגע קאָמוניסטען, וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרען פאַר „אונטעטיגקייט“. האָט מאָסקווע באַשטימט אַ קאָמיסיע, און מ׳האָט געמאַכט עפּעס אַן „אונטערזוכונג“ — און מיט דעם האָט זיך די מעשה געענדיגט. דאָס הייסט, אַלזאָ, אַז זיי האָבען גוט־געהייסען און גע׳כשר׳ט די „נייע טאַקטיק“ פון די גרוזינישע טשעקיסטען.

אויפ׳ן פּלאַץ פון אָבאָלאַדזע׳ן, אין דער פּראָווינץ גוריע, איז באַשטימט געוואָרען דער אינערן־קאָמיסאַר טאָלאַראַדזע, וועלכער איז פריהער געווען דער הויפּט פון דער קוטאַאיסער טשעקאַ. דאָס איז אַ ווילדער, האַלב־משוגענער נפש. עס איז ממש אוממעגליך איבערצו־דערצעהלען אַלעס, וואָס גוריע האָט פאַרליטען אונטער זיין ממשלה. דעם סאַמע ערשטען טאָג פון זיין אָנקומען אין גוריע, האָבען די קאָ־מוניסטען אין מיטען נאַכט באַפאַלען די הויז פון גענאָסע אַלטעם גוגוואַדזע, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, וועלכער איז זעהר פּאָפּולער אין דיזער פּראָווינץ. ניט אכטענדיג אויף דעם, וואָס ער איז געווען קראַנק, האָט מען איהם אַרויסגעשלעפּט אויפ׳ן הויף, דערשאָסען און באַגראָ־בען אויפ׳ן זעלבען אָרט. זיינע ברידער זיינען איינגעשפּאַרט געוואָ־רען אין טורמע. אויף מאָרגען האָט מען זיין הויז פאַרניכטעט, און דעם גאַנצען אייגענטום זיינעם, די מעבעל און אַנדערע חפצים, האָט מען ערגעץ אוועקגעפיהרט.

אין אַלע איבעריגע טיילען פון דער פּראָווינץ האָט מען אַטאַ־קירט אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וואָס האָבען זיך ניט צוגעאיילט צו אַנטלויפען. מ׳האָט אויך אַטאַקירט כמעט אַלע בעל־הבית׳שע, איינ־

פלוסרייכע פויערים. איבער 300 פערזאָן זיינען אויף אזא אופן געטויטעט געוואָרען און ארום 4,000 ארעסטירט געוואָרען אין דער אלטער גוריע׳ר פראווינץ. די יעניגע, וואס האָבען באוויזען צו אנטלויפען, האָבען זיך פארבאהאלטען אין די וועלדער. און אין זייערע הייזער האָט טאלאקאדזע איינגעקווארטירט „רויטע סאָלדאטען“, וועלכע האָבען גערויבט און געראבעוועט אלעס, וואָס די דאָרפס־לייטע האָבען פארמאָגט: תבואה, עופות, שאָף און רינדער — אלעס איז פארברויכט געוואָרען אויף אויפצוהאלטען די אָקופאציאָנס־חיל.

דעם 10טען מארטש האָט דער קאָמאנדיר פון דער עקספעדיציאָנס־ארמיי ארויסגעלאָזען א באפעהל, אין וועלכען ער פאָדערט אויף אלע מיטגלידער פון דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי צו מעלדען זיך אום ארעסטירט צו ווערען. די יעניגע, וואָס וועלען זיך ניט מעלדען, וועלען פארדינען ט ו י ט־ש ט ר אָ ף.

די פויערים פון דער גוריער פראָווינץ, וואָס זיינען געלעגען פארבאהאלטען אין די וועלדער, האָבען אָפגעהאלטען געהיימע קאָנפערענצען. אין דער העכסטער פארצווייפלונג פון די שוידערליכע אומגליקען, וואָס האָט זיי געטראָפען, האָבען זיי באשלאָסען צו אפעלירען צו דער גאנצער וועלט, צו דער ציוויליזירטער מענשהייט, זי זאָל ארויסגעבען איהר אורטייל איבער די אוממענשליכע מעשים פון זייערע אונטערדריקער און פארפאָלגער.

נאָך גוריע האָט מען זיך גענומען צו די איבעריגע פראָווינצען. אלע סאָציאל־דעמאָקראטען האָט מען גענומען פארפאָלגען און ארעסטירען, ווי אויך די מיטגלידער פון זייערע פאמיליעס און זייערע פריינד. אין דעם דיסטריקט ס ע נ א ק י האָט מען ארעסטירט איבער 200 פערזאָן. אין ק א כ ע ט י ע איז ניט געווען גענוג פלאץ אין די טורמעס פאר אלע ארעסטירטע, האָט מען 600 פאָליטישע געפאנגענע אריבערגעפיהרט נאָך טיפליס. אין ט י פ ל י ס גופא האָט זיך קיין איינציגע גרוזינישע פאמיליע ניט ארויסגעדרעהט פון אן אָביסק. וואו מ׳האָט נאָר געכאפט א סאָציאל־דעמאָקראט, האָט מען געשיקט אין טורמע. איבער 1,000 גענאָסען האָט מען אין יענע טעג ארעסטירט אין טיפליס.

באלד האָט די טשעקא אויפגעהערט צו פארעפענטליכען די ליסטען פון די דערשאָסענע און פון די, וואָס זיינען אויסגעגאנגען פון אונמענשליכע ליידען אונטער די הענט פון די פייניגער, וואָרים דאָס האָט ניט געמאכט דעם געווינשטען איינדרוק, נאָר פונקט פארקערט.

דער לעצטער ליסט, וואָס איז פארעפענטליכט געוואָרען, אנטהאלט די נעמען פון פ ו פ צ ע ה ן רעגירונגס־באאמטע פון די סאמע בחיר אינטעליגענטען פון גרוזיע: אויף מאָרגען נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 זיינען זיי געקומען און אוועקגעשטעלט אלע זייערע כחות אין דינסט פון דער דעמאָקראטישער רעפובליק. האָט מען

זיי איצט, דעם 24טען מאי, 1923, דערשאסען אהן שום משפט, בלויז אויפ'ן באפעהל פון דער טשעקא.

נאך דיזער היגריכטונג האבען די ליסטען פון די דערשאסענע אויפגעהערט צו ערשיינען, אבער מאסען-דערשיסונגען און פארשיקונגען זיינען פארטגעזעצט געווארען.

7. דער אויפשטאנד, און ווי ער איז דערטרונקען געווארען אין בלוט.

די דריי און א האלב יאהר פון דער באלשעוויסטישער הערשאפט איז פאר אלע דעמאקראטישע טיילען פונ'ם גרוזינישען פאלק געווען א צייט פון מארטירערטום. און דאס האט געבראכט צו דעם באוואפענטען אויפשטאנד אין אויגוסט און סעפטעמבער, 1924, וועלכער איז אונטערדריקט געווארען מיט אומ'ברחמנות'דיגער גרויזאמקייט.

ווער האט אנגעצונדען דיזען פייער, וועלכער איז באלד פארלעשט געווארען אין בלוט פון די ערהאבענסטע, נאבעלסטע זיהן פון גרוזיע, פון די אמת'ע רעוואלוציאנערען, סאציאל-דעמאקראטען און אנדערע מענשען, וואס זיינען געווען היים-איבערגעבען צום אידעאל פון סאציאליזם, וואס האבען געקעמפט פאר דאס רעכט פון זייער פאלק צו זיין אומאפהענגיג און פריי?

אין איצטיגען מאמענט, ווען ס'איז אזוי שווער צו שטעהן אין פארבינדונגען מיט גרוזיע און ווען די בלוט פון די דער'הרג'עטע גענאסען האט זיך נאך ניט אפגעקיהלט, איז אוממעגליך גענוי צו באשטימען די דירעקטע אורזאכען פון דעם אויפשטאנד און ווי גרויס ער איז געווען. דאך, קען מען פון די אויבען-געבראכטע פאקטען גאנץ קלאר זעהן, אז די הערשאפט פון דער סאוועט-רעגירונג האט באשאפען אזא שווערע דריקענדע אטמאספערע, דאס דער קלענסטער פונק איז געווען גענוג צו ברענגען צו אן אויפרייס. פון די אלע ידיעות, וואס מיר האבען באקומען פאר'ן סאמע אויפשטאנד, ווייזט אויס, אז די קאמוניסטען, וועלכע האבען גע'בעל-הבית'עוועט איבער'ן לאנד האבען דורך אלערליי וועגען אליין געזוכט ארויסצורופען, פראוואצירען א פאלקס-באוועגונג. אין דער זעלבער צייט אבער האבען זיי שטילערהייד אנגענומען מיטלען צו דערטרינקען דיזע באוועגונג אין בלוט און אויף אזא אופן איינמאל פאר אלעמאל פטור ווערען פון דער סאציאל-דעמאקראטישער געפאהר אין גרוזיע, וואס זיי האבען באטראכט אלס א סכנה פאר דער דארטיגער סאוועט-הערשאפט.

גלייך פון אנפאנג 1924 האבען זיך ווידער אנגעהויבען פארפאלגונגען פון אלע קלאסען פון דער גרוזינישער באפעלקערונג.

אין פעברואר און מערץ, 1924, זיינען מאסען ארעסטען געמאכט געווארען אין באטום, אין גוריע, קאכעטיע און

קארטוועליע. אין מינגרעליע אליין זיינען אריינגעזעצט געוואָרען איבער 1,000 פּערזאָן, צווישען זיי אַ סך פרויען. די לעצטע זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרען אין טורמ'ע דערפאַר, וואָס זיי האָבען געבעטען, אַז מ'זאָל צוריק עפענען די קלויסטערס, — אַ זאַך, וואָס די קאָמוניסטען אליין האָבען צוגעזאָגט און ניט ערפילט. די פרויען־דעלעגאַציע, וואָס איז געקומען אין טיפליס מיט אַ פּעטיציע וועגען דעם, איז אַרעסטירט געוואָרען.

אין מערץ זיינען אַ סך פרידליכע סוחרים אַרעסטירט געוואָרען. דאָס איז וואהרשיינליך געווען אַ רעזולטאט פון דער נייער פּאָליטיק וואָס דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט אין יענער צייט אָנגענומען מיט'ן אבזיכט פון דאָס־ניי אוועקצונעהמען דעם האַנדעל פון די הענט פון פריוואטע מענשען.*)

די גלחים זיינען אויך פאַרפאָלגט געוואָרען. דעם 10טען מערץ, 1924, איז געמאכט געוואָרען אַ פּראָצעס, אַ משפּט געגען דעם „קאַטאָליקאָס", דער אויבער־גלח פון גרוזיע**), פאַר דערלאַנגען אַ פּעטיציע צו דער גענואר קאָנפערענץ פון אַלע אייראָפּייאישע מלוכות מיט אַ פּראָטעסט געגען דער סאָוועטישער אָקופּאַציע פון גרוזיע.

אַלע אַנדערע קלאַסען פון גרוזינישען פאָלק זיינען אויך אויסגעשטאַנען אַלערליי פאַרפאָלגונגען, אָבער די הויפּט־פּיילען זיינען געצילט געוואָרען אין די ארבייטער און פּויערים פון גרוזיע און אין זייער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

דער לוין פון די אַרבייטער איז פאַרקלענערט געוואָרען. אייזענבאהן־אַרבייטער זיינען פאַר'משפּט געוואָרען צום טויט פאַר פאַרנאַכלעסיגען אדער פארפעהלען זייער ארבייט. דאָס האָט געפירט צו אַ רייהע געוואלדיגע פּראָטעסט־מיטינגען, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרען פון די ארבייטער. די גרוזינישע פּויערים, פאָלשטענדיג רואינירטע, האָבען געמוזט צאָהלען אונגעהויערע שטייערען.

אַלע קלאַסען זיינען געווען מורא'דיג דערצאָרענט און אויפגעבראַכט. אונטער אַזוינע אומשטענדען, ווען די עלעמענטאַרסטע מענשליכע רעכטע זיינען געטראָטען געוואָרען מיט די פיס, זיינען די פּאָליטישע פּאַרטייען און דער גאַנצער פאָלק געטריבען געוואָרען צו עפּעס אַ פאַרצווייפעלטען טאַט, וועלכער האָט אָבער ביי די היינטיגע אומשטענדען ניט געקענט זיין ערפאָלגרייך, ווייל די קרעפטען פון די קעמפּענדע צדדים זיינען געווען שרעקליך אומגלייך. ווארים וואָס פאַר אַ ממשות האָט דאָס קליינע לאַנד גרוזיע געגען די ארמייען פון דער גרויסער מלוכה רוסלאַנד?

---

*) דיזע פּאָליטיק איז שוין ווידער געענדערט געווארען. רעד.

**) די גרוזיער האָבען אַ באַזונדערע קריסטליכע רעליגיע. רעד.

דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז ניט געלונגען צו קאָנטראָלירען די אַלגעמיינע אויפרעגונג, האָט זי קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי נאָר צו שטעלען זיך אַן דער שפּיצע פון דער באַווע־גונג, כדי נישט צו לאָזען די אַרבייטער און פּויערים מאַרשירען אַליין, אָהן יעדער שום פיהרונג.

די פאָלגענדע באַשרייבונג איז געגרינדעט בלויז אויף דאָקומענ־טען, וואָס די קאָמוניסטישע פּרעסע האָט פאַרעפענטליכט. די סאָוועט־רעגירונג קען זיי דעריבער ניט אָפּלייקענען.

פון דיזע דאָקומענטען ציינגט זיך ארויס, אַז ערב דעם אויפשטאַנד איז די קאָמוניסטישע מאַכט געוועזן די איינציגע קראַפט, וואָס איז געוועזן אימשטאַנד צו פאַרמיידען די בלוט־פאַרגיסונג. זי האָט געהאַט אַלע מעגליכקייטען ניט צו דערלאָזען צו אַ קאַטאַסט־ראָפע און פאַרטרייבען די שווערע כמאַרעס פון אַ פאַרביטערטען קאַמף, וואָס זיינען געהאַנגען איבער׳ן לאַנד.

די בריף פון געגאָסע וו. דזשוגעלי*), וועלכע זיי־

דאָס איז געווען נאָך פאַרהעלטניסמעסיג אַ יונגער, אָבער זעהר אַן איבער־געגעבענער, טרייער און מוטיגער קעמפער. ער האָט געהאַט אַן אומגעהייערען איינפלוס צווישען די אַרבייטער אין גרוזיע. מיט עטליכע חדשים פאַר דעם אויפשטאַנד איז ער אומלעגאַל אַריבערגעפאַהרען פון אויסלאַנד אין גרוזיע און האָט זיך דאָרטען פאַרנומען מיט אומלעגאַלער אַרבייט ביז ער איז אַרעס־טירט געוואָרען איז טיפליס דעם 6טען אויגוסט, 1924, אַ דריי וואָכען פאַר׳ן אויפשטאַנד. ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבען, האָבען די באָלשע־וויקעס איהם דערשאָסען מיט נאָך פילע גענאָסען צוזאַמען. רעד.

נען אָפּגעדרוקט געוואָרען אין די באָלשעוויסטישע צייטונגען, זיינען אַ באַווייז דערויף. זיי ציינגען פריהער פאַר אַלץ, אַז די קאָמוניסטען האָבען געהאַט זייערע אַגענטען אין פילע געהיימע אָרגאַניזאַציעס. זיינען זיי, כדרך הטבע, געווען גוט אינפאָרמירט פון דעם קומענדען אויפשטאַנד. געגאָסע דזשוגעלי, וועלכער איז אָהן ספק אַרעסטירט געוואָרען אויפ׳ן פאַרראַט פון אימיצען פון די אינטימע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט גוט באַגריפען, אַז דאָס באַלק, וואָס ווערט פּראָוואָצירט צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד, וועט זיכער דערשטיקט ווע־רען אין בלוט. האָט ער באַשלאָסען אָנצואווענדען אַלע מעגליכע מיט־לען, אפילו זעלבסטמאָרד, כדי אויסצומיידען אַ נאַציאָנאַלען אומ־גליק. ער האָט געשריבען צו זיינע תליונים, האָפענדיג אַז אין זייערע

---

*) וואַליקאַ דזשוגעלי איז געווען אַ מיטגליד פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער גרוזינישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און דער קאָמאַנדיר פון דער „אַרבייטער גוואַרדיע” בשעת דער גרוזינישער פרייער רעפּובליק.

הערצער געפינט זיך נאָך אַ פונק פון מענשליכען געפיהל און זיי וועלען אפשר אויסמיידען בלוט־פארגיסונג.

דערנאָך האָט ער אין זיין יאוש פּרובירט מאכען אַ סוף צו זיין לעבען, האָפענדיג, ווי ער האָט געשריבען, אז אפשר וועט דאָס מאכען אַ רושם אויף ביידע צדדים, זיי זאָלען זיך באַדאַכטען וואָס זיי טוען. זיין זעלבסטמאָרד איז ניט געלונגען. אָבער גלייך נאָכדעם האָט איהם באַזוכט דער פּרעזידענט פון דער טשעקא, קוואַנטאַליאַני, און האָט איהם פריינדליך פארגעוואָרפען פאר באַגעהען אַ „חדר־אינגעל'ס טאַט", אָנשטאָט צו פארהאַנדלען מיט איהם און זעהן לייזען די וויכטיגע און געפעהרליכע פראַגען.

דזשוגעלי דערצעהלט וועגען דעם אין זיין בריף:

„אַט אין דיזען מאָמענט (ס'הייסט נאָך זיין זעלבסטמאָרד־פּארזוך. רעד.) זייט איהר צו מיר געקומען און גערעדט אויפריכטיג, ווי איך דענק. איהר האָט געזאגט: „ס'לוינט זיך ניט צו נעמען שטאַרק צום הארצען פון אַזאַ נארישקייט, ווען ס'זיינען פאראן פיל וויכטיגערע פראַגען. מיר ווייסען, וואָס איהר גרייט צו אין דרויסען, אַ באַוואפענטען אויפשטאַנד. מיר וועלען עס זיכער ניט דערלאָזען. איך וועט ניט געלינגען צו אָרגאַניזירען אַן אויפ־שטאַנד. איהר וועט אפשר פּראָוואָצירען עפּעס אַן אוואַנטיורע. איהר זאָלט עס וויסען, אז מיר וועלען עס, אָהן רחמנות, דערשטיקען אזוי, אז דאָס וועט זיין אַן אומגליק. מיר ווילען ניט דיזען אומגליק, און מיר זאָגען דעריבער: „עס מוז געמאַכט ווערען אַ סוף צו דיזע אַלע צוגרייטונגען, ווי אויך צו אַלע אַנדערע מעגליכע אונטערנעמונגען. דאַרף עס דאָס פאָלק האָבען? מיר ערקלערען, אַז ניט".

ניט זייענדיג אימשטאַנד צו פארמיידען דעם „נאַציאָנאַלען אומ־גליק", האָט גענאָסע דזשוגעלי, ווי אַן אַ שטרוי, זיך אָנגעכאַפּט אַן דער ערקלערונג פון קוואַנטאַליאַני, דעם פּרעזידענט פון דער טשעקא, און האָט גענומען אויף זיך די פאראַנטוואָרטליכקייט ניט צו דער־לאָזען צו קיין באַוואפענטען אויפשטאַנד און צו זעהן געפינען עפּעס אַ צייטווייליגע פּשרה צווישען דער סאָוועט־רעגירונג און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּארטיי פון גרוזיע.

האָבענדיג דאָס אין זינען, האָט ער געשריבען צו קוואַנטאַליאַני'ן:

„איך האָב אייך געענטפערט, אז שוין דריי יאָהר ווי מ'רעדט פון צוגרייטונג צו אַ באַוואפענטען אויפשטאַנד, אָבער אין דער אמת'ען ווערען ניט געמאַכט קיינע שום צוגרייטונגען, ניט בלויז ווייל איהר גיט גוט אכטונג, נאָר אויך ווייל די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען מורא פאר אַזעלכע ריזיקא־לישע אוואַנטיורעס און מיידען זיי אויס. מ'קען זיך האָבען וואָס פאר אַ מיינונג מ'וויל וועגען דער גרוזינישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָבער עס איז זיכער, אז זיי לאָזען זיך ניט פארפיהרען אין אוואַנטיוריסטישע אונטער־נעמונגען. איהר ווילט מיט מיר ריידען אויפריכטיג און איהר פּרעטענדירט

צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון דער נאַציאָן. ערלויבט מיר אויך צו זיין אויפריכטיג און צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון דער נאַציאָן, ווי א י ך פארשטעה זיי. אויב מיר ביידע ווילען טאַקע באמת ראַטעווען די נאַציאָ־ פון א סכנותדיגען שריט, זיינען מיר אימשטאַנד דאָס צו טאָן, און צו דיזען צעק ברויכען מיר בלויז האָבען אויפריכטיגקייט און פשוט׳ען פארשטאַנד. איהר זאגט, אז עס איז נויטיג, איין מאָל פאר אלע מאָל, צו באַזייטיגען פון אונזערע באציהונגען די פראגע פון אן אויפשטאַנד. צוליב מיין פלוצלינגען ארעסט און צוליב געוויסע לעצטע ידיעות, בין איך כמעט גרייט צוצוגעבען, אז אייער מיינונג איז ריכטיג. אבער כדי איך זאָל עס טאקע צוגעבען, איז פאר מיר נויטיג פריהער צו באקומען פון אייך באזונ־דערע אינפארמאציע".

„מיר האבען דעריבער באשלאָסען, אז מיר זאָלען זיך ווידער טרעפען אין אָוועגט, און אז איהר וועט מיר ווייזען געוויסע דאָקומענטען. היינט ביי־נאַכט האָט איהר זיי געוויזען...

„איך האָב געזעהן, אז איהר גיט גוט אכטונג און אז, פון צווייטען זייט ווידער, איז צווישען אונז פאראן „געוויסע טיפען",*) האָב איך דעריבער נים געטראכט מעהר און אָנגענומען מיין באשלוס.

„איך בין איבערצייגט, אז אונטער דיזע אומשטענדען וועט איהר שטענדיג זיין אימשטאַנד ניט צו דערלאַזען דעם אויפשטאַנד זיך פארשפרייטען, אזוי אַרום אז אַן אויפשטאַנד וואָלט זיך געמוזט פארוואנדלען אין אן אַזאַרטנע שפּיל, וואס וואָלט זיך אויסגעלאַזען צו א נאציאָנאלען אומגליק. און אין דער צוקונפט וואָלט די פראגע וועגען אַן אויפשטאַנד מעהר און מעהר זיך אָנגעטראָפען מיט שוועריגקייטען. דעריבער דארף די סאָציאל־דעמאָקראטיע זיך ערקלערען ענטשיידען געגען דעם אויפשטאַנד און אויסמעקען דיזע פראגע פון אונזערע באציהונגען. אזוי ווי איך בין באקאנט מיט דער אלגעמיינער שטימונג פון די סאָציאל־דעמאָקראטען, און נעמענדיג אין אנבאטראכט מיין אייגענע אויטאָריטעט, וואָס איך האָב ביי די חברים אין דיזען ענין, ערקלער איך ענטשיידען, אז מיר וועט עס געלינגען צו ברענגען צו א גינסטיגער לעזונג פון דער פראגע. איך ווידערהאָל: עס איז אַבסאָלוט קלאָר, אז דיזע פראגע פון א באוואַפנעטען אויפשטאַנד מוז באשטימט פארטריבען ווערען פון אונזערע אונטערהאנדלונגען, און אז צו דיזען צוועק דארף די לופט געריי־ניגט ווערען. צום שלום, וויל איך צוגעבען, אז איך, פון מיין זייט, בין אין א לאגע צו ארבייטען אין דיזער ריכטונג.

„צום סוף שלאָג איך פאר פאלגענדעס: עס וואָלט געווען צו נידעריג פאר מיין ווירדע צו זאָגען א ליגען, צו ערקלערען, אז איך ווער אן אָנהענגער פון סאָוועט־רעזשים און הייב אָן אָפּצולייקענען יעדע אַרט אָפּאָזיציע געגען דער סאָוועט־רעגירונג. פונדעסטוועגען ערקלער איך ענטשלאָסען, אז איך

---

*) פאַררעטער. רעד.

אַנערקען ניט די מעגליכקייט פון א ב אַ ו ו אַ פ ע נ ט ע ן קאמף, וואס וועט ברענגען בלויז צו א גרויסען נאַציאָנאַלען אומגליק. אלזא, אויב איהר האָט דעם מינדעסטען צוטרוי צו מיין עהרליכקייט, טאָ ערלויבט מיר צו האנדלען. איך בין זיכער, אז מיר וועט זיך איינגעבען אלץ קלאָר צו מאַכען און באשטימט צו באַזייטיגען דעם ענין פון אַן אויפשטאַנד, דאָס הייסט די פראגע, וואס שטעהט צווישען אונז שוין איבער דריי יאָהר צייט און פאראורזאכט אזוי פיל אומרוהיגקייט און אזוי פיל קרבנות. די באַזייטיגונג פון דיזער פראגע וועט אויך אפרייניגען דעם וועג פאר אונזערע צוקונפטיגע באציהונגען.

„וואָס איך בעט, איז פאָלגענדעס: ערלויבט מיר, אויף מיין עהרען־וואָרט, אָדער אויף א גאראנטיע, אדער איהר וועט מיר געבען איינצונעהמען עפּעס א לאנגזאם־ווירקענדען גיפט (עס קלינגט נאריש, אבער ס'איז גאר ניט אזוי נאריש), ערלויבט מיר צו פארלאָזען די טשעקא אויף א דריי־פיר טעג און איך וועל אפראמען פון וועג דיזע פארפלוכטע פראגע.

„מיר ביידע, סיי איך, סיי איהר, זיינען דאָך גלייך פאראינטערעסירט אין דעם: מיר, אלס א קעמפענדע פארטיי, און איהר, אלס א רעגירענדע מאכט. מיר זיינען דאָך ביידע באַגייסטערט פאר די אינטערעסען פון פאָלק און מיר ווילען זיך ניט שפּילען מיט זיינע אינטערעסען.״

דיזער בריף איז געשריבען געוואָרען דעם 9טען אויגוסט, 1924, דריי אוהר באַגינען, דאָס הייסט, כמעט דריי וואָכען פאר'ן אויפשטאַנד (וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען דעם 28טען אויגוסט). און געשריבען געוואָרען איז עס פון א מאַן, וועגען וועלכען די קאָמוניסטען האָבען זעהר גוט געוואוסט, אז מיט זיין וואָרט רעכענען זיך זעהר שטאַרק די ברייטע פאָלקס־מאַסען און זייערע אָרגאַניזאַציעס. דאָס האָט די טשעקאַ גוט געוואוסט, און ווען זי וואָלט דאָס טאַקע באמת געוואָלט, האָט זי בלויז גענדארפט אָננעהמען דזשוגעלי'ס פאָרשלאַג און דעם אויפשטאַנד וואָלט מען געקענט אויסמיידען.

אָבער די קאָמוניסטישע הערשער האָבען ניט געוואָלט קיין פריעדען, זיי האָבען געלעכצט נאָך בלוט — פון זייערע פּאָליטישע געגנער. אוועקלעגענדיג דזשוגעלי'ס בריף אָן א זייט, האָבען זיי אָנגעפאַנגען מיט איהם אונטערהאַנדלונגען אום ארויסצוקריגען פון איהם א פארשפּרעכען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּארטיי וועט זיך בכלל פּאָליטיש אונטערגעבען, ווי אויך צו פועל'ן ביי איהם, ער זאָל ארויס עפענטליך ניט נאָר געגען א באוואפענטען אויפשטאַנד, נאָר אויך קעגען י ע ד ע ר אָפּאָזיציע צום סאָוועט־רעזשים. דזשוגעלי האָט זיך אָבער אנטזאַגט צו געבען אזא פארשפּרעכען.

אין זיין גרויסער פארצווייפלונג האָט דזשוגעלי געשריבען צום צענטראַל קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פארטיי און גע־

בעטן די גענאָסען און אַנדערע ניט אָנצופאַנגען קיין באוואפענטען קאַמף, אום צו פאַרמיידען אַן אומזיסטע בלוט־באָד.

זיינע בריף וואָלטען זיכער ניט דערלאָזען דעם אויפשטאַנד און וואָלטען געראַטעוועט דאָס לאַנד פון די אַלע אומגליקען. אָבער צום אומגליק זיינען אַלע זיינע בריף פאַרבליבען אין די הענט פון דער טשעקא, וועלכע האָט זיי פארהאַלטען און ניט געלאָזט דערגרייכען אהין, וואו זיי זיינען געשיקט געוואָרען.

ביז דעם 28טען אויגוסט, ס׳הייסט ביז׳ן טאָג פונ׳ם אויפשטאַנד, האָט די טשעקאַ קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגען די בריף. ערשט ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך שוין צופלאַקערט האָט די טשעקא זיי אַ שליידער געטאָן אין דער עפענטליכקייט מיט׳ן צוועק אריינצוברענגען מחלוקות און אַ שפּאַלטונג אין די רייהען פון די רעוואָלוציאָנערען און דורך דעם צו פאַרלייכטערען די בלוטיגע ארבייט פון די רויטע מחנות.

די טשעקא האָט ניט אנדערש געוואָלט בלוט, און ד אָ ס איז איהר געלונגען איהר האָט זיך אבער ניט איינגעגעבען צו דערגרייכען דעם צ ו ו י י ט ע ן ציל — צו פאַרוואנדלען דיזע פאלקס־באַוועגונג אין ווילדע לאָקאַלע קאַמפען.

דער אויפשטאַנד האָט זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ גרוזיע, ביז די פאַרוואָרפענסטע ווינקעלאך, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס ערב דעם אויפשטאַנד, ווי אויך דורך דער צייט פון דעם אויפשטאַנד, האָט די טשעקאַ אַרעסטירט אַלע פיהרער פון דער באַוועגונג, וועלכע איז דורך דעם געבליבען אָהן אַ הויפּט־ריכטונג.

די באָלשעוויסטישע צייטונגען רופען דעם אויפשטאַנד אָן אַ „משוגענע אַוואַנטיורע“ פון אַ „הייפעל מענשעוויסטישע באַנדיטען, פּריצים און גלחים“. פונדעסטוועגען, ווען מ׳זאָל אפילו ניט נוצען קיין אַנדערע ידיעות, אַחוץ די פאַקטען און ציפערען, וואָס זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען פון די אָפיציעלע קאָמוניסטישע צייטונגען גופא (די „זאַראַי וואָסטאָקאַ“ און „ראַבאָטשאַיאַ פּראַוודאַ“ אין טיפּ־ליס, און „פּוכאַראַ“ אין באַטום), באַקומען מיר אזאַ בילד:

אין מערב־גרוזיע, צווישען דעם שוואַרצען ים און דעם סוראַם־טאָל האָבען די רעוואָלוציאָנערען פאַרכאַפּט די פּראָווינצען אָזורגעטי (גוריע) סענאַקי, זוגדידי (מינגרעליע), שאַראָפּאַני און קוטאַאיס (אי־מערעטיע). אין מזרח־גרוזיע האָט זיך די באַוועגונג פאַרשפּרייט ביז די פּראָווינצען דושעטי, טיפּליס, דעלאַוואַ און גאָרי. די הויפּט־ליניע פון דער טראַנסקאַווקאַזער אייזענבאַהן, פון דער סטאַנציע נאָטאַנעבי (צוויי סטאַנציעס פון באַטום אין דער ריכטונג פון טיפּ־ליס) ביז׳ן סוראַם־טאָל, איז געווען אין די הענט פון די רעוואָלוציאָ־נערען. זיי האָבען אויך פאַרכאַפּט די פאָלגענדע אייזענבאַהן־ליניעס,

פון איין יעק ביז'ן צווייטען: נאטאנעבי־אזור, געטי, סאמטעדי־פאטי,
און שאראפאני־טשיאטורי. די אייזענבאהן צווישען טיפלים און דעם
טאל איז איבערגעשניטען געווארען אין עטליכע פונקטען. די באטור־
מער צייטונג „פוכארא“ האט דעם 2טען סעפטעמבער געדרוקט אן
אפיציעלע ידיעה פון וועלכער עס איז צו זעהן, אז נארמאלע פארבינ־
דונגען זיינען ווידער איינגעשטעלט געווארען ערשט דעם 1טען סעפ־
טעמבער, דאס הייסט, פינף טעג נאך דעם אויסברוך פון דעם אויפ־
שטאנד.

א באדייטענדער פאקט איז, וואס די באוועגונג האט זיך באזונ־
דערס ברייט און שטארק פארשפרייט אין די פארטגעשריטענסטע
טיילען פון גרוזיע, אין יענע צענטרען, וואס זיינען גוט באקאנט מיט
זייער רעוואלוציאנערער פארגאנגענהייט. דער קאמוניסט מיאסני־
קאוו*) באהויפטעט פאלגענדעס אין דער „זאריא וואסטאקא“, נומ.
677, פון 14טען סעפטעמבער, 1924:

„אין גרוזיע, מינגרעליע, אימערעטיע, און קאפעטיע האט די באוועגונג
אויסגעזעהן אנדערש אין יעדע פון דיזע געגענדען. באזונדערס גרויס איז עס
געוועזען אין גוריע. דארט האט עס ארומגעכאפט געוויסע דארפישע באפעלקע־
רונגען און אלע מענשעוויסטישע ארגאניזאציעס, אהן אויסנאמען. וואס איז
די אורזאכע דערפון? אין גוריע איז אונזער ארגאניזאציע געוועזען שוואכער
פון דער מענשעוויסטישער. ס'זיינען דארט געוועזען אומגעפעהר 1200 מיטגלי־
דער אין דער קאמוניסטישער פארטיי. ווען די מענשעוויסטישע רעגירונג
איז געפאלען, האט מען דארט גערעכענט ביי 7000 מענשעוויקעס. אפילו ווען
א העלפט פון דיזער צאהל איז דעזארגאניזירט געווארען, איז דאך נאך אלץ
פארבליבען איבער 3000 מענשעוויקעס. די מענשעוויסטישע ארגאניזאציע
איז א בעסערע ווי אונזערע. דא איז אם פלאץ צו דערמאנען די געשיכטע פון
גרוזיע. פון יאהר 1905 אן האט גרוזיע געפיהרט אן אויפשטאנד געגען דעם
צאר. א גרויסע מאיאריטעט פון די אנפיהרער פון דער מענשעוויסטישער
פארטיי זיינען געבארענע גוריער און האבען דא זייערע פאמיליעס און
פריינד. עס דארף אויך באמערקט ווערען, אז די אדעל־לייט (דוואריאנעס) פון
גרוזיע זיינען גאר ניט עהנליך צו די אדעל־לייט פון רוסלאנד. זיי זיינען
גאר קליינע ערד־אייגענטימער, וואס פארמאגען שטיקלאך לאנד, ארום אכט־
צעהן דעסיאטין, אומגעפעהר ווי די רייכערע רוסישע פויערים. אין די
גוריער דערפער האבען זיך די פויערים צו זיי באצויגען פריינדליך, ווי צו
גלייכע. מ'דארף אויך ניט פארגעסען, אז די גוריער פוערים זיינען ניט

*) מיאסניקיאנץ, א לאיער (אדוואקאט), אן ארמעניער, וועלכען מען
דארף ניט צומישען מיט מיאסניקאוו, דעם אוראלער קאמוניסטישען ארבייטער,
וועגען וועלכען עס ווערט דערצעהלט אין דיזען בוך אויף אן אנדער פלאץ.
— רעד.

אזוי אומגעבילדעט, ווי אונזערע; צווישען זיי איז פאראן א גרויסע צאָהל אזעלכע, וואס קענען לעזען און שרייבען.

„ווען די מענשעוויסטישע באוועגונג אין גוריע איז אונטערדריקט געווארען, האָט אַן איינוואוינער פון דיזער פּראָוינץ געזאָגט: „די באוועגונג איז טאַקע ארונטער, אָבער גאנץ־איראָפּע וועט וויסען פון דעם".

„דאָס אַלץ גיט א דייטליכען באַגריף פון דער גאנצע פראגע. מענשען האָבען געוואלט באַקומען מאַכט און זיי האָבען זיך געטראכט אזוי: „מיט וואָס איז דער באָלשעוויק, וועלכער האָט פארכאפּט די מאכט, בילכער פון מיר? איך קען רעגירען פּונקט אזוי גוט ווי ער. איך האָב דאָך שוין א דרייסיג יאָהריגע ערפאהרונג."

אין אַנדערע געגענדען האָט זיך אויך די באוועגונג פאַרשפּרייט, הגם אפשר ניט אַזוי גוט אָרגאַניזירט. מיאַסניקאָוו אַליין איז גע־צוואונגען עס צוצוגעבען ניט־ווילענדיגערהייט. ער ערקלערט עס מיט דעם גרויסען איינפלוס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און דער שוואַכקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז נאָך צו־יונג: *)

„די מענשעוויקעס, אלס אַן אָרגאַניזאציע, זיינען שוין געווען צובראָכען מיט אַ יאָהר צוריק. אָבער גרוזיע איז דורך דעם ניט פּטור געווארען פון מענשעוויקעס. דער מענשעוויזם עקזיסטירט שוין דאָ יאָהרען לאנג, ווערהענד אונזער פּארטיי איז נאָך אין א צושטאַנד פון וואקסען. געוויס האָבען מיר, צווישען אונז אלטע קעמפער, אבער צווישען די מאסען איז אונזער פּארטיי נאָך יונג. ווען די מענשעוויקעס האָבען פארלאַרען די מאכט, האַבען זיי איבערגעלאָזען 80,000 מיטגלידער פון זייער פּאַרטיי, און דער בורזשואַ־זער פּאטריאָטיזם האָט איבערגענומען די מענשעוויסטישע געדאנקען מיט זייערע טראדיציעס נאך פון דער צייט ווען זיי האָבען געקעמפט געגען דעם צאַריזם." („זאַריא וואסטאָקא", נומ. 677, 14טען סעפּטעמבער, 1924).

די קאָמוניסטען סטאַרען זיך פאָרצושטעלען די גאנצע באווע־

*) ס'איז אינטערעסאנט צו באמערקען, אז דער סאָוועטישער הויפּט־דיקטאַטאָר, א געבאָרענער גרוזין, סטאַלין, איז ניט מסכים מיט אזא מין ערקלערונג פון דעם גרוזינישען אויפשטאַנד. אין זיין באוואוסטער רעדע, וואָס ער האָט געהאלטען אין מאָסקווע אין נאָוועמבער, 1924, שטעלט ער די פראגע: „פּאַרוואָס איז דער אויפשטאַנד געווען אם שטאַרקסטען דוקא דאַרט, וואו אונזער פּארטיי האָט געהאט די בעסטע און די שטאַרקסטע אָרגאניזא־ציעס?" און ער פארענטפערט די סיבות פון דעם אויפשטאַנד דורך דער אומצופרידענקייט פון דעם גרוזינישען פּויער. דאָסזעלביגע זאָגט אויך ריקאָוו, דער סאָוועטישער פּרעמיער: „אין גרוזיע איז דער אויפשטאַנד ארויסגעקומען פון דער אומצופרידענקייט פון די פּויערים". („ר. ס. ד.", בערלין, 10טען דעצעמבער, 1924). רעד.

גונג אַלס די אַרבייט פון עטליכע צעהנדליג פּריצים, אָבער דאָס ווערט ווידערשפּראָכען אין זייער אייגענער פּרעסע, וועלכע רעדט וועגען „הונדערטער“ באוואפענטע און ניט־באוואפענטע פּויערים.

די גרעסערע מאַיאָריטעט פון די גרוזינישע פּריצים, די אַדעללייט, ניט בלויז אין גוריע, נאָר איבער'ן גאַנצען לאַנד, זיינען קליינע ערד־אייגענטימער, וואָס באַאַרבייטען מיט די אייגענע הענט זייערע קליינע שטיקלאַך לאַנד און סימפּאַטיזירען מיט דעמאָקראַטישע אידעען. דאָס ערקלערט, וואָרום די באָלשעוויקעס רעכענען אַריין אַלע אַזעלכע קליינע פּריצים צווישען די בונטאָוושטשיקעס. די באָלשעוויקעס נאַרען אָפּ די עפענטליכע מיינונג פון אייראָפּע, ווען זיי שטעלען פאָר דיזע „פּריצים“ אַלס אַ מין קלאַס „אַריסטאָקראַטען“, גרויסע ערד־מאַגנאַטען. מיר קענען אָנרופען גענוג קאָמוניסטישע פאָלקס־קאָמיסאַרען אָדער איינפלוסרייכע קאָמוניסטישע פּערזאָנען, וואָס געהערען צו דעם זעלבען קלאַס. אַזוי, למשל: גאַגאָבערידזע, אַרדזשאַנאַקידזע, קאַריאַני, לאַמינאַדזע, מדיוואַני און אַנדערע.

מ'קען זיך לייכט פאָרשטעלען די שטימונג פון דער באַפעלקערונג, אויב אָרדזשאָנאַקידזע אַליין דערצעהלט, אַז פּרויען האָבען צוגעגעבען מוט זייערע מענער צו באַטייליגען זיך אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג („זאַריאַ וואָסטאָקאַ“, נומ. 670, 13טען סעפּטעמבער, 1924).

די קאָמוניסטען באַהויפּטען, אַז דער אויפשטאַנד איז געווען אין גאַנצען אַן אומבאַדייטענדער, אַ לעכערליכער, היינט פאַרוואָס האָבען זיי אָנגעווענדעט די גרויזאַמסטע און אונמענשליכסטע מיטלען צו אונטערדריקען איהם?

דער אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכען דעם 28טען אויגוסט. דעם 29טען אויגוסט זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרען דזשוגעלי'ס דערמאָנטע בריף, און דעם 30טען איז ער שוין פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט, צוזאַמען מיט אַנדערע חברים, „פאַר צוגרייטען אַ באוואַפענטען אויפשטאַנד“, דעמזעלבען אויפשטאַנד, וועלכען ער האָט זיך אַזוי שטאַרק באַמיהט צו פאַרמיידען.

דעם 21טען אויגוסט, 1924, איז אין דער „זאַריאַ וואָסטאָקאַ“ אָפּגעדרוקט געוואָרען אַ ליסט פון 24 פּערזאָן, וואָס זיינען דערשאָסען געוואָרען אין דער טשעקאַ. דאָס רוב פון זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרען אַ לאַנגע צייט פאַר'ן אויפשטאַנד. אַזוי איז כאָמעריקי אַרעסטירט געוואָרען אין אָקטאָבער 1923; פאַגאַווא — אין יאַנואַר, 1924; טשיקוויטשווילי און נאָדיאַ — אין יוני, 1924; דזשוגעלי — דעם 6טען אויגוסט, 1924; ציסקאַרישווילי, טשיטאַשווילי, אַסיאַטיאַני און פילע אַנדערע זיינען שוין איבער אַ יאָהר געזעסען אין

טורמע. זיי האָבען זיך, אַלזאָ, ניט ג ע ק ע נ ט באַטייליגען אין דעם אויפשטאַנד, אַפילו ניט אָרגאַניזירען איהם. זיי זיינען אָבער ג׳צוועז מיטגלידער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי (כאָמעריקי, טשיקווישווילי, דזשוגעלי, צענטעארדזע) אָדער פאָרשטעהער פון דיזער פאַרטיי אין פאַרשיידענע שטעדט פון לאַנד. איז דאָס געווען גענוג „פאַרברעכען“ פאַר די באָלשעוויקעס צו דערשיסען זיי.

אינגאַנצען זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען 87 נעמען פון פערזאנען, וואס זיינען דערשאסען געווארען. און די גרעסטע צאָהל פון זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרען אַ לאַנגע צייט פאַר׳ן אויפשטאַנד.

צווישען די ד׳ערשאָסענע זיינען פאַראַן אַ סך גוט־באַקאַנטע סאָציאַליסטען, ווי אויך בכבוד׳ע פאָרשטעהער פון די אינטעליגענטע קלאַסען, ווי פּראָפעסאָרען, שרייבער, גרויסע דאָקטוירים, וואָס האָבען אַוועקגעגעבען זייער ל׳עבען פאַר דער באַפרייאונג פון זייער לאַנד.

„נקמה, טויט, קיין רחמנות אויף די מענשעוויקעס“, — אָט דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו פון די פילע רעזאָלוציעס, וואָס קאָמוניסטישע פאַרזאַמלונגען האָבען אָנגענומען אין גרוזיע אויף דעם באַפ׳צהל פון דער קאָמוניסטישער רעגירונג, וועלכ׳ע איז שיכור פון דעם בלוט, וואָס זי האָט פאַרגאָסען.

מיט פשוט׳ען הרג׳ענען אַליין האָבען זיי זיך ניט באַנוגענט, אָט דיזע לייט. זיי האָב׳ען צוגעגרייט, אויסגערעכענט די הריגות מיט אַלע איינצעלהייטען און קליינינקייטען. זייער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ פאַרדאָרבענער, אונפאַרשעמטער אָפשיילּיכקייט, וואָס האָט גאָר צו זיך קיין גלייכען ניט, — אַ מין סאַדיזם, אַ קראַנקע פאַרדאָרבענהייט, וואָס גרענעצט מיט משוג׳עת.

„וויפיל דערשאָסען?“ — האָט אַ גוט־באַוואוסטער קאָמוניסט געפרעגט ביי קאַביאַני אויף א מיטינג פון זיין פאַרטיי, אויף וואס יענער האָט איהם אונפאַרשעמט געענטפערט:

„צו וואָס ברויכסטו גענויע צאָהלען? געשאָס׳ען האָט מען שוין גוט. קיין גרויס שמחה פאַר׳ן אָרגאַניזירען דעם אויפשטאַנד וועלען זיי שוין ניט האָבען“. („ראַבאָטשאַיאַ פּראַוודאַ“, 11טען סעפּטעמבער, 1924, נומער 27, קאַביאַני׳ס באַריכט).

שפּעטער האָט מען געהערט, ווי ע׳ר האָט זיך באַריהמט: „מיר האָבען זיי געשאָסען הונדערטערווייז“.

אָט איז אַן אויסצוג פון זיינע רייד:

„מיר מוזען זאָגען, אז די מענשעוויקעס האָבען זיך ארויסגעוויזען אלס לעמעשקעס, אָהן כאראקטער, אָהן ביינער. זיי האָבען ארגאניזירט אַן אויפשטאַנד לויט דעמאָקראַטישע כללים, און האָבען ניט ג ע ו ו אַ ג ט צ ו ד ע ר ש י ס ע ן קיינעם פון אונזערע חברים, כאָטש מיר האָבען זיי

דערשאָסען הונדערטערווייז, איינגעשלאָסען מיטגלידער פון זייער צענטראל קאָמיטעט.״

דער זעלבער קאָמוניסט, וואָס פארנעמט אַ הויכען פּאָסטען און איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס ער האָט פארגאָסען אַזוי פיל בלוט און ניט אַרויסגעוויזען קיין שום רחמנות־געפיהל, באמערקט ווייטער מיט ציניזשער פאַראַכטונג:

„אפשר האָבען זיי געהאט אַנדערע אורזאַכען. זיי דערלאַנגען איצט צו אייראָפּע אַ באַריכט וועגען דעם, סטאַרען זיי זיך צו באַווייזען, ווי פיין זיי האָבען געהאַנדעלט געגען אונז, און ווייזען אין דער זעלבער צייט אָן אויף דער ווילדקייט פון די באָלשעוויקעס, וואס האָבען קיין שום איינזעהן ניט אויף מענשליכע לעבענס. זאָלען זיי ריידען, זיי קענען אונז גאר נישט שאדען.״ (ראַבאָטשאַיאַ פּראַוודאַ״, נומ. 207, 11טען סעפּטעמבער, 1924, קאַכיאַני׳ס באַריכט.)

לעזענדיג דאָס אַלעס, דענקען מיר, אַז יענע אונזערע פריינד, וועלכע זיינען ווי דורך אַ נס נצול געוואָרען פון טויט, איבערטרייבען ניט, ווען זיי שאַצען אַז די צאָהל דערשאָסענע דערגרייכט ביז 5,000.

דאָס גרוזינישע פאָלק בלוטעט פון טויזענטער וואונדען. צו די הונדערטע און טויזענטע דערשאָסענע קומען נאָך צו טויזענטע, טויזענטע אַרויסגעשיקטע, אָפט צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס, אין די פאַרשנייטע מדבריות פון צפון־רוסלאַנד. אַהין ווערט פאַרשיקט דער „אַוואַנגאַרד״ פון די קאַמפּסלוסטיגע, סאַמע רעוואָלוציאָנערסטע און סאַמע געבילדעטסטע מענשען פון לאַנד. זיי שלעפּען זיך אַהין, אין די פאַרוואָרפענסטע און איינזאַמסטע ווינקלאַך פון ווייטען צפון, פאַראורטיילטע אויף אויסצוגעהן דאָרט פון נויט און קעלט, איינזאַם, עלענד, פאַרגעסען.

אַן אָפּשיילכער פאַרברעכען ווערט סיסטעמאַטיש אָפּגעטאָן אויף אַ בעסטיאַלען אופן, אין מיטען צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. די מאָסקווער הערשער פאַרניכטען דאָס קליינע פאָלק גרוזיע און קיינער קומט ניט צו־הילף. זי געהט אויס, אַ פאַרבלוטיגטע, בלויז פאַר איהר טרייהייט צו דעמאָקראַטיע, צום סאָציאַליזם און צו נאַציאָנאַלער פרייהייט.